ראובן נאָכימאָווסקי

# צו דער געשיכטע פון דער
# יידישער אגענץ
# און איר פארברייטערונג

— מיט א הקדמה פון —

יצחק גרינבוים

תר״ץ—1930 וואַרשע

פארלאג „על־המשמר“

# צו דער געשיכטע
# פון דער יידישער אגענץ
# און איר פארברייטערונג

ראובן נאכימאווסקי
קאַנד. יור.

# צו דער געשיכטע פון דער יידישער אגענץ און איר פארברייטערונג

— מיט אַ הקדמה פון —
יצחק גרינבוים

ערשטער טייל

וואַרשע תר״ץ — 1930
פארלאג „על-המשמר".

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

**Rubin Nochimowski**
cand. iuris

# DZIEJE JEWISH AGENCY i JEJ ROZSZERZENIA

— z przedmową I. GRÜNBAUMA. —

Część I.

Wydawnictwo „Al-Hamiszmar", Warszawa 1930.

Drukarnia M. Prużańskiego, Białystok Lipowa 16.

געווידמעט מיינע ליבע עלטערן

צו זייער זילבערנער חתונה

Copyright by Rubin Nochimowski, Białystok Poland.

# אינהאלט

הקדמה פון יצחק גרינבוים 10—13

פון מחבר 14—16

## I. פון דער באלפור-דעקלאראציע ביזן מאנדאט (1922-1917)

א. אין אנהויב 17—25

וועלט-מלחמה — פערספעקטיוון — יידן בעת דער וועלט-מלחמה — האָפנונגען — באלפור-דעקלאראציע — איר באדייטונג — ווייטערדיגע פּאָליטישע דערפאָלגן — פרידנס-קאָנפערענץ אין פאריז — גרויסע אויפגאבע אין א אחריותפולער שעה — ציוניסטישער מעמאָריאל — דער אָנהויב — „יידישער ראט” — פארוואָס?

ב. ערשטער קאמף 26—32

אקציאָנס-קאָמיטעט-זיצונגען — ערשטער צוזאמענשטויס — ווייצמאַן-בראנדייס — צוויי שיטות — בראנדייסעס שטאַנדפּונקט — ווייצמאַנס קאָנצעפּציע — „איר שאפט א נייע אוגאנדע!” — דער קאָמפּראמיס — ווייטערדיגער קאַמף — דער אויסגאנג.

ג. דער מאנדאט 33—45

גלגולים פון מאַנדאַט — טעקסט-ענדערונגען — באשטעטיגונג פון מאַנדאַט — ארטיקל 4 — ארטיקלען 6 און 11 — גרונט-שטריכן פון א"י-מאַנדאַט — זיין ספּעציפישקייט — דער מאַנדאַט און די „יידישע אַגענץ” — די אויפגאבעס פון דער „יידישער אַגענץ” — „יידישע אַגענץ” און „יידישער ראט” — פּלוס און מינוס — אָפּשאצונג.

## II. די צוציאונגס-פראגע און דער קרן-היסוד

ד. סאן-רעמא 46—49

שלום-טראקטאַטן — טערקיי — הערצלס נביאות — סאַן-רעמאָ — גרויסער ציוניסטישער נצחון — די פארווירקלאַכונג — „איצט האָט איר דעם סטארט, און פון אייך הייגנט אָפּ, צי איר וועט דעם וועטלויף געווינען” — די היסטאָרישע אויפגאבע.

### ה. רצון און יכולת 50—55

ערשטע יאר=קאָנפערענץ אין לאָנדאָן — די לאגע פון יידישן פאָלק
נאָך דער וועלט=מלחמה — די טראגעדיע — מזרח און מערב —
ארץ=ישראל=אויפבּוי — וואס בּאדאַרף מען און וואָס וויל מען? —
מעגלאכקייטן — צוציען דעם גאנצן פאָלק — דער „קרן=היסוד" —
ערשטער שריט.

### ו. דער צוציאונגס־פּראָבּלעם 56—65

XII קאָנגרעס — דער רושם פון בּראנדייסעס סעצעסיע — ווייצ=
מאַנס קאָנצעפּציע — מער ווי איין וועג — די צוציאונגס=פּראגע —
ב. פּייוולס פּלאן — די אָפּאזיציע — קאָנגרעס החלטות — קאָנסיל
און דירעקטאָריום פון קרן=היסוד — דער רעזולטאַט.

## III. דער פאַרבּרייטערונגס־פּלאן פון דער „יידישער אַגענץ"

### ז. די סבּות 66—76

נאָך דער בּאשטעטיגונג פון מאַנדאַט — א נייע תקופה — ארטיקל 4
פון מאַנדאַט און דער פארבּרייטערונגס=פּראבּלעם — צי מוז די ציו=
ניסטישע אָרגאניזאציע פארבּרייטערן די „אַגענץ"? — סבּה אָדער
בּאזים — די לאגע אין ציוניזם — די פּראגע פון געלט=מיטלען —
פירנדע ציוניסטן וועגן דער דאָזיגער פּראגע — פּאָליטישע מיס=
ערפאָלגן — „פאָלק ישראל, וואו בּיסטו? פאָלק ישראל, וואָס טוסטו?"
— אָפיציעלע בּאגרינדונג — די פארבּרייטערונג פון דער „אַגענץ"
און איר ציל.

### ח. יידישער וועלט=קאָנגרעס 77—93

ציוניסטישע אָרגאניזאציע אלס די „יידישע אַגענץ" — דער פּראבּ=
לעם פון אויפריכטן די יידישע נאַציאָנאַלע היים אין א"י — בּיז=
אהעריגע וועגן און זייערע רעזולטאַטן — קאַרלסבּאדער יאר=קאָנפע=
רענץ — אירע בּאשלוסן — יידישער וועלט=קאָנגרעס פארן ווידער=
אויפבּוי פון ארץ=ישראל — די בּאדייטונג פון דער יאר=קאָנפערענץ
— געזעגענע פון געדאַנק פון א יידישן וועלט=קאָנגרעס — די קעגנער
פון יידישן וועלט=קאָנגרעס — א. ק.=סעסיע פון יאנואר 1923 און
אירע בּאשלוסן — אן אָנזאָג פון א נייעם וועג — ערשטע אונטער=
האַנדלונגען — א. ק.=סעסיע פון יוני 1923 — אוים וועלט=קאָנגרעס.

### ט. פאר און קעגן 94—115

דער נייער פּלאן, זיין שעפער און וואָרטזאָגער — בּאלטימאָרער
„קאָנווענשאָן" — פּראפ. ווייצמאַנס רעדע — די „פּראפּאזעלס" פון
דער „אדמיניסטראציע" — דרעזדענער קאָנפערענץ פון די דייטשע
ציוניסטן — 6=טער ציוניסטישער צוזאמענפאָר אין ווארשע — פאר=
בּרייטערן, פארבּרייטערן! — די אָפּאָזיציעס אין בּאלטימאָר, דרעזדן
און ווארשע — דער קריזיס אין דער פּוילישער ציוניסטישער אָרגא=
ניזאציע — גרינבּוימס אָפּאָזיציע צום נייעם פארבּרייטערונגס=פּלאן
— די אָפּאָזיציאָנעלע שטימונג אין דער פּרעסע און בּיי די פליגל=
פראקציעס — פארן XIII קאָנגרעס.

### י. XIII קאָנגרעס 116—139

די אויפגאַבע פון XIII קאָנגרעס — די קאָנגרעס=וואַלן — דער קאַמף — ווייצמאַנס דערעפענונגס=רעדע — זיינע באַדינגונגען — דר. סאָלאָווייטשיקס פּלאַן — אין דער עקזעקוטיווע — אוסישקינס קאָנצעפּציע — די לאַנדסמאַנשאַפטן — די אָפּאָזיציע — דעמאָקראַטישע פראַקציע — גרינבוימס רעדע — די תּשובה פון די פּרעזידענטן — ווייצמאַנס אולטימאַטום — די שטעלונג פון „התאחדות" — „צעירי=ציון" און „פּועלי=ציון" — „מזרחי" אויף זיין וועלט=קאָנפערענץ און אויפן קאָנגרעס — קאָנגרעס=באַשלוסן — קאָמפּראָמיס — פּראָוויזאָריום — מינדערהייטס=פאַרשלאַגן — דער אָנגעצייכנטער וועג.

## IV. די ערשטע שריט פון דער פאַרברייטערונג

### י"א. אראַבישע אגענץ 140—156

נאָכן קאָנגרעס — די פאַרברייטערונגס=אַרבעט — דער דיהוי — ענגלישע פּאָליטיק לגבי די אַראַבער אין א"י — טשערטשיל=ווייס=בוך — געזעצגעבערישער ראַט און באַראַטנדע קערפּערשאַפט — אַראַבישע פאָדערונגען — „ערעב איידזשענסי" — אַראַבישע אַגענץ און יידישע אַגענץ — די תּשובה פון די אַראַבער — די אויפרעגונג אין דער ציוניסטישער עפנטלאַכקייט — שטימען פון דער יידישער פּרעסע אין גלות און אין א"י — די ציוניסטישע אַרגומענטן — אויסעראָרדנטלאַכע סעסיע פון אַקציאָנס=קאָמיטעט — אירע באַשלוסן — דער באַשלוס וועגן דער אַגענץ=פאַרברייטערונג — די ענטשפּאַנונג — 2=טע סעסיע פון 6=טן ציוניסטישן צוזאַמענפאָר אין פּוילן — ערשטער ענטפער פון יידישן פאָלק אויפן רוף פון XIII קאָנגרעס.

### י"ב. אין אַמעריקע 157—171

דריטע רייזע פון פּראָפ. ווייצמאַן נאָך אַמעריקע — דער הויפּט=ציל פון דער רייזע — די יידן אין אַמעריקע און די ציוניסטישע באַוועגונג — ערשטע פאַרבינדונג — אַמעריקאַנער ניט=ציוניסטן און די אויפבוי=אַרבעט אין א"י — באַנקעט אין האָטעל=אַסטאָר — ערשטע פאַזע פון די אונטערהאַנדלונגען — די איינלאַדונג — דער שטאַנדפּונקט פון די ניט=ציוניסטן — אומפּאַרטייאישע קאָנפערענץ אין אַסטאָר=האָטעל דעם 17=טן פעברואַר 1924 — רעדע פון מאַרשאַלן און אַנדערע — די שטעלונג פון דר. ל. ק. פרענקעל — צוויי רעדעס פון ווייצמאַנען — רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ — באַדייטונג און אָפּשאַצונג פון דער קאָנפערענץ — צווייטע פאַזע פון די אונטערהאַנדלונגען און די נייע שטערונג.

### י"ג. באַשלוסן און טענדענצן 172—190

דעמיסיע פון דר. סאָלאָווייטשיק — נייער קריזיס — די סבות פון דער דעמיסיע — דער שטורם אין דער ציוניסטישער עפנטלאַכקייט — דער אַרויסטריט פון 45 מיטגלידער פון ציוניסטישן פּאַרטיי=ראַט אין פּוילן — די א. ק.=סעסיע אין מערץ 1924 — די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן און זייער פּלאַן — דער קאַמף — דזשוּאיש קאָנסיל — איינשטימיגע החלטות — באַשלוסן און טענדענצן — דער פאַרשאַרפטער קריזיס אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילן — די הכנות צום צוזאַמענפאָר פון פּוילישן יידנטום פאַר א"י — די אונטערהאַנדלונגען מיט די ניט=ציוניסטן אין פאַרשידענע לענדער — סוף פון א תּקופה.

# הקדמה

עס איז געווים א דבר בעתו א מאָנאָגראפיע וועגן דער אַנטוויקלונג פון פארברייטערונגס־געדאנק אין דער ציוניסטי־שער באוועגונג און וועגן דער געשיכטע פון זיין רעאליזירונג אין דער געשטאלט פון דער פארברייטערטער יידישער אַגענץ, וואָס איז ענדגילטיג געגרינדעט געוואָרן אין פאָריגן יאר אין ציריך. דער זיבן־יעריגער קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרן ארום דעם דאָזיגן געדאַנק און פלאן, האָט געבילדעט דעם הויפט־אינהאַלט פון דעם אינערלאכן ציוניסטישן לעבן. עס פארשטייט זיך, ניט תמיד אין משך פון דער תקופה איז ער צוגעגאנגען מיט דערזעלבער קראפט, מיט דעמזעלבן אימפעט, אָבער תמיד האָט ער געווירקט צושטערנד אויף דער אָרגאני־זאציע, תמיד איז ער געווען דער גורם פון טיפע ענדערונגען אין דער שטימונג, אין דער איינשטעלונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין איר באציאונג צו דער ניט־ציוניסטישער וועלט און אין איר השפעה אויף דער לעצטער. די געשיכטע פון דעם דאָזיגן קאַמף איז די אינערלאכע געשיכטע פון דער ציוניסטי־שער באוועגונג פאר דער לעצטער תקופה. באַזונדערס ווען דער דאָזיגער קאַמף ווערט באַטראכט און באַשריבן, אזוי ווי עס טוט עס דער מחבר פון דער מאָנאָגראפיע, אויפן ברייטן פאָן פון דער געזאמטער ציוניסטישער טעטיגקייט.

די פארברייטערטע יידישע אַגענץ איז שוין איצט אן עובדא פון יידישן און ציוניסטישן לעבן. איר ווירקונג איז שוין קענטיג אזוי אין אמעריקע, וואו עס איז געקומען צו א חורבן פון דער דאָרטיגער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, אזוי

אין דער ציוניסטישער טעטיקייט בכלל. די פינאַנסיעלע רע־זולטאטן, אויף וועלכע מען האָט געהאָפט, זיינען פיל קלענערע, ווי מען האָט זיך פאָרגעשטעלט. אמת די לעצטע זיצונג פון דעם אדמיניסטראטיוון קאָמיטעט*) האָט אין דער הינזיכט עפּעס — און ניט אונבאדייטנדעס — אויפגעטאָן. דער בוד־זשעט וועט ניט פארקלענערט ווערן, און מיר טרעטן צו צו א קאָלאָניזאציע פון 1000 ארבעטער־פאמיליעס ארום די עקזיס־טירנדע גרויסע קאָלאָניעס. אָבער דאָס זיינען דאָך ווייט ניט יענע גלענצנדע פינאַנסיעלע אויסזיכטן, מיט וועלכע מען האָט צוגעצויגן צו דעם פארברייטערונגס־פּלאַן די הערצער פון רוב פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דערפאר אָבער טרעט ארויס אַלץ בולטער און בולטער דער פּרייז, וועלכן די באוועגונג צאָלט פאר די דאָזיגע פי־נאַנסיעלע טובות און דערלייכטערונגען. די אָנפירנדע אינ־סטאַנצן פון דער באוועגונג, דער קאָנגרעס און דער אקציאָנס־קאָמיטעט, האָבן שוין אויפגעהערט צו דעצידירן וועגן דער ציוניסטישער טעטיגקייט, אפילו אויף די געביטן, אויף וועלכע מען איז געבליבן כלומרשט זעלבסטשטענדיג און אומאָפּהיינ־גיג. דער אינצידענט מיט דער רייזע פון אוסישקין קיין אמעריקע אין דעם איצטיגן ארבעטס־סעזאָן באַווייזט עס אַמ־בעסטן. די געפאר צו פארלירן די באזונדערע ציוניסטישע עק־זעקוטיווע צוליב דעם, וואָס קיין מיטגליד אירער וויל ניט בלייבן אויסער דער עקזעקוטיווע פון דער אַגענץ, וואָס ווערט דאָך די אָנפירערין פון דער גאנצער ארבעט, איז קוים מיט צרות באזייטיגט געוואָרן דורכן אַקציאָנס־קאָמיטעט, אָבער געוויס נאָר אויף א צייט ביז צו דעם קינפטיגן קאָנגרעס. און — אחרון אחרון חשוב ביותר — די אָרגאַניזאַטאָרישע סכע־מע, מיט וועלכער די אַמעריקאַנער גרופּע פון די ניט־ציוניס־טישע מיטגלידער פון דער אגענץ זיינען געקומען, באווייזט, אז די כונה איז צו באפרייען די קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיגקייט פון

---

*) אין מערץ 1930 אין לאָנדאָן — באַמ. פון ר. נ.

דער קאָנטראָל פון קאָנגרעס, פון דער „פּאָליטיק״, ד. ה. איינטלאך פון דער אונטעראָרדנונג אונזערע ענדע-צילן. דערמיט ווערט צושטערט דער מלוכה׳אַרטיגער געבּוי און כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פון דער אַגענץ. דאָס ווערט נאָך מער אונטערגעשטראָכן דורך דעם ווילן איבערצולאָזן פאַר דער אַגענץ בלויז די קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיגקייט און אַלע אַנדערע צווייגן איבּערצוגעבּן אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

די אַלע טענדענצן באַשטעטיגן פיל פון דעם, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך די קענער פון דער פאַרבּרייטערונג פון דער אַגענץ. ניט איין אָנהייגער פון דער דאָזיגער פאַרבּרייטערונג האָט דערין ניט געגלויבּט און געשטיצט זי, זייענדיג זיכער, אַז עס וועט ניט לאַנג געדויערן, און די ניט-ציוניסטן וועלן ווערן גוטע און געטרייע ציוניסטן. ניט איינער אַזאַ אָנהייגער ווערט איצט ענטוישט. וואָרום דער קאַמף צווישן דעם גייסט פון דער באַוועגונג, פון דער יידישער מלוכה אונטערוועגנס, און צווישן דעם גייסט פון אַ קאָלאָניזאַטאָרישער אונטערנעמונג, וואָס איז איצט פאַרקערפּערט אין דעם ניט-ציוניסטישן טייל פון אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט, האָט זיך נאָך ניט געענדיגט. ער איז בלויז אַריבּערגעטראָגן געוואָרן אין דער פאַרבּרייטערטער אַגענץ גופא. פון אַן אויסערלאַכן קאַמף קעגן דער פאַרבּרייטערטער אַגענץ איז ער געוואָרן אַן אינערלאַכער קעגן אירע טענדענצן מחריב צו זיין די באַוועגונג און אונטערוואַרפן די קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיגקייט אַ קאָמיטעט, בראש פון וועלכן עס וועלן שטיין די גבירים, וואָס זיינען אימשטאַנד צושטעלן די נויטיגע מיטלען. עס פרעגט זיך איצט: ווער וועמען וועט איינשלינגען — דער ציוניזם אַלס באַפרייאונגס-באַוועגונג דער קאָלאָניזאַציע, אָדער אומגעקערט, די פאָלקס-באַוועגונג מיט אירע דעמאָקראַטישע איינריכטונגען וועט אונטערגעוואָרפן ווערן אַ קאָמיטעט, אין וועלכן די דעצידירנדע ראָל וועלן שפּילן די גבירים.

וועגן דעם גייט איצט דער קאַמף, און מיר גלויבּן דאָך,

אז זיין אויסגאנג וועט זיין בעסער, ווי דער אויסגאנג פון קאַמף, וועלכער איז אזוי געוויסנהאַפט און אויספירלאך באַשריבן גע־וואָרן דורכן ח׳ נאכימאָווסקי.

ווארשע, דעם 8 אַפּריל 1930.

י. גרינבוים

דער XVI ציוניסטישער קאָנגרעס אין ציריך (28 יולי — 10 אויגוסט 1929) האָט ענדלאַך באַשלאָסן צו ראַטיפיצירן דעם אָפּמאַך מיט די נים־ציוניסטן און האָט באַשטעטיגט די קאָנסטיטוציע פון דער פאַרברייטערטער יידישער אַגענץ. אין עטלאכע שעה נאָכן שליסן דעם קאָנגרעס איז געעפנט געוואָרן די ערשטע סעסיע פון ראט פון דער יידישער אַגענץ. מיט דעם איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן א תקופה אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די יארן פון נאָך דער וועלט־מלחמה, דאָס איז די תקופה פון אינערלאכן קאַמף אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ארום דעם פּראָבלעם פון פאַרברייטערן דעם באַזיס פון דער אויפבוי־אַרבעט אין א"י דורכן אריינציען אין דער יידישער אַגענץ דעם נים־ציוניסטישן יידנטום.

דער דאָזיגער פּראָבלעם און דער קאַמף ארום אים האָבן געשפּילט א זייער באַדייטנדיגע ראָל, האָבן פאַרנומען זייער א וויכטיגן אָרט און ארויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויף דער אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און איר טעטיגקייט אין לעצטן צענדליג יאר (1919—1929).

נאָכדעם ווי די פאַרברייטערטע יידישע אַגענץ איז שוין אזוי ארום אן עובדא איז וויכטיג פאַרצושטעלן די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון די געשעענישן, וואָס האָבן צו איר דערבראַכט. אמת, אז די געשיכטלאכע פּערספּעקטיוו איז נאָך א צו קורצע, דאָך לאָזן זיך שוין איצט, ווען דער פּראָצעס איז פאַרענדיגט, צונויפפאַסן די גרונט־איידייען פון דער צוציאונגס־פראַגע און מען קען שוין אָנווייזן אויפן בהדרגהדיגן אַנטוויקלונגס־וועג, אויף וועלכן די פאַרברייטערונג פון דער יידישער אַגענץ איז געגאַנגען. באַקענען זיך מיט דעם גאַנצן

פּראצעס, לערנען אים און ארויסציען פאר זיך די געהעריגע מסקנות — דאַרף זיין דער חוב פון איטלאכס ציוניסט ווי ניט־ציוניסט. איך האָב מיך דאַריבער געשטעלט די אויפגאַבע אין מיין ארבעט צו געבן א ענטוואורף פון דער געשיכטע פון דער יידישער אַגענץ און איר פארברייטערונג לויט די צונויפגעזאַמלטע און סטודירטע מאַטעריאלן.

די דאָזיגע ארבעט דאַרף באטראכט ווערן אלס ס ע מ י נ אַ ר־ארבעט. אין מערץ 1929 האָט זיך געשאפן ביים אַקאַדעמישן קרייז פון ציוניסטן־ראדיקאַלן „על־המשמר" אין ווארשע א וויסנשאפט־לאכער סעמינאַר פאר געשיכטע און טעאָריע פון ציוניזם אונטער דער ליַיטונג פון יצחק גרינבוים. אלס מיטגליד פון סעמינאַר האָב איך גענומען אויף זיך צוצוגרייטן א רעפעראט וועגן די ערשטע זעקס ציוניסטישע קאָנגרעסן (הערצלס תקופה אין ציוניזם). צוליב פאר־שידענע סבות האָב איך די ארבעט גלייך ניט געקענט אויספירן. ערשט אין זומער 1929, ווען איך האָב געפירט דעם סעמינאַר פאר ציוניסטישע פראבלעמען ביי דער אַקאַדעמישער ציוניסטישער אָר־גאַניזאציע „קדימה" אין ביאליסטאָק, האָב איך זיך גענומען צו דעם, נאָר איך האָב אויסגעוויילט אן אנדער טעמע, די טעמע פון דער פאר־געלייגטער ארבעט. די דאָזיגע ארבעט האָב איך פארגעלייענט אויף די זיצונגען פון דערמאָנטן סעמינאַר פון „קדימה". נאָכן פארענדיגן זי האָט זיך מיט איר באַקאַנט יצחק גרינבוים, און לויט זיין עצה האָב איך מיין ארבעט איבערגעגעבן אין דרוק.

די מאַטעריאלן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַנוצט, הגם זייער צאָל שטייגט איבער דרייסיג, זיינען אמת ניט געווען אינגאַנצן אויס־שעפנד, דאָך זיינען עס געווען די וויכטיגסטע מקורים און אזעלכע, וועלכע מען האָט נאָר געקענט באקומען אין ביאליסטאָק און אין ווארשע. פון צווישן זיי וועל איך נאָר דערמאָנען: 1) די אָפיציעלע באַריכטן און פראטאָקאָלן, 2) דעם צענטראל־אָרגאן פון דער אַל־וועלטלאכער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, „העולם", וועלכער האָט ווידער אָנגעהויבן צו דערשיינען אין יאנואר 1923, 3) די ווערטפולע זאמלונג פון ארטיקלען פון י. גרינבוים איבער דער פארברייטערונג פון דער יידישער אַגענץ א. נ. „חבלי־גאולה". אַ גענויע און אויס־שעפנדע רשימה פון דער ליטעראטור, וועלכע האָט זיך געשאפן ארום דער פראגע, וועל איך אָנגעבן אין צווייטן טייל.

צום סוף וויל איך אויסדריקן מיין טיפסטן דאַנק דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּוילן, דער צענטראַל־ביוראָ פון „קרן־היסוד" אין פּוילן, דער אַקאַד. ציונ. אָרגאַניזאַציע „קדימה" אין ביאַליסטאָק, דעם פאַרלאַג „עבר" און דעם ח' י. באַכראַך פאַרן אָפּגעבן צו מיין דיספּאָזיציע די ביכער און מאַטעריאַלן, וואָס זיינען מיר נויטיג געווען צו מיין אַרבעט; מיינע חברים י. ליס (ביאַליסטאָק) און מ. מייזעלס (וואַרשע) דאַנק איך באַזונדער פאַר זייער חברישער הילף, וואָס זיי האָבן מיר אַרויסגעוויזן ביים צוגרייטן די אַרבעט צום דרוק.

ביאַליסטאָק, י"ב ניסן תר"ץ.

ר. ג.

# I.

# פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע ביזן מאַנדאַט
## (1922 — 1917)

## א.
## אין אָנהויב

**וועלט-מלחמה — פּערספּעקטיוון — ייִדן בעת דער וועלט-מלחמה — האָפנונגען — באַלפור-דעקלאַראַציע — איר באַדייטונג — ווייטערדיגע פּאָליטישע דערפאָלגן — פרידנס-קאָנפערענץ אין פּאַריז — גרויסע אויפגאַבע אין א אחריותפולער שעה — ציוניסטישער מעמאָריאַל — דער אָנהויב — „יידישער ראַט“ — פאַרוואָס ?**

ווען אין אויגוסט 1914 איז אויסגעבראָכן די וועלט-מלחמה, איז זי געווען א איבערראַשנדיגע דערשיינונג, טראָצדעם וואָס שוין מער ווי א חודש איז אריבער פון שאָס אין סאַראַיעוואָ, וואָס האָט אָנגעזאָגט אויף א דעצידירנדיגער בלוט-באָד. מ'האָט געגלויבט, אז די דיפּלאָמאַטן פון פאַרשיידענע מלוכות וועלן דאָך צווישן זיך דורכקומען און נים דערלאָזן צו קיין מלחמה. די האָפנונגען זיינען אָבער צורונען געוואָרן, און אין משך פון א קורצער צייט האָט זיך צופלאַקערט איבער אייראָפּא די גרויזאַמע וועלט-מלחמה. דער וועלט-קריג האָט באַוויזן שוין אין זיינע ערשטע חדשים אריינצוציען אַ סך מלוכות. אזוי ארום איז באַלד קלאָר געוואָרן פאַר אַלעמען, אַז די מלחמה וועט זיין א דעצידירנדיגע און וועט א סך איבעראַנדערשן דעם אינטערנאַציאָנאַלן לעבן פון אייראָפּא און די איבעריגע טיילן פון דער וועלט.

פּיל האָפנונגען זיינען באמת געלייגט געוואָרן אויפן קריג, אייגנטלאך אויפן אויסגאַנג פון דער מלחמה. באַזונדערס זיינען די האָפנונגען געווען ביי די אונטערדריקטע פעלקער פון מזרח- און מיטל-אייראָפּא, וועלכע האָבן געזען פאַר זיך א גלענצנדיגע קאָניונקטור

אויף אראָפּצוּוואַרפן דעם עול פון עבדות, זיך באַפרייען פון פרעמדער ממשלה און אזוי ארום צוריקשטעלן זייער פּאָליטישע אומאָפּהייננגיג־קייט און שאפן זייערע נאַציאָנאַלע מלוכות. די אקציע פון די דאָזיגע אונטערדריקטע פעלקער פאר פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט האָט זיך אָנגעהויבן תיכף מיטן אויסברוך פון דער מלחמה. אזוי זעען מיר עס אין פּוילן, ווען פּילסודסקי גייט אריבער דעם רוסישן גרעניץ דעם 6־טן אויגוסט 1914 מיט זיין „סטזשעלעץ"־גרופּע. אזוי זעען מיר עס אויך ביי אנדערע פעלקער, ווער מיט געווער אין האַנט, ווער מיט דער קונסט פון דער דיפּלאָמאטיע, וועלכע שטעלן זיך אויפן צד פון איין קעמפנדיגן לאַגער און ווילן מיט דעם אויסשפּילן זייער באַפרייאונג און אומאָפּהייננגיגקייט.

און דער יידישער פאָלק?

זייענדיג צוזייט און צושפּרייט איבער אייראָפּא און איבער דער גאַנצער וועלט, האָבן די יידישע יונגעלייט געקעמפט אין אלע אר־מייען, א ברודער קעגן א ברודער. אין דער צייט ווען די אַנדערע אונ־טערדריקטע פעלקער האָבן זיך געפונען אין זייער אייגענער לאַנד און געדאַרפט נאָר ביי א געוויסער געלעגנהייט איבערנעמען די מאַכט אין זייערע הענט, איז דער יידישער פאָלק געווען פארטראַט נאָר מיט א קליינעם ישוב אין א"י און זיין גרעסטער טייל האָט זיך געפונען אין גלות.

דאָך האָט די מלחמה אויך פארן יידישן פאָלק געבראַכט גע־וויסע האָפנונגען, באַזונדערס ווען טערקיי האָט אין אָקטאָבער 1914 צונעשטאַנען צו די צענטראַל־מלוכות און, כידוע, האָט דאָך ארץ־ישראל געהערט צו טערקיי.

נים דאָ איז דער אָרט צום איבערגעבן די טראַגעדיע פון יידישן פאָלק אין דער גרויזאמסטער בלוט־באָד, אויך נים דאָ דאַרף גערעדט ווערן וועגן די האָפנונגען פון יידן, וועלכע זיי האָבן געלייגט אויף דער מלחמה, באַזונדערס וועגן די האָפנונגען פון די ציוניסטן, פון זייער צוגרייטונגס־ארבעט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע. איינס, אָבער, דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן: די ציוניסטן האָבן דערגרייכט נאָך א אָנגעשטריינגטער פּאָליטישער טעטיגקייט אַזוינס, וואָס האָט די גרעסטע באַדייטונג אין דער יידישער געשיכטע זינט דעם חורבן בית־שני. דאָס איז די באַלפור־דעקלאַראַציע פון דער ענגלישער

רעגירונג, וועלכע איז איבערגעשיקט געוואָרן דעם 2-טן נאָוועמבער 1917 דורכן דאַמאָלסדיגן ענגלישן אויסערן-מיניסטער לאָרד אַרטור דזשעמס באַלפור צו לאָרד ראטשילד. די דעקלאַראציע זאָגט:

„די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט באַציט זיך מיט פולער סימפּאַטיע צום שאַפן פון אַ נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע פאַרן יידישן פאָלק און וועט מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי צו דערלייכטערן די דערגרייכונג פון דעם דאָזיגן ציל. דערביי ווערט קלאָר פעסטגעשטעלט, אַז ס'וועלן נים אונטערגענומען ווערן קיין שום שריט, וועלכע זאָלן קענען פאַרמינדערן די בירגערלאכע און רעליגיעזע רעכט פון דער נים-יידישער באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע אָדער באַרירן די רעכט און פּאָליטישע לאַגע פון די יידן אין אַנדערע לענדער".

נאָכדעם ווי די באַלפור-דעקלאַראציע איז פארעפנטלאכט געוואָרן האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער וכוח ארום דעם באַגריף „נאַציאָנאַלע היים", וועלכער איז ביזאהער געווען פרעמד אין דער דאָקטרין פון מלוכה-רעכט. דער אויסדרוק האָט זיך געווים נעשטיצט אויף דער פאָרמולירונג פון באַזעלער פּראגראם. די ווערטער: „עפנטלאך-רעכטלאך געזיכערטע היים" זיינען אין דער באַלפור-דעקלאַראציע געענדערט געוואָרן אויף „נאַציאָנאַלע היים". אויף אַזאַ אופן איז כמעט ווערטלאך געקומען צום אויסדרוק די באַזעלער פּראגראם אין דער באַלפור-דעקלאַראציע. דורך דעם זיינען אָקצעפּטירט געוואָרן די ציוניסטישע פאָדערונגען, וואָס זיינען פאָרמולירט געוואָרן נאָך אויפן ערשטן ציוניסטן-קאָנגרעס אין יאר 1897, און די ציוניסטישע אָרגאַניזאציע איז אַזוי ארום אנערקענט געוואָרן דורך דער בריטישער רעגירונג.

ס'איז אויך געווען קלאָר, אַז די דאָזיגע דעקלאַראציע איז דורך ענגלאַנד געגעבן געוואָרן אין פאַרשטענדיגונג מיט די איבעריגע פאַר-

בינדעמע קאָאַליציע-רעגירונגען. אזוי זיינען באלד נאָך דער באלפור-דעקלאראציע פארעפנטלאכט געוואָרן די דערקלערונגען פון דער פראנצויזישער און איטאַליענישער רעגירונג, אין וועלכע זיי זיינען מסכים מיט דער שאפונג פון א נאַציאָנאַלער היים פארן יידישן פאָלק אין ארץ-ישראל.*)

דורך די דאָזיגע פּאָליטישע נצחונות איז דערגרייכט געוואָרן דער ציוניסטישער ציל, וועלכער איז אויסגעדריקט אין באזעלער פראגראם. הערצלס חלום וועגן א „משארטער" איז פארווירקלאכט געוואָרן. מיטן געבן די באלפור-דעקלאראציע איז די יידישע פראגע, אייננטלאך די ציוניסטישע פראגע, אוועקגעשטעלט געוואָרן אינדער-מיט פון דער אינטערנאציאנאַלער פּאָליטיק, און ווי באלפור האָט זיך אליין אויסגעדריקט, איז די פראגע פון אויפריכטן די נאַציאָנאַלע היים פארן יידישן פאָלק אין א"י א רעזולטאַט פון דער וועלט-מלחמה, און דאַרף באטראכט ווערן אלס קריגס-ציל.**)

צו דעם אלעמען, וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן, אויב עס וועט צוגעגעבן ווערן וועגן דער העכסט-סימפּאטישער און פּאָזיטי-ווער שטעלונג פון די ענגלישע מלוכה-מענער צום ציוניזם, וועגן יידישן לעגיאָן, וועלכער האָט געקעמפט אין דער ענגלישער ארמיי קעגן טערקיי, פריהער אויף גאליפּאָלי און נאָכהער ביי דער דעראָבערונג פון ארץ-ישראל, וועגן דער ציוניסטישער קאָמיסיע, ועד הצירים, וועלכע איז ארויסגעשיקט געוואָרן קיין א"י, כדי די דאָרטיגע ענגלישע מיליטער-מאַכט זאָל שטיין מיט איר אין א נאָנטער פארבינדונג בנוגע די פראגן פון אויפבוי פון א"י — וועלן מיר ערשט באגרייפן די געוואלדיגע באדייטונג פון די פּאָלי-טישע דערפאָלגן פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אין לעצטן יאר פון דער וועלט-מלחמה.

מיט דער באלפור-דעקלאראציע איז אָבער נאָך ניט געענדיגט געוואָרן די טעטיגקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אויפן געביט פון פולשטענדיג אנערקענען די יידישע נאַציאנאַלע היים אין

*) „צו דער געשיכטע פון דער באלפור-דעקלאראציע" פון דר. נעלבער („ציוניסטישע בלעטער", 3-טער באנד, נומ. 10-11-12).

**) ibidem

א"י, און ס'איז געשטאַנען פאר דער ציוניסטישער באוועגונג א הארבע אויפגאבע פון דורכזעצן די באלפור-דעקלאראציע אין די פרידנס-פראקטאַטן. ווי באוואוסט האָבן די קאָאַליציע-מלוכות דאַ-מאָלס געוואָרפן דעם לאָזונג, אַז מיט דער מלחמה זיינען זיי אויסן געווען צו באפרייען אלע אונטערדריקטע פעלקער. דער לאָזונג האָט געזאָלט דינען פארן ריינוואשן זיך פון יעטווידער חשד, אַז די מלחמה האָבן זיי געפירט צוליב אימפעריאליסטישע צוועקן, אין וואָס, איינ-טלאך, זיי האָבן באשולדיגט דייטשלאנד. אָט דעם דאָזיגן מאָמענט האָבן אויך אויסגענוצט די ציוניסטישע פּאָליטיקער.

די מלחמה האָט זיך געענדיגט אין נאָוועמבער 1918, און די פרידנס-קאָנפערענץ האָט זיך געעפנט אין יאנואר 1919 אין פאריז. אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באטייליגט פארשטייערס פון די זיג-רייכע און באזיגטע מלוכות, פון ניימראלע מלוכות און אויך פאָר-שטייערס פון אַזעלכע פעלקער, וועלכע האָבן אויף דער פרידנס-קאָנ-פערענץ ערשט געוואָלט אויסקעמפן זייער זעלבסטשטענדיגקייט.

צווישן די פארשיידענע דעלעגאציעס אין פאריז האָבן זיך אויך געפונען יידישע דעלעגאציעס און באזונדערס די ציוניסטישע דע-לעגאציע, וועלכע איז געקומען מיט אירע פאָדערונגען צו דער פרידנס-קאָנפערענץ.

פון דעם מאָמענט אָן, ווען ס'זיינען דורך די ציוניסטן פאָרמו-לירט געוואָרן זייערע פאָדערונגען צו דער פרידנס-קאָנפערענץ — הויבט זיך אָן די געשיכטע פון דער „יידי-שער אַגענץ".

נאָך דער באלפור-דעקלאראציע האָט די ציוניסטישע אָרגאני-זאציע געמוזט אויף אַ קלאָרן אופן פאָרמולירן אירע פאָדערונגען און פלענער בנוגע דער פראגע פון אויפריכטן די יידישע נאַציאָנאַ-לע היים אין א"י. די דאָזיגע פאָדערונגען און פלענער האָבן געדאַרפט פאָרגעשטעלט ווערן דעם וועלט-אַרעאָפּאַג, דער פרידנס-קאָנפערענץ אין פאריז.

פאר די אָנפירער מיט דער ציוניסטישער פּאָליטיק איז דאַמאָלס געשטאַנען א שווערע און אחריותפולע אויפגאבע, אפשר די שווער-סטע און אַמויסטן פאראנטוואָרטלאכפולע פון צווישן די אויפגאבעס, וועלכע זיינען דערפילט געוואָרן אין דער היסטאָרישער תקופה. זיי

האָבן געדאַרפט דערפילן אן ארבעט, אפשר די וויכטיגסטע אין דער געשיכטע פון ציוניזם: פאָרשטעלן פארן טריבונאַל פון פעלקער און מלוכות די פאָדערונגען פון יידישן פאָלק. די ארבעט איז געווען שווערער נאָך צוליב דעם, ווייל ס'איז נים מעגלאך געווען אין די נאָך-מלחמהדיגע באַדינגונגען צו צונויפרופן א זיצונג פון גרויסן אַקציאָנס-קאָמיטעט, אין וועלכן ס'זאָלן זיך באַטייליגן דעלעגאציעס פון אלע לענדער און זאָלן אויך ארויסזאָגן זייער מיינונג אין דער דאָזיגער וויכטיגער פראגע. צו דער דאָזיגער ארבעט האָט זיך, בכן, גענומען דער איינגער אקציאָנס-קאָמיטעט (ד. ה. די ציוניסטישע וועלט-עקזעקוטיווע). דעם ערשטן טעקסט פון ציוניסטישן מעמאָר-יאַל צו דער פרידנס-קאָנפערענץ האָט אויסגעארבעט הערבערט סעמועל, און דער טעקסט איז תחילת איבערגעשיקט געוואָרן צו דער בריטישער רעגירונג אויף צו באַשטעטיגן, מחמת די ציוניס-טישע אָרגאַניזאַציע האָט אַזוי ארום געוואָלט האָבן די פולקאָמע אונטערשטיצונג פון דער ענגלישער דעלעגאציע אין פאַריז. נאָכדעם ווי די ענגלישע רעגירונג האָט געמאַכט אין אים קליינע שנויים איז דער מעמאָריאַל דעם 3-טן פעברואר 1919 איבערגעשיקט געוואָרן דער פרידנס-קאָנפערענץ.

פון דעם מעמאָריאַל וועלן מיר זיך באַזונדערס פארנעמען מיט די פראגן, וועלכע האָבן מערסטנטייל א דירעקטע שייכות צו דעם, וואָס מיר באַהאַנדלען.

פאָדערנדיג אין פונקט 3 פון מעמאָריאַל, אַז די מאַכט איבער ארץ-ישראל זאָל איבערגעגעבן ווערן דורך דעם פעלקער-בונד צו ענגלאַנד אלס מאַנדאַטאָר-מאַכט, שלאָגט פאָר דער מעמאָריאַל אין פונקט 5 די באַדינגונגען, אויף וועלכע דער מאַנדאַט זאָל איבער-געגעבן ווערן. צווישן זיי געפינען מיר פאָלגנדיגע פּאַסוסן:

II ב. „די מאַנדאַטאָר מאַכט ארבעט צוזאמען מיט א ר א ט, וועלכער באַשטייט פון פאָרשטייערס פון די יידן אין א"י און פון די יידן אין דער גאַנצער וועלט, כדי אויף אַזאַ אופן דערמעגלאכן די אַנטוויקלונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין א"י. די פראגן פון יידישער דערציאונג ווערן אי-בערגעגעבן אין רשות פון ראַט".

II ג. „נאָכדעם ווי די מאַנדאַטאָר־מאַכט וועט זיך איבערצייגן, אַז דער סטאַטוס פון ראַט זעט ניט פאָר קיין שום פריוואַט־פאַרדינסטן, וועט זי פאָרצוגן דעם ראַט ביי פאַר־שיידענע קאָנצעסיעס פון עפנטלאַכע ארבעטן אָדער קאָנ־צעסיעס אויף עקספּלאָאַטירן די נאַטירלאַכע רייכטימער פון לאַנד".

דער קאַפּיטל פון מעמאָריאַל וועגן „יידישן ראַט פאַר די פראַגן פון א"י" רעדט ארום בפרטות אַלץ וואָס איז נוגע דעם ראַט. אזוי לייענען מיר דאָרטן, אַז דער ראַט דאַרף אויסגעוויילט ווערן דורך א אלוועלטלאַכן יידישן קאָנגרעס, וועלכער וועט זיך עפענען אין ירושלים דעם 1־טן יאַנואר 1920. דער „יידישער ראַט" וועט אַנער־קענט ווערן אלס א יורידישע פּערזאָן און וועט קענען:

א) צוזאַמענאַרבעטן מיט דער א"י'דיגער רעגירונג, באַראַטן זיך מיט איר און אויך העלפן איר אין אלע פראַגן, וועלכע זיינען נוגע די יידן אין ארץ־ישראל. ביי אַט די אלע פראַגן דאַרף דער ראַט ארויסטרעטן אלס פאָרשטייער פון יידישן פאָלק.

ב) באַטייליגן זיך אין דער אַנטוויקלונג פון די עליה־פראַגן און זייער אָנפירונג, אין דער קאָלאָניזאַציע, קרעדיטן, עפנטלאַכע ארבעטן א. ד. גל. די פראַגע פון יידישן חנוך ווערט איבער־געגעבן דעם ראַט.

ג) קויפן באָדן און זיין זייער אייגנטלאַכער בעל־הבית.

ד) באַקומען קאָנצעסיעס אויף עפנטלאַכע ארבעטן און אויך אויף עקספּלאָאַטירן די נאַטירלאַכע רייכטימער.

ה) באַשטייערן די יידן אין א"י, כדי צו באַפעסטיגן די דערציִ־אונגס־אַנשטאַלטן, סובסידירן די קהלות, פאַרוועגון אויף צדקה א. ד. גל.

ו) צו באַשטימען, מיט דער הסכמה פון דער רעגירונג, די געזעצן פאַר דער אימיגראַציע אויף וויפל, ס'איז נוגע די אימיגראַציע פון יידן אין לאַנד.

ז) ארויסלאָזן אָבליגאַציעס, באַנקנאָטן און וועקסלען, כדי די געלט זאָל באַנוצט ווערן דורכן ראַט אויף די באַדערפעניִשן פון די יידן אין א"י, אויף צום אַנטוויקלען די לאַנד.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט פאַרשטייערס פון
יידישן ישוב אין א״י און מיט פאָרשטייערס פון אַנדערע יידישע
אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ווילן זיך באַטייליגן אין אויפבוי פון ארץ=
ישראל, שאַפן דעם „צ ײ ט װ ײ ל י ג ן י י ד י ש ן ר א ט״,
וועלכער גניסט פון אלע רעכט, וואָס זיינען באַשטימט אין מעמאָר=
יאל פארן „יידישן ראט״ ביז וואַנען עס וועט צונויפגערופן ווערן
דער אלוועלטלאכער יידישער קאָנגרעס.*)

דאָס איז דער ערשטער גענוי פארמולירטער פּראיעקט פון דער
„יידישער אגענץ״, דאַמאָלס נאָך אונטערן נאָמען „יידישער ראט״,
פון א קערפערשאַפט, וועלכע דאַרף געשאַפן ווערן אויפן יסוד פון
פאַרברייטערן די באַזע פון אויפבוי=ארבעט אין א״י אויסער דער
ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז ביזאהער געווען די איינ-
ציגע טרעגערין פון געדאַנק פון אויפריכטן די לאנד פון אונזערע
אבות.

דרך אגב איז כדאי צו באַמערקן, אַז אָט דעם געדאַנק פון אַ
„יידישן ראט״ געפינען מיר שוין פריהער ביים פאָרמולירן די ציו=
ניסטישע פאָדערונגען בעת די אונטערהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער
רעגירונג וועגן דער באַלפור=דעקלאַראַציע. אזוי דערציילט אונז דר.
גאָלבער אין זיין ארטיקל „צו דער געשיכטע פון דער באלפור=דעק=
לאַראַציע״ („ציוניסטישע בלעטער״ דריטער באַנד נומ. 12=11=10),
אַז צווישן די דאָזיגע פאָדערונגען האָט זיך געפונען א פונקט וועגן
„א ס פ ע צ י ע ל ע י י ד י ש ע נ ע ז ע ל ש א פ ט, וואָס
זאָל באַקומען דעם „טשאַרטער״ ווי אויך פאָרצוגס=רעכט ביי קאָנ=
צעסיעס אויף מלוכהשן און פּריוואַטן באָדן, אויף באַשטימטע עפנטלא=
כע ארבעטן ווי אויך דאָס רעכט פון פרייער איינוואנדערונג און פאר=
שיידענע הנחות ביי דער נאַטוראַליזירונג פון די איינוואנדערער״.

די „ספעציעלע יידישע געזעלשאַפט״ איז שפּעטער אין מע=
מאָריאל צו דער פרידנס=קאָנפערענץ אין פאריז באַצייכנט געוואָרן
מיטן נאָמען „יידישער ראט״, וועלכער דאַרף געוויילט ווערן דורך
א אלוועלטלאכן יידישן קאָנגרעס. די ענלאכקייט פון פאָרמולירונג פון

*) Reports of the Executive of the Zionist Organisation to The XII. Zionist Congress. I. Political Report 74—82.

די פּאָדערונגען, װעגן װעלכע עס רעדט דר. נעלבּער אין זיין אויבּנ־דערמאָנטן ארטיקל צום טעקסט פון מעטאָריאל, דערװעקן בּיי אונז דעם גלויבּן, אַז זיי האָבּן צװישן זיך אַ נאָנטן שייכות

און דאָ לאָזט זיך פרעגן, פארװאָס איינגנטלאך האָבּן די ציוניס־טישע פירער פארבּיטן בּיי דער פראגע פון אויפבּוי פון ארץ־ישראל די ציוניסטישע אָרגאניזאציע אויף א „יידישן ראט"?

די פראגע לאָזט זיך, לויט אונזער מיינונג, פארענטפערן מיט דעם, װאָס די ציוניסטישע פירער זיינען געקומען צו דער איבּער־ציינונג, אַז די ציוניסטישע ארגאניזאציע האָט איר מיסיע דערפילט, װען זי האָט געשאפן פארן יידישן פאָלק די נויטיגע באדינגונגען פון אויפריכטן ארץ־ישראל. און א ציגד דאַרף דער פאָלק אליין אויס־טראגן אויף זיך די גרויסע אחריות פון דער שעה, איבּערנעמען אויף זיך די גאנצע ארבּעט, װייל די ארבּעט איז א שװערװאָגיגע און שטייגט װייט אריבּער די כוחות פון אן אָרגאניזאציע, אפילו פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע; נאָר א פאָלק קען איר דערפילן — ער װעט זיינע קרבּנות בּריינגען און זיין פאראנטװאָרטלאך פאר דער געשיכטע.

# ב.

## ערשטער קאמף

אקציאָנס-קאָמיטעט-זיצונגען — ערשטער צוזאמענשטויס — ווייצמאן-בראנדייס — צוויי שיטות — בראנדייסעס שטאנדפונקט — ווייצמאנס קאָנצעפּציע — „איר שאפט א נייע אוגאנדע!" — דער קאמפּראמיס — ווייטערדיגער קאמף — דער אויסגאנג

די פראגע פון „יידישן ראט" איז, ווי מיר זעען אין באריכט פון דער עקזעקוטיווע צום XII ציוניסטישן קאָנגרעס אין קארלסבאד, לגמרי ניט בארירט געוואָרן אויף דער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם ערשטן מאָל נאָך דער וועלט-מלחמה אין די חדשים פעברואר-מערץ 1919. הגם די קאָנפערענץ האָט זיך געדאַרפט פארנעמען מיט אַלע לויפנדיגע פראגן, און באזונדערס צוגרייטן דעם מעמאָריאל פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע צו דער פרידנס-קאָנפערענץ אין פאריז, איז דאָס אָבער ניט געטאָן געוואָרן צוליב דעם, ווייל די פרידנס-קאָנפערענץ האָט זיך צוגעאיילט מיט איר ארבעט און די ציוניסטישע פאָדערונגען האָבן באלד געדארפט איר צוגעשטעלט ווערן. דער מעמאָריאל איז, אזוי ארום, צונויפגעשטעלט געוואָרן אויסערהאַלב דער ציונ. קאנפערענץ אין לאָנדאָן און איז איבערגעגעבן געוואָרן דער פרידנס-קאָנפערענץ בעתן אויפנעם פון דער ציוניסטישער דעלעגאציע (ווייצמאן, סאָקאָלאָוו, אוסישקין, שפיר, הרב לוי) דורכן „קאָמיטעט פון צען" ביי דער פרידנס-קאָנפערענץ דעם 27-טן פעברואר 1919. און שפּעטער איז דער מעמאָריאל רעפערירט געוואָרן אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ דורכן ד"ר ווייצמאן.

די זיצונג פון אַקציאָנס-קאָמיטעט אין אויגוסט 1919 האָט

ערשט די דאָזיגע פראגע ברייט באַהאַנדלט, און אָט וואָס מיר געפינען אין באריכט פון דער עקזעקוטיווע וועגן יענער זיצונג:*)

„די פראגע פון „יידישן ראט" איז געווען א געגנשטאַנד פון א לאנגער דיסקוסיע, פון וועלכער ס'איז צו זען, אז ס'זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרן צוויי אין גרונט פארשידענע מיינונגען וועגן דעם ענין. ד"ר ווייצמאן האָט עס רעזיומירט אין די ווערטער: „ס'זיינען דאָ צוויי פארשלאגן: איינער, אַז די ציוניסטישע אָרגאניזאציע ועפרעזענטירט דעם יידישן פאָלק און אלע, וואָס ווילן מיטארבעטן ביים אויפבוי פון א"י, דאַרפן אריינטרעטן אין דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, דער צווייטער פארשלאג פאָדערט די שאפונג פון „יידישן ראט".

„ד"ר ווייצמאן האָט פארטראטן דעם צווייטן שטאַנדפונקט. ער ווייזט אָן, אַז הגם דער ערשטער פארשלאג, וועלכער זאָגט, אז דער יידישער פאָלק איז רעפרעזענטירט דורך דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, איז אין זיין פשוטקייט אפשר זייער א קלאָרער, איז דאָך פאָרט די ציוניסטישע אָרגאניזאציע נאָר א פארטיי, אָן וועלכער עס וועלן זיך ניט אָנשליסן קיין סך יידן, מען טאָר אָבער ניט די טיר פארמאכן פאר די יידן, וואָס ווילן העלפן ביים ארץ־ישראל־אויפבוי, כאָטש זיי פאסן אַנדערש אויף דעם אויפבוי פון א"י. צוליב דעם אָבער, וואָס דער שאפן פון א „יידישן ראט", אפילו א פראוויזאָרישן, איז זייער א קאָמפליצירטע ארבעט, לייגט ד"ר ווייצמאן פאר: שטעלן דער מאַנדאַטאָר־מאַכט דעם פאָרשלאג, אז די ציוניסטישע אָרגאניזאציע וועט אין משך פון צוויי יאר איבערנעמען אויף זיך אלע ארבעטן, וואָס זיינען נוגע דעם א"י־אויפבוי. אין דער צייט זאָל די ציוניסטישע אדגאניזאציע אונטערהאַנדלען מיט אַנדערע יידישע ארגאניזאציעס, כדי צו שאפן דעם „יידישן ראט". וועט עס געלינגען, וועט די ציוניסטישע

---

*) Berichte der Executive der Zionistischen Organisation an den XII. Zionisten-Kongress, III. Organisations-Bericht, s. 87—88.

אָרגאניזאציע קענען פארהאלטן די העגעמאָניע אין ראט, וועט עס ווידער ניט געלינגען, באַווייזט עס ווייטער, אַז די ציוניסטן זיינען ניט געווען עקסקליוזיוו, האָבן געהאַט דעם בעסטן ווילן צוציען דעם יידישן פאָלק צו דער אַרבעט, און אפשר אויך ראַ־מאָלס וועט מען באקומען נאָך צוויי יאר אויף צו שאפן דעם ,,יידישן ראט".

,,די אָנהייננער פון דעם צווייטן שטאַנדפונקט האָבן גע־זאָגט, אַז ווי באלד מ'וועט דערקלערן, אַז די ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאציע האָט ניט די איינציגע רעכט ביי דער אויספירונג פון דער פאלעסטינע־ארבעט, וועט אויפהערן איטלאכס מיטאַרבעט פאר דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע. און, אויב עס איז שוין געלוננען דורכצוזעצן דעם געדאַנק, אַז די ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאציע פארטרעט אַליין די אידייע פון א יידישער היים אין ארץ־ישראל, זאָל מען פלוצלונג ניט דערקלערן פאר דער גאַנ־צער וועלט, אַז די ציוניסטישע אָרגאניזאציע האָט ניט די רעכט און איז ניט ביכולת דעם פלאן, די אידייע אין לעבן צו פאר־ווירקלאכן. ב ר א נ ד ײ ס האָט העפטיג באקעמפט די אידייע פון א ,,יידישן ראט"; ער האָט אויסגעפירט, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאציע דאַרף זיך אַזוי אַנטוויקלען, אַז יעדער ייד, וואָס וויל מיטארבעטן ביים אויפבוי פון א"י, מוז מיט אונז מיט־ארבעטן; מען דאַרף ארבעטן נאָר אין א י י ן אָרגאַני־זאציע, זאָל זי הייסן ציוניסטישע, פאלעסטינישע, אָדער אַנ־דערש, אָבער ניט אין אן אנדער אָרגאַניזאציע און ניט אין קיין ,,ראט", וועלכער דאַרף באשטיין פון פארשטייערס פון פאר־שיידענע אָרגאַניזאציעס. דער פרינציפ פון געמיינזאמער פאלעס־טינא־ארבעט קען אַדורכגעפירט ווערן אינערהאַלב דער ציוי־ניסטישער אָרגאַניזאציע. דער פרינציפ אָבער פון יידישער אח־דות אין אלע פראגן, אפילו ניט פאלעסטינישע, קען ביי היינ־טינן טאָג ניט אַדורכגעפירט ווערן, און צוליב דעם איז ניט מעג־לאך און ניט נויטיג צו שאפן א ,,יידישן ראט".

,,אויף דער קאָנפערענץ איז מיט א מערהייט שטימען אַקצעפטירט געוואָרן דער שטאַנדפונקט פון די אמעריקאַנער דעלעגאטן מיט בראנדייסן בראש, וועלכער איז פארמולירט

נעוואָרן אזוי: דער מאַנדאַטאָר־מאַכט ווערט געמאַכט א פאָר־
שלאג, אז די ציוניסטישע אָרגאניזאציע וועט דערפילן דאָס
אלץ, וואָס איז פאראויסגעזען אין ציוניסטישן מעמאָריאל
וועגן דעם „צייטווייליגן יידישן ראט" און אז די ציוניסטישע
אָרגאניזאציע וועט אויסארבעטן א פּלאן, ווי צו זיכערן די
מיטאַרבעט פון אלע יידישע אָרגאניזאציעס און פּערזאָנען,
וועלכע ווילן אָנטיילנעמען ביים אויפבוי פון א"י אלס יידישע
נאַציאָנאלע היים, און דער פּלאן וועט אין משך פון צוויי יאר
צוגעשטעלט ווערן דער מאַנדאַטאָר־מאַכט".*)

אזוי פיל אין באריכט פון דער עקזעקוטיווע.

אָט דער דאָזיגער צוזאמענשטויס פון מיינונגען וועגן „יידישן
ראט" דאַרף בכן באטראכט ווערן ווי דער ערשטער עטאַפּ אין קאַמף
ארום דער אַגענץ־פראגע.

איצט וועלן מיר גענויער באלויכטן דעם עטאַפּ פון קאַמף, אָנ־
ווייזן זיינע סבות און די מסקנות.

די פראגע פון „יידישן ראט" איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אויף
דער אויבנדערמאָנטער זיצונג פון אקציאָנס־קאָמיטעט אין שייכות
מיטן וכוח איבערן פּראיעקט פון ארץ־ישראל־מאַנדאַט.

אין ציוניסטישן מעמאריאל צו דער פרידנס־קאָנפערענץ ווערט
צווישן אנדערע פארגעשלאָגן איבערצוגעבן דעם מאַנדאַט איבער ארץ־
ישראל דער ברימישער מלוכה. דער דאָזיגער פארשלאָג, אייגנטלאך
— איבערגעבן א"י צו ענגלאנד — איז געווען זיכער אָנגענומען
צו ווערן, ראשית ווייל מכח אים איז גערעדט געוואָרן און אין א גע־
וויסער מאָס איז ער אפּראבירט געוואָרן נאָך בעת די פאַרהאַנדלונ־
גען מיט פארשיידענע רעגירונגען פאר דער באלפור־דעקלאראציע,
והשנית איז די מאַנדאַט־אינסטיטוציע געוואָרן פאראויסגעזען אין
פעלקער־בונד־פאקט (ארט. 22) און דערמיט איינגעפירט געוואָרן אין
אינטערנאַציאָנאלן לעבן.

*) פאר דעם דאָזיגן פארשלאג האָבן געשטימט: פּראָפ. פראנק־
פורטער, ראזאָוו, כהן, סימאָן און דע־האַז; קעגן: דר. וויצמאַן,
אוסישקין, לעווין, אליהו בערלין; אָפּגעהאַלטן זיך פון שטימען: דר
יעקבסאָן, ב. גאָלדבערג, זשאַן פישער און ווילקאָנסקי (ibidem).

אויפן סדר־היום איז געשטאַנען די פראגע פון טעקסט פון מאַנ־דאַט איבער ארץ־ישראל. די ציוניסטישע ארגאַניזאַציע איז באַלד געקומען אין א פארשטענדיגונג וועגן אַט דער פראגע מיט דער ענגלישער רעגירונג, און מיט איר הסכם האָט א ספעציעלע קאָמיסיע פון די ה"ה פראפעסאָר פראנקפורטער און גאנס צונויפגעשטעלט א פראיעקט־טעקסט, וועלכער איז איבערגעגעבן געוואָרן דער ענגלישער דעלעגאַציע אין פאריז. דער טעקסט איז אין זיין גרעסטן טייל אריין אין באוואוסטן ערשטן פראיעקט פון 15־טן יולי 1919, וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן מיט דער פארשטענדיגונג פון די ציוניסטישע פארשטייער.

אין דעם דאָזיגן פראיעקט איז ברייט באהאנדלט געוואָרן די פראגע פון „יידישן ראט" לויט די וואונטשן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין איר מעמאָריאַל צו דער פרידנס־קאָנפערענץ. און אַט דער פראיעקט, אָפיציעל א נאָך נים באשטעטיגטער דורך דער ענגלישער רעגירונג, איז באטראכט געוואָרן אויף דער זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, וועגן וועלכער מיר רעדן. מען האָט דעבאַטירט איבער אַלע פונקטן פון מאַנדאַט־פראיעקט און צווישן אַנדערע אויך וועגן „יידישן ראט".

אויף דערזעלבער סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט איז באַשלאָסן געוואָרן צו משנה השם זיין אָנשטאָט „יידישער ראט" — „יידישע אַגענץ".*)

צוויי פארשיידענע מיינונגען זיינען געקומען צום אויסדרוק אויף דער זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט. — צוויי מיינונגען — צוויי וועלט־אָנשויאונגען, איינע פון בראַנדייסן און די אַנדערע פון דר. וויצמאַן. ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צוצוגעבן, אַז דער צוזאמענשטויס פון די צוויי ציוניסטישע אויטאָריטעטן איז די התחלה פון קאַמף צווישן בראנדייסן און וויצמאנען, וועלכער האָט זיך אין צוויי יאָר שפעטער פארענדיגט מיטן ארויסטריט פון בראנדייסן און זיינע אָנהייגער פון דער אַלוועלטלאכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע

מיר וועלן פרובן צום אַנאַליזירן די צוויי שיטות.

---

*) מ. מרזיני: „עשר שנים של מדיניות ארץ־ישראלית" דף 214.

בראנדייס האָט געהאַלטן, אַז נאָך די גרויסע פּאָליטישע נצחונות פון די ציוניסטן אויפן פּאָליטישן געביט, וועלכע באַצייכנען דערמיט די פולע דורכזעצונג פון דער באזעלער פּראגראם, דאַרף די ציוניסטישע אָרגאניזאציע אָפּשטעלן איר פּראפּאגאנדע־ארבעט צווישן די מאַסן, איר קולטור־ארבעט אין גלות, געגנווארטס־פּאָליטיק א. ד. גל., נאָר זי מוז דערפילן איין און איינציגע אויפגאבע, דאָס איז דער אויפבוי פון דער יידישער נאַציאָנאלער היים אין ארץ־ישראל. און אזוי ווי דער אויפבוי פון א״י פאָדערט גרויסע לייסטונגען פון גאנצן פאָלק, האַלט בראנדייס, אז אויב די ציוניסטישע אָרגאניזאציע וועט זיך בלויז פארנעמען מיטן ארץ־ישראל־אויפבוי, וועלן איר צו הילף קומען א סך, א סך יידן, וואָס האָבן ביזאהער צו דער אָרגאניזאציע ניט געהערט. דורך דעם וועט ברייטער ווערן די באזע, אויף וועלכער ס׳וועט זיך שטיצן דער ארץ־ישראל־אויפבוי. אזוי ארום איז איבעריג צו שאפן נייע אָרגאניזאציעס ווי דער „יידישער ראט״, ווייל אַלע די, וועלכע ווילן מיטאַרבעטן ביים אויפבוי פון ארץ־ישראל, וועלן קענען אַריינטרעטן אין דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע. אָט צוליב די אויבנאויסגערעכנטע מאָטיוון האָט ער, בראנדייס, זיך ארויסגעזאָגט קעגן דעם „יידישן ראט״ און פאר דעם, אז די ציוניסטישע ארגאניזאציע פארבלייבט דורכאויס די איינציגע לעגיטימע פארשטייערין פון יידישן פאָלק כלפּי חוץ, וואָס בויט די יידישע נאַציאָנאלע היים אין ארץ־ישראל.

דר. ווייצמאַן, אקעגן, איז געווען אין דער מיינונג, אַז די ציוניסטישע אָרגאניזאציע האָט נאָך פיל צו דערפילן פאר דעם יידישן לעבן אין גלות און מוז אָפּהיטן איר ביזאַהעריגן כאַראקטער און פיזיאנאָמיע. די פראגע פון א״י־אויפבוי האָט דר. ווייצמאַן געוואָלט איבערגעבן א קערפערשאַפט, וואו ס׳זיינען פארטראטן פארשטייערס פון גאנצן פאָלק. דעריבער איז ער געווען פאר דעם, אז אין מאַנדאַט זאָל די ציוניסטישע אָרגאניזאציע פארביטן ווערן אויף דער „יידישער אַגענץ״, די פאָרשטייערשאפט פון גאנצן יידנטום ארויסגייענדיג פון דעם שטאַנדפונקט האָט ד״ר ווייצמאַן פארטיידיגט זיין קאָנצעפּציע, ווי ס׳איז איבערגעגעבן אין באריכט פון דער עקזעקוטיווע.

ווען אין דער ערשטער אָפּשטימונג איז אדורך מיט אַ מער־הייט שטימען די שטעלונג פון בראנדייסן, האָט ווייצמאַן אויסגערופן מיט פארביטערונג: „איר שאפט א נייע אוגאנדע!" נאָכדעם איז עס געקומען צו א קאָמפּראמיס־פארשלאג, וועלכן מיר געפינען אין סוף פון באריכט פון דער עקזעקוטיווע. לויט דעם פאָרשלאג דאַרף די ציוניסטישע אָרגאניזאציע אנערקענט ווערן אלס די „יידישע אגענץ" (בראנדייסעס שטעלונג), וועלכע איז זיך אָבער מתחיב אין הסכם מיט דער ענגלישער רעגירונג צו מאַכן די געעריגע שריט אויף צו פאר־זיכערן די מיטאַרבעט פון אלע יידן ביים אויפבוי פון דער יידישער נאַציאָנאלער היים אין ארץ־ישראל (ווייצמאַנס שטעלונג). דער דאָ־זיגער פארשלאג, קעגן וועלכן ס'האָט אפילו געשטימט דר ווייצמאַן, איז אָבער מיט אַ מערהייט דורכגעגאנגען און מיט קליינע סטיליסטי־שע שנויים אריין אין ארטיקל 4 פון מאַנדאַט.

אַזוי האָט זיך פארענדיגט דער ערשטער עטאַפּ אין קאַמף ארום דער „אַגענץ".

דער קאַמף אָבער צווישן ווייצמאַנען און בראנדייסן, צווישן די צוויי קעגנגעזעצטע שיטות, וועלכע זיי האָבן רעפּרעזענטירט, האָט זיך מיט דעם ניט פארענדיגט. אין זיין ווייטערדיגער אנטוויקלונג האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז עס גייט דאָ ניט נאָר וועגן דער פראגע פון א „יידישן ראט", נאָר מער, עס האַנדלט זיך וועגן וועזן און כאראקטער, וועגן אינהאַלט און אידייע, וועגן גורל און עתיד פון דער ציוניסטישער באוועגונג און אָרגאניזאציע. דער דאָזיגער העפטיגער אינערלאכער ציוניסטישער שטרייט האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער יאר־קאָנ־פערענץ איז לאָנדאָן אין יאר 1920, וואו מען איז נאָך געקומען צו אַ קאמפּראמיס און אויסגעמיטן א שפּאלטונג. דער קאַמף איז אָבער ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן, און ערשט כמעט אין א יאר ארום אויף דער קאָנפערענץ אין קליוולאנד (יולי 1921) אין אַמעריקע האָט ער זיך פארענדיגט מיט א פולשטענדיגן נצחון פון דר. ווייצמאַן און זיין ריכטונג. דער עפּילאָג איז נאָך פאָרגעקומען אויפן XII קאָנגרעס, באַזונדערס בעת די ארויסטרעטונגען פון בראנדייסיסט יוליוס סימאָן.

דער דאָזיגער קאַמף אינטערעסירט אונז אויף אַזוי פיל, אויף וויפל אין אים איז געווען איינע פון די שטרייט־פראגן דער פּראבלעם פון צוציען די ניט ציוניסטן און וואָס עס איז מיט דעם פארבונדן די פראגע פון דער צוקונפטיגער געשטאלטונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. גענוי קענען מיר זיך אויף דעם ניט אָפּשטעלן, אין קורצן האָבן מיר עס אויבן איבערגעגעבן.

# ג.

# דער מאַנדאַט

גלגולים פון מאנדאט — טעקסט-ענדערונגען — באשטעטיגונג פון מאנדאט — ארטיקל 4 — ארטיקלען 6 און 11 — גרונט-שטריכן פון א"י-מאנדאט — זיין ספעציפישקייט — דער מאנדאט און די „יידישע אַגענץ" — די אויפגאבעס פון דער „יידישער אַגענץ" — „יידישע אַגענץ" און „יידישער ראט" — פלוס און מינוס — אָפשאצונג.

נאָך דער זיצונג פון אַקציאָנס-קאָמיטעט האָבן זיך ווי דער אָנגעהויבן צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג בנוגע די שנויים אין מאַנדאַט-פּראיעקט, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן דורכן אַקציאָנס-קאָמיטעט.

דער צווייטער פּראיעקט פון מאַנדאַט איז רעדאַגירט געוואָרן סוף 1919. הגם א סך פון די באשלוסן פון אַקציאָנס-קאָמיטעט וועגן מאַנדאט זיינען דורך דער ענגלישער רעגירונג נים אָנגענומען געוואָרן, זיינען אָבער דורך איר אַקצעפּטירט געוואָרן אלע באשלוסן פון אַקציאָנס-קאָמיטעט אין דער פראגע פון דער „יידישער אגענץ".

צו דער געשיכטע פון ארץ-ישראל-מאַנדאַט דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז נאָך סאן-רעמאָ, וואו ס'איז דעפיניטיוו דורך די גרויסע מאַכטן באשלאָסן געוואָרן, אז ענגלאנד באקומט דעם מאַנדאַט איבער א"י, האָט די ענגלישע רעגירונג זיך ווידער פאראינטערעסירט מיט דער פראגע פון מאַנדאַט-טעקסט און צונויפגעשטעלט א דריטן פּראיעקט פון 10-טן יוני 1920. אין דעם דאָזיגן פּראיעקט זיינען פארשמעלערט געוואָרן די רעכט פון דער „יידישער אַגענץ" און ס'זיינען ז ריינגעפירט געוואָרן נאָך אַנדערע תיקונים. די ציוניסטישע אָרגאניזאציע האָט אינטערווענירט וועגן דעם און זיך באַמיט איינצוהאַלטן פאר דער „אגענץ" אירע רעכט און אויסשטרייכן עטלאכע נים געוואונ-

משענע שנויים. די אינטערווענץ האָט אין א קליינער מאָס געווירקט. דעם 17־טן דעצעמבער 1920 האָט לאָרד באלפור איבערגעשיקט דעם פעלקער־בונד דעם מאַנדאַט־פּראיעקט, שוין א באשטעטיגטן דורך דער ענגלישער רעגירונג, אויף אַ באשטעטיגונג. אין דעם פּראיעקט זיינען אָבער די רעכט פון דער „יידישער אַגענץ" געבליבן ביי זייער פארשמעלערונג. דער פעלקער־בונד־ראט האָט אויף זיין סעסיע פון דעצעמבער 1920 זיך ניט פארנומען מיטן א"י־מאַנדאַט. ער איז ערשט באשטעטיגט געוואָרן אויף אַ צווייטער סעסיע אין אַנדערהאַלבן יאָר ארום, דעם 24־טן יולי 1922. די פארשפּעטיגונג לאָזט זיך פאר־טייטשן מיט די פיל שוועריגקייטן, וועלכע זיינען אנטשטאַנען ארום דער פראגע; אזוי האָבן די פאראייניגטע שטאַטן געוואָלט זיכערן געוויסע רעכט פאר זיך, און דער וואטיקאן האָט אינטערווענירט בנו־גע די הייליגע ערטער אין ארץ־ישראל.

מיטן באַשטעטיגן דעם מאַנדאַט איז די „יידישע אַגענץ" גע־וואָרן א געשעענער פאקט און יורידיש א אנערקענטע קערפּערשאפט דורך א אינטערנאַציאָנאַל־רעכטלאכן דאָקומענט.

דאָ וועלן מיר אָנגעבן די באַשטימונגען פון מאַנדאַט וועגן דער „יידישער אגענץ":

ארטיקל 4: די געהעריגע יידישע פארטרע־טונג, „יידישע אַגענץ" (דזשואיש איידזשענסי) ווערט אַנערקענט אלס א עפנטלאכע קערפּערשאַפט, וואָס האָט דעם צוועק זיך צו באַראטן מיט דער ארץ־ישראל־אַדמיניס־טראציע און מיטארבעטן מיט איר אין ווירטשאַפטלאכע, סאָציאַלע און אַנדערע אנגעלעגנהייטן וועל־כע זיינען נוגע דעם אויפבוי פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים און די אינטערעסן פון דער יידי־שער באַפעלקערונג אין א"י, מיט־ווירקן און אָנטיילנעמען אין דער אַנטוויקלונג פון לאַנד אונטער דער

קאָנטראָל פון דער אַדמיניכטראַציע.

אַלס אַזאַ פארטרעטונג ווערט אַנערקענט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, כל זמן זי וועט, נאָך דער מיינונג פון מאַנדאַטאָר, אַנטשפּרעכן לויט איר קאָנסטיטוציע און סטרוקטור איר באַשטימונג.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע נעמט פאָר, אין הסכם מיט דער ענגלישער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט, די נויטיגע שריט, כדי צו זיכערן די מיטאַרבעט פון אַלע יידן, וואָס וועלן מיטהעלפן אויפצוריכטן דער יידישער נאַציאָנאַלער היים.

דאָס איז דער וויכטיגסטער ארטיקל פון מאַנדאַט וועגן דער „יידישער אגענץ" בכלל גענומען. א חוצדעם איז כדאַי נאָך איבערצוגעבן די ארטיקלען 6 און 11 פון מאַנדאַט, וועלכע האָבן א באַזונדערע חשיבות בנוגע די אויפגאבעס פון דער „יידישער אַגענץ".

ארטיקל 6: די אדמיניסטראציע פון ארץ-ישראל דאַרף פארלייכטערן די יידישע איינוואנדערונג דורך אַנטשפּרעכנדיגע פאראָרדענונגען, דערביי ניט פארמינערן די רעכט פון דער איבעריגער אָרטיגער באַפעלקערונג, און צו-איילן ביי דער מיטארבעט פון דער אין ארטיקל 4 דערמאָנטער „יידישער אגענץ" די געשלאָסענע באָדן-קאָלאָניזאציע מיטן איינשלוס פון מלוכה-ערד, וואָס זיינען ניט נויטיג פאר עפנטלאַכע צוועקן ווי אויך וויסטע באָדן-שטחים.

ארטיקל 11: ...די אדמיניסטראציע קען שליסן מיט דער „יידישער אגענץ" אָפּמאַכן, לויט וועלכע די לעצטע קען נעמען אויף זיך אונטער געוויסע

באַדינגונגען די אויספירונג פון כלערליי עפנטלאכע ארבעטן און פּראדוקציעס, ווי אויך די עקספּלאָאַטאציע פון נאַטירלאכע אוצרות, אויף וויפל דאָס ווערט ניט אונטערגענומען אליין דורך דער אַדמיניסטראציע.

אין די דאָזיגע אָפּמאכן זאָל ווערן פאָראויסגעזען, אַז די הכנסות, וואָס די „יידישע אַגענץ" באקומט דירעקט אָדער אומדירעקט, דאַרפן ניט איבערשטייגן די געוויינלאכע קאַפּיטאַלצינזן און אלע איבעריגע רווחים דארפן פארווענדעט ווערן לטובת דער לאנד לויט די פארמען, וואָס וועלן באוויליגט ווערן דורך דער אַדמיניסטראציע.

לאָמיר איצט גענויער ארומריידן די באדייטונג פון די דאָזיגע ארטיקלען פארן א"י=מאַנדאַט גופא, וואָס אייגנטלאך שטעלט פאָר מיט זיך אַ קערפערשאפט „יידישע אגענץ" לויטן מאַנדאט און וועלכע זיינען אירע אויפגאבעם.

דער מאנדאַט איבער א"י געהערט צו דער אזוי גערופענער קאַטעגאָריע „אַ" פון מאַנדאַטן, וועלכע דער פעלקער=בונד האָט איבערגעגעבן אייניגע פון זיינע מיטגלידער=מלוכות אויף לענדער, וואָס זיינען איבערגענומען געוואָרן פון די באזיגטע צענטראל=מאכטן. די מאַנדאטן פון דער קאַטעגאָריע „אַ" זיינען בּאשטימט פאר אזעלכע מדינות, וועמענס בּאפעלקערונג עס איז נאָך ניט ראוי צוליב פארשיידענע סבות פארוואלטן און אליין הערשן אין לאנד. צוליב דעם ווערט די אדמיניסטראציע פון אזא לאנד אויף אַ געוויסער צייט אָנפארטרויט דורכן פעלקער=בונד א מאנדאַטאָר=מאַכט, וועלכע דאַרף איר מאַכט לייגען אין דער ריכטונג, אז אין משך פון א באשטימטער צייט זאָל די בּאפעלקערונג קענען ווערן זעלבסטשטענדיג און ניט דאַרפן אָנקומען צו דער מיטהילף פון אפּטרפּסות. די דאָזיגע לאַנד ווערט אַזוי ארום שפּעטער לחלוטין פּאָליטיש אומאָפּהייגגיג. פאר

אזעלכע לענדער איז דער מאנדאַט־פּעריאָד אַ איבערגאַנגס־צייט פון אָפּהייננגיגקייט ביז זעלבסטשטענדיגקייט.

ארץ־ישראל איז, בכן, אויך אַ לאַנד, וואָס דאַרף אונטערליגן אַ געוויסע צייט דער ענגלישער אדמיניסטראַציע. די ענגלישע מאַנ־דאַטאָר־מאַכט איז מחויב צו פאַרוואַלטן מיטן לאַנד לויט די אָנווייזונ־גען פון מאַנדאַט. דער מאַנדאַט זעט פאָר, אַז „דער מאַנדאַטאָר דאַרף זיין פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דער פאַרווירקלאַכונג פון דער דעקלאַ־ראַציע, וואָס איז פאַרעפנטלאַכט געוואָרן דעם 2־טן נאָוועמבער 1917 דורך דער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט, דעם ענגלישן קעניג, און וואָס זעט פאָראויס די אויפריכטונג פון אַ נאַציאָנאַלער היים פאַרן יידישן פאָלק אין פאַלעסטינע". כדי עס צו פאַרווירקלאַכן זאָגט דער מאַנדאַט ווייטער, אַז „דער מאַנדאַטאָר איז פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דעם, אַז די לאַנד זאָל געשטעלט ווערן אונטער אַזעלכע פּאָליטישע, אַדמיניסטראַטיווע און ווירטשאַפטלאַכע באַדינגונגען, וועלכע זאָלן זיכערן דעם אויפשטעל פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים' (אַרט. 2).

דאָס ווידער אויפריכטן פון דער נאַציאָנאַלער היים אין א"י איז בכן דער גרונט־ציל פון דער בריטישער מאַנדאַט־אַדמיניסטראַציע ערשט אויפן צווייטן; אָרט ווערט געדעדט וועגן „מיטווירקן צו דער אַנטוויקלונג פון דער אָרטיגער זעלבסט־פאַרוואַלטונג". אָבער לחלוטין ווערט ניט דערמאָנט וועגן שאַפן אַן אַראַבישע נאַציאָנאַלע היים אָדער אַן אַנדער רעזשים, ווען דער מאַנדאַט וועט שוין ניט גילטן.

הגם דער באַגריף „נאַציאָנאַלע היים", וועלכער איז געבראַכט אין מאַנדאַט פון טעקסט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, איז ניט קיין קלאָרער, און דער מאַנדאַט גופא דעפינירט אים אויך ניט, דאָך איז די אויפגאַבע פון דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט צו זיכערן דעם אויפשטעל פון דער נאַציאָנאַלער היים פאַרן יידישן פאָלק, פאַר אַ פאָלק, וואָס געפינט זיך ניט אויפן באָדן פון לאַנד, נאָר איז צוזייט און צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, דער וויכטיגסטער מאָמענט, וואָס אונטערשיידעט דעם א"י־מאַנדאַט פון אַלע איבעריגע מאַנדאַטן זיינס גלייכן.

נאָך אַ צווייטער און וויכטיגער מאָמענט שטעלט דעם מאַנ־דאַט אויף א"י אַ חוץ דער ריי פון אַלע אַנדערע „אַ"־מאַנדאַטן און כאַראַקטעריזירט דערביי זיין ספּעציפישקייט און אייגנאַרטיגקייט.

דאָס איז די אינסטיטוציע פון דער „יידישער אַגענץ", וועלכע דער מאנדאט זעט פאַר און מיט וועלכער די א"י־אדמיניסטראציע דאַרף מיטאַרבעטן. לויט אנדערע מאַנדאטן פון דער „אַ"־קאַטעגאָריע דאַרף די מאַנדאַט־מאַכט שטיין אין א איינגער פארבינדונג מיט דער אָרטיגער באפעלקערונג, דערהויפט מיט איר רעפּרעזענטאַנץ, ווי אַ פּארלאמענט, אָדער אן אַנדער קערפּערשאפט, אַקעגן־זשע אין א"י־מאַנדאַט איז וועגן ענלאכעס ניט דערמאַנט. דאָ איז נאָר אנערקענט די „יידישע אגענץ" אלס די איינציגע, עפנטלאכע קערפּערשאפט, וואָס באראט זיך מיט דער א"י־אַדמיניסטראציע און ארבעט מיט איר מיט. פארשטענדלאך איז עס צוליב דעם, וואָס דער גרונט־ציל פון מאַנדאט איז די אויפריכטונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים, אזוי ארום מוז די מאַנדאַטאָר־מאַכט שטיין אין א פארבינדונג מיט די יידן, אָבער ניט נאָר מיט די פארשטייערס פון יידישן ישוב אין א"י, נייערט מיט א „יידישער אגענץ", פאר וועלכע ס'איז אנער־קענט געוואָרן די אלוועלטלאכע ציוניסטישע אָרגאניזאציע. נעמענ־דיג אין אכט, אַז די ציוניסטישע אָרגאניזאציע איז א געמיינשאַפט פון יידן, וואָס וואוינען אין אלע וועלט־טיילן, און טראגט א כאראקטער פון א פּאָליטישער פארטיי, קומען מיר בכן צום אויספיר, אז יידן פון דער גאנצער וועלט, אָרגאַניזירט אין אַ פּאָליטישער קערפערשאפט, בילדן א יידישע פאר־טרעטונג אין דער פאָרם פון דער „אַגענץ", וואָס ארבעט מיט מיט דער א"י־אדמיניסטראציע, באַראט זיך מיט איר און באטייליגט זיך אין דער אַנטוויקלונג און אויפבוי פון לאנד. און דערין ליגט די חשיבות און גרויסע באדייטונג פון די מאַנ־דאַט־באַשטימונגען וועגן דער „אגענץ", און אויך מיט דעם אונטער־שיידעט זיך גרינטלאך דער א"י־מאַנדאט פון די אַנדערע מאַנדאַטן פון זיינס גלייכן.

איצט וועלן מיר פרובן אויפקלערן וואָס איז די „יידישע אגענץ" און וועלכע זיינען אירע אויפגאבעס.

דער 2־טער און דריטער אָפזאץ פון ארטיקל 4 פון מאַנדאַט זיי־נען אינגאנצן אין גייסט פון די באשלוסן פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. אַלס די „יידישע אַגענץ" ווערט אַנערקענט די ציוניסטישע אָרגאניזאציע, וועלכע באַמיט זיך צו זיכערן די מיטאַרבעט פון אלע

יידן, וואָס ווילן בייהילפיג זיין אין אויפריכטן דער יידישער נאַציאָ־נאַלער היים. בכן, ווי געזאָגט, נאָר אין גייסט פון די באַשלוסן, ווייל אין די באשטימונגען פון דעם מאַנדאַט איז נאָך צוגעגעבן, אז דאָס אליץ איז גערעדט געוואָרן, „כל זמן די ציוניסטישע אָרגאניזאציע וועט אַנטשפרעכן, נאָך דער מיינונג פון מאַנדאטאָר, לויט איהר קאָנסטי־טוציע און סטרוקטור איר באַשטימונג". דער דאָזיגער תנאי דאַרף אומבאדינגט אונטערגעשטראָכן ווערן, ווייל ער מאכט איינגאנצן אָפּ־הייניג די קאָנסטיטוציע און סטרוקטור פון דער אָרגאניזאציע פון דער מיינונג און ווילן פון דער מאַנדאַטאָר־מאכט. גלייכצייטיג דינט דער זעלבער תנאי פאר דער מאנדאַטאָר־מאַכט אַלס א גרונט צו ניט וועלן אנערקענען אויף ווייטער די ציוניסטישע אָרגאניזאציע אַלס די „יידישע אַגענץ".

דאָס איז די נעגאטיווע זייט פון דער באַשטימונג, די פּאָזיטי־ווע — באַשטייט אין דער פעסטשטעלונג, אז די ציוניס־טישע אָרגאניזאציע ווערט אנערקענט אַלס די „יידישע אַגענץ". מיטן מאָמענט, ווען דער מאַנדאַט גייט אריין אין קראפט, עקזיסטירט שוין ניט פאר דער א'יי־אדמי־ניסטראציע קיין ציוניסטישע אָרגאניזאציע נאָר א „יידישע אַגענץ", וואָס עס איז אייגנטלאך נאָר א שנוי־שם. דאָס באדייט די פולע אינ־טערנאַציאָנאלע, פּאָליטישע און אפילו מאָראלישע אנערקענונג פאר דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אַלס דעם אינסטרומענט, וואָס בויט א היים־לאנד פארן יידישן פאָלק.

דער דריטער אפּזאַץ פון ארטיקל 4 איז אויך אומגעהויער וויכ־טיג, ווייל אויף אים שטיצט זיך דער שפּעטער אנטשטאַנענער פּלאן פון פארברייטערן די „יידישע אַגענץ", ד. ה. זיכערן און צוציען צו דער מיטארבעט אויך אויסערהאַלב פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע די אלע יידן, וואָס ווילן מיטהעלפן אויפצוריכטן די יידישע נאַציאָנאלע היים. געשען דאַרף עס, פארשטענדלאך, אין הסכם מיט דער ענגלישער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט. ברייטער אינטערפּרעטירן דעם אָפּזאַץ וועלן מיר ביי א צווייטער געלעגנהייט, ווען אונז וועט אויסקומען צו ריידן וועגן פארברייטערונגס־פּלאן פון דער „יידישער אַגענץ". דאָ ווילן מיר נאָר באַמערקן, אז אין פארגלייך מיטן באַשלוס פון אַקציאָנס־קאָמי־

טעט אונטערשיידעט זיך דער דאָזיגער אָפּזאץ מיט דעם, וואָס ער פיקסירט ניט קיין באַשטימטע צייט אויף אָנעמען שריט, כדי צו זיכערן די מיטאַרבעט פון אנדערע יידישע קרייזן, ווי מיר געפינען עס אין באשלוס פון אַקציאָנס⸗קאָמיטעט, וועלכער שטעלט פעסט א טערמין פון צוויי יאָר.

ווען מיר וועלן נאָך פארגלייכן אָט די באַשטימונגען פון מאַנדאט וועגן דער „אגענץ" אַלס אזעלכע מיט די ציוניסטישע פאָסטולאטן פון מעמאָריאל צו דער פרידנס⸗קאָנפערענץ, וועלן מיר באַמערקן, אַז זיי אונטערשיידן זיך פון יסוד אָן. אין מעמאָריאל ווערט לחלוטין פארשוויגן די ציוניסטישע אָרגאניזאציע, אַקעגן זשע רעדט זיך וועגן א ראט פון פארשטייער פון די יידן אין א"י און פון דער גאנצער וועלט, וועלכער ווערט געוויילט דורך א אלוועלטלאכן יידישן קאָנגרעס. אמת, אז דער דאָזיגער „ראט" איז אויף דער זיצונג פון אַקציאָנס⸗קאָמיטעט (אויגוסט 1919) העפטיג באַקעמפט געוואָרן דורך בראנדייסן און איז ווירקלאך דורכגעפאלן, אַקעגן איז בּאשׂיׄאָסן געוואָרן אין דעם זינען, ווי ס'איז שפּעטער מער וויינעגער פארמולירט געוואָרן אין מאַנדאט. אויב מיר וועלן זיך אָבער שטעלן די פראגע, וואָס וואָלט פאר אונזער זאך געווען צוועקמעסיגער, א „יידישער ראט" לויטן פראיעקט פון מעמאָריאל, אָדער א „יידישע אַגענץ" לויט דער פארמולירונג פון מאַנדאט, איז אָן ספק וועלן מ ר איינגיין אויף דאָס צווייטע. פּשוט דערפאר, ווייל דער „ראט" וואָלט געווען אַ פיקציע, מען וואָלט דאָך ניט געקענט אַזוי גיך צונויפרופי א אלוועלטלאכן יידישן קאָנגרעס.

וועגן די אויפגאבעס פון דער „יידישער אגענץ" ווערט גערעדט אין אלע דריי ציטירטע ארטיקלען פון מאַנדאט. די נפקא⸗מינה צווישן זיי איז בלויז, וואָס אין ארטיקל 4 ערשטער אָפּזאץ זיינען די אויפגאבעס פאראלגעמיינערטע און לחלוטין ניט אויסגעטייטשט. אין די ארטיקלען אָבער 6 און 11 ווערט שוין בפרטות גערעדט ועגן ספעציעלע אויפגאבעס פון דער „יידישער אַגענץ". אין ארטיקל 4 ווערט בכן אָנגעוואָרפן אין אלגעמיינע שטריכן, אז די „יידישע אַגענץ" האָט דעם צוועק:

א) זיך צו בּאראטן מיט דער א"י⸗אדמיניסטראצ ע,

ב) מיטאַרבעטן מיט איר אין ווירטשאפטלאכע, סאָציאלע און אַנדערע אָנגעלעגנהייטן, וועלכע זיינען נוגע:

1) דעם אויפבוי פון דער יידישער נאַציאָנאלער היים,

2) די אינטערעסן פון דער יידישער באפעלקערונג אין א״י,

ג) מיטווירקן און אנטיילנעמען אין דער אַנטוויקלונג פון לאנד אונטער דער קאָנטראָל פון דער אַדמיניסטראַציע.

די פונקטן א) און ב) ריידן וועגן דעם קאָנטאקט און געמיינזאמער ארבעט צווישן דער א״י-אַדמיניסטראַציע און דער „יידישער אַגענץ״; זיי דאַרפן תמיד זיך פארשטענדיגן און זיך באַראטן, צוזאמען ארבעטן אויף אַלע געביטן, וואָס זיינען נוגע ניט נאָר דעם אויפבוי פ׳ן דער נאַציאָנאלער היים, נייערט אויך די אינטערעסן פון יידישן ישוב, הגם זיי האָבן אָפטמאָל ניט קיין דירעקטע שייכות צו דער אויפבוי-ארבעט. אַזוי ארום דאגהט די „יידישע אַגענץ״ אויך וועגן ישוב און רעפּרעזענטירט אים כלפי חוץ. אין פּונקט ג) איז דער מאַנדאט מחיב דער „אַגענץ״ מיטצווווירקן און, נאָך מער, אנטיילנעמען אין דער אַנטוויקלונג פון לאנד. הגם די דאָזיגע פארמולירונג איז זייער פאראלגעמיינערט, דאָך פליסט פון איר ארויס דער חוב און די גרויסע אויפגאבע פון דער „יידישער אגענץ״ אויפצוריכטן דאָס חרוב געוואָרענע ארץ-ישראל. דאָס איז די ארבעט, וועלכע ווערט געפירט אין א״י דורך דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע זינט צענדליגער יארן. און די דאָזיגע ארבעט וועט קאָנטראלירט ווערן דורך דער ארץ-ישראל-אדמיניסטראציע.

אָט די אלגעמיינע באשטימונגען פון ארטיקל 4 וועגן די אויפגאבעס פון דער „יידישער אגענץ״ האָבן אויך זייער שאָטן-זייט, וואָס זיי לאָזן איבער א ברייטן פעלד פאר פארשיידענע אינטערפּרעטאַציעס, אגב, זייער אָפט לרעה פון דער „יידישער אגענץ״. דערביי איז כדאי צו באַטאָנען, אז א גרויסער מינוס איז דאָס, וואָס עס זיינען אין מאנדאַט ניט אויסגערעכנט געוואָרן די אלע אָנגעלעגנהייטן, ווירטשאפטלאכע צי סאָציאַלע, פּאָליטישע צי קולטורעלע, וואָס זיינען נוגע דעם א״י-אויפבוי, און בנוגע וועלכע די „יידישע אַגענץ״ דאַרף זיך באראטן און מיטארבעטן מיט דער א״י-אדמיניסטראציע.

פון די אַלע אָנגעלעגנהייטן ווערן נאָר אויסגעטיילט אייניגע,

וועלכע זיינען פאָרמולירט אין די ארטיקלען 6 און 11 פון מאַנ־דאַט, און דאָס זיינען׃

א) די פראגע פון א געשלאָסענער באָדן־קאָלאָניזאציע, וועלכע די אַדמיניסטראציע דאַרף דורכפירן אין פארשטענדיגונג מיט דער „אגענץ" (ארט. 6).

ב) די פראגע פון אויספירן כלערליי עפנטלאכע ארבעטן און פּראָ־דוקציעס ווי אויך די עקספּלאָטאַציע פון נאַטירלאכע אוצ־רות, וועלכע עס קען אונטערנעמען די „יידישע אגענץ" נאָכן שליסן ספּעציעלע אָפּמאכן מיט דער א"י־אדמיניסטראציע (ארט. 11).

וואָס ס'איז שייך דער ערשטער פראגע, האָט זי באמת א קאָ־לאָסאלע באדייטונג פאר דער אויפריכטונגס־ארבעט, וועלכע מוז דאָך געפירט ווערן אין דער ריכטונג פון א גרויסצוגיגער קאָלאָני־זאציע פון יידן אויפן א"י־באָדן. אין אָט דער וויכטיגער פראגע איז זייער וויכטיג, אז די מיינונג און דער ווילן פון דער „יידישער אַגענץ" זאָל ניט פארלאָרן גיין און משפּיע זיין אין דער ריכטונג. דעסטאָ מער, ווייל דער ארטיקל 6 רעדט וועגן א געשלאָסענער באָדן־קאָלאָניזאציע מיטן איינשלוס פון די מלוכה־באָדנס, וואָס זיינען ניט נויטיג פאר עפנטלאכע צוועקן (אזוינע זיינען דאָ אין זייער א גרוי־סער צאָל) ווי אויך וויסטע ערד־שטחים, און דערצו איז נאָך דער דאָזיגער אַרטיקל מחיב דער אדמיניסטראציע צו צואיילן די דורכ־פירונג פון דער באָדן קאָלאָניזאציע, מיטאַרבעטנדיג מיט דער „יידישער אגענץ".

וואָס איז נוגע ווידער דער צווייטער פראגע פון עפנטלאכע ארבעטן, פּראדוקציעס און עקספּלאָטאַציעס פון נאַטירלאכע רייכ־טימער, איז, הגם איר באדייטונג איז א קלענערע פון דער באָדן־קאָלאָניזאַציע, איז זי זייער וויכטיג פאר דער ווירטשאפטלאכער אַנטוויקלונג פון לאנד און במילא פארן אויפבוי פון א"י.

אין דער אויפגאבע ווערן אָבער דער „יידישער אַגענץ" גע־שטעלט פארשיידענע שווערע באדינגונגען. ראשית ווערן אויסגע־שלאָסן די אלע ארבעטן, פּראדוקציעס און עקספּלאָטאַציעס, וועלכע די אדמיניסטראציע אליין פירט אויס. פון אנדערע — קען גע־ניסן די „יידישע אַגענץ" נאָכן שליסן א אָפּמאך מיט דער ארמיני־

סטראַציע אונטער גערעכטע באַדינגונגען. דערביי ווערט ניט פעסט־
געשטעלט, אַז די „יידישע אגענץ" האָט פאַרצוגס־רעכט לגבי אַנ־
דערע קערפּערשאַפטן און געזעלשאַפטן, וואָס פאַרמינערט אין אַ
גרויסער מאָס די באַדייטונג פון דעם אַרטיקל. און נאָך אַ תּנאַי
ווערט פאַרגעזען ביים שליסן די אָפּמאַכן צווישן דער „אגענץ" און
דער אַדמיניסטראַציע, אַז „די הכנסות, וואָס די „יידישע אַגענץ"
באַקומט דירעקט, אָדער אומדירעקט, דאַרפן ניט איבערשטייגן די
געוויינלאַכע קאַפּיטאַל־צינזן, און אַלע איבעריגע רווחים דאַרפן אָנ-
געווענדעט ווערן לטובת דער לאַנד, לויט די פאָרמען, וואָס ווערן באַ־
וויליגט ווערן דורך דער אַדמיניסטראַציע". די דאָזיגע באַדינגונגען
מוזן באַטראַכט ווערן אַלס אַ באַגרענעצונג פון די רעכט פון דער
„יידישער אגענץ".

ווען מיר ווערן איצט פאַרגלייכן די אויפגאַבעס פון דער „יידי־
שער אַגענץ", אַזוי ווי זיי זיינען אָנגעצייכנט אין מאַנדאַט, מיט די
פאָדערונגען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווי זיי זיינען
פאַרמולירט אין מעמאָריאַל צו דער פרידנס־קאָנפערענץ, וועלן מיר
באַמערקן אַ גרויסן אונטערשייד. אין מעמאָריאַל זיינען די אויפ-
גאַבעס פון דער „יידישער אגענץ" ניט אַזוי פאַראַלגעמיינערט ווי אין
מאַנדאַט, זיי זיינען מער קאָנקרעטיזירט און נעמען אַרום כמעט
אַלע אָנגעלעגנהייטן, וואָס באַציען זיך צו דער אויפבוי־אַרבעט אין
א"י. אַזוי ווערט דאָרט גערעדט*) וועגן דער באַטייליגונג פון „יידישן
ראַט" (ווי ס'האָט דאַן געהייסן די „אַגענץ") אין דער אַנטוויקלונג
פון די עליה־פראַגן און זייער אָנפירונג, וועגן באַשטימען מיטן הסכם
פון דער רעגירונג די געזעצן פאַר דער אימיגראַציע אויף וויפל, ס'איז
נוגע די אימיגראַציע פון יידן אין לאַנד. וועגן אָט דער ערשטראַנ־
גיגער פראַגע, באַשטימט נאָר דער מאַנדאַט, אַז „די אַדמיניסטראַציע
פון א"י דאַרף, ניט פאַרמינערנדיג די רעכט פון דער איבעריגער אָר־
טיגער באַפעלקערונג, פאַרלייכטערן די יידישע איינוואַנדערונג דורך
אַנטשפּרעכנדיגע פאַראָרדענונגען" (אַרט. 6). מיט דעם, וואָס דער
מאַנדאַט זעט ניט פאַראויס קלאָר און דייטלאַך, אַז אויך אין דער
אימיגראַציע-פראַגע פון יידן זאָל זיך די אַדמיניסטראַציע באַראַטן

---

*) זע זייט 23.

מיט דער „אגענץ" און מיט איר מיטאַרבעטן, ווערן, אין גאָר א גרויסער מאָס, באשריינקט די קאָמפּעטענצן און רעכט פון דער „יידישער אגענץ", וועלכע זי וואָלט באדארפט באזיצן לויט דעם מעמאָריאל. און נאָך אנדערע פאָדערונגען פון מעמאָריאל ווי, אז די מאַנדאטאָר־מאַכט וועט פ אָ ר צ ו ג ן דעם ראט ביי פארשיידענע קאָנצעסיעס פון עפנטלאכע ארבעטן אָדער קאָנצעסיעס אויף עקספּלאָאַטירן די נאַטירלאכע רייכטימער פון לאנד, אז דער ראט וועט זיך באטייליגן אין דער קאָלאָני־זאציע, אין קרעדיטן א. ד. גל., אַז די פראגע פון יידישן חנוך ווערט איבערגעגעבן דעם ראט, אז דער ראט קען באשטייערן די יידן אין א"י, כדי צו באפעסטיגן די דערציאונגס־אַנשטאַלטן, סובסידירן די קהלות און פארוועגדן אויף צדקה, אז דער ראט קען ארויסלאָזן אָב־ליגאציעס, באַנקנאָטן און וועקסלען, כדי די געלט זאָל פארנוצט ווערן דורכן ראט אויף די בארערפעגישן פון די יידן אין א"י און אויף דער אַנטוויקלונג פון לאנד — זיינען לגמרי נים באריקזיכטיגט גע־וואָרן אין מאַנדאט און מיט דעם זיינען פארשמעלערט געוואָרן די אויפגאבעס, די רעכט און די קאָמפּעטענצן פון דער „יידישער אגענץ"*).

אמת, אז נים אַלץ האָט געקענט אין מאַנדאט פאראויסגע־זען ווערן, אז פיל פון דעם, וואָס עס פעלט אין מאַנדאט, וועט דאָס לעבן אליין שאפן, דאָס לעבן מיט זיין פארשיידנאַרטיגקייט וועט צו דעם דערברייינגען, דאָך דארפן באטראכט ווערן די באַשטימונגען פון מאַנדאט אַלס שוין דערגרייכטע מיטלען און צילן אויפן וועג צום פארווירקלאכן דעם ציוניסטישן אידעאַל. און דאָס אלץ, וואָס דער לעבן וועט שאפן, וועט מוזן ווערן ארויסגעקעמפט אין גערראנג פון די כוחות און פאקטאָרן, וואָס ווירקן און רעגולירן אין לעבן. און אין דעם קאַמף זיינען מיר, יידן, נים שטענדיג די שטאַרקערע און נים אָפט האַלטן מיר אָפּ נצחונות.

---

*) די דאָזיגע פארשמעלערונג איז געמאַכט געוואָרן אין דריטן פּראיעקט פון מאַנדאט פון 10־טן יוני 1920 (דער צווייטער פּראיעקט פון סוף 1919 האָט באריקזיכטיגט אַלע ציוניסטישע פאָדערונגען), זייען אויפן אָרט פון לאָרד באלפור האָט דעם אַמט פון אויסערן־מיניסטער פארנומען לאָרד קערזאָן.

צום סוף וועלן מיר נאָך אָנווייזן אויף דעם, אז דער מאַנדאט, וואָס שאפט א נייע אינסטיטוציע — די „יידישע אגענץ" — באַשטימט איר באציאונג צו דער מאַנדאטאָר־מאַכט און שטעלט פעסט אירע אויפגאבעס, פארגעסט אָבער פּרעציזירן, ווי אזוי וועט די „אגענץ" קענען ווירקן אויף דער א"י-רעגירונג, אז זי זאָל בפּועל מיטווירקן צום אויפשטעל פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים. און אויב עס וועט אויסברעכן א מיספארשטייעניש, א קאָנפליקט צווישן דער „יידישער אַגענץ" און דער א"י־אדמיניסטראציע, ווער וועט זיין דער פּוסק אחרון? אויך אין דער הינזיכט הינקט צו דער מאַנדאַט.

ווען מיר וועלן דאָס אלץ רעזיומירן, קומען מיר צו דער מיינונג, אז די „יידישע אגענץ", וועלכע איז איינע פון די צוויי — נעבן דער א"י־אדמיניסטראציע — אָרגאנען, וואָס זיינען בארופן צום אויפריכטן די יידישע נאציאָנאלע היים אין א"י, וועמענס רעכט ס'זיינען פאראויסגעזען אין מאַנדאט און גאראנטירט דורכן פעלקער־בונד, איז א גרויסע און באדייטונגספולע דערגרייכונג אויפן וועג צום אויפריכטן דער יידישער מלוכה אין א"י. די באַשטימונגען אָבער פון מאַנדאט וועגן דער „יידישער אגענץ" און אירע אויפגאבעס זיינען צו פיל פאראלגעמיינערט און אזוי ארום נעפּלהאַפט, לאָזן איבער א ברייטן פעלד אויף פארשיידענע אינטערפּרעטאַציעס און גיבן אונז נים קיין גאנצן און קלאָרן בילד וועגן דער „יידישער אַגענץ", איר באציאונג צו דער מאַנדאטאָר־מאכט און אירע אויפגאבעס.

II

# די צוציאונגס=פראגע און דער „קרן=היסוד״.

## ד.

## סאן - רעמא

שלום־טראקטאטן — טערקיי — הערצלס נביאות — סאן־רעמא — גרויסער ציוניסטישער נצחון — די פארחירקלאכונג — „איצט האט איר דעם סטארט, און פון אייך הייגגט אָפּ, צי איר וועט דעם וועט־לויף געווינען״ — די היסטאָרישע אויפגאבע.

די פרידנס=קאָנפערענץ אין פאריז האָט זיך פארענדיגט מיטן ווערסאלער טראקטאַט, וועלכער איז א טראקטאַט צווישן די זיגרייכע מלוכות פון איין זייט און דייטשלאנד פון דער צווייטער זייט. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון די פארהאַנדלונגען אין פאריז. א חוצדעם זיינען נאָך אין פאריז געשלאָסן געוואָרן אַנדערע טראקטאַטן, דערהויפּט צווישן די קאָאליציע=מלוכות און די ניי=אַנטשטאַנענע מלוכות פון פעלקער, וועלכע האָבן געוואונען אין דער מלחמה זייער אומאָפּהייננגיגקייט.

די שלום=אונטערהאַנדלונגען מיט טערקיי, דייטשלאנדס פארבינדעטע, זיינען געפירט געוואָרן ערשט אין א יאָר ארום אין סאן=רעמאָ. די גרונט=שטריכן פון שלום=טראקטאַט מיט טערקיי ייינען שוין אָנגעצייכנט געוואָרן דורך דער זיגרייכער קאָאַליציע אויף פריערדיגע קאָנפערענצן, אין סאן=רעמאָ האָט מען באדאַרפט נאָר אָפיציעל זיי באַשטעטיגן. און דאָ איז געשטאַנען די פראגע פון נעמען אין אכט די פאָדערונגען פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, וועלכע זיינען פארגעשטעלט געוואָרן אין ציוניסטישן מעמאָריאל צו דער פרידנס=קאָנפערענץ. ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאָנען, הערצלס נביאישע ווערטער, אז יידן וועלן האָבן דעם שעת הכשר צ באַקומען ארץ=ישראל ערשט דאַמאָלס, בעת טערקיי, דער „קראנקער מענש״,

אַנטיילנעמענדיג אין א מלחמה, וועט באזיגט ווערן און ס'וועט קומען צו דער אזוי לאנג שוין אָפּגעוואַרטעטער צוטיילונג פון טערקיי. דער דאָזיגער פּאָליטישער מאָמענט איז געקומען, און די ציוניסטישע אָר־גאניזאציע האָט אים אויסגענוצט.

צום אונטערשטיצן די ציוניסטישע פאָדערונגען זיינען קיין סאַן־רעמאָ אָפּגעפאָרן די פירער פּראָפעסאָר ווייצמאַן און נחום סאָקאָלאָוו און אויף דער איינלאַדונג פון די ציוניסטן אויך הערבערט סעמועל און לאָרד באלפור. קיין סאַן־רעמאָ זיינען דערגאנגען פאַרשיידענע ידיעות פון דער גאנצער וועלט וועגן מאַניפעסטאַציעס און דעמאָנסטראַציעס, וועלכע ברענגען צום אויסדרוק דעם שטאַרקן ווילן פון פאָלק ישראל אויף ארץ־ישראל. דער גרונט איז געווען צוגעגרייט, די גרעסטע אָנ־שטרייננגונגען זיינען גע־מאַכט געוואָרן. און ווירקלאַר זיינען די ציו־ניסטישע פאָדערונגען, אונטערשטיצט באזונדערס דורכן דאַמאָלסדיגן ענגלישן פּרעמיער, לאָיד־דזשאָרזש גענומען געוואָרן אין באטראַכט. דעם 24־טן אפריל 1920 איז אויף דער קאָנפערענץ אין סאַן־רעמאָ באַ־שלאָסן געוואָרן ארייננצוטראגן אין שלום־טראַקטאַט מיט טערקיי פאָלגנדיגן פּאַסוס:

„ביידע קאָנטראהענטן פון טראַקטאַט זיינען מסכים אי־בערצוגעבן די פאַרוואַלטונג פון א"י אלס מאַנדאַט־לאַנד צו דער מלוכה, וועלכע וועט דורך זיי באַשטימט ווערן. די מאַנדאַ־טאַר־מאַכט וועט זיין מחויב אדורכצופירן אין לעבן די דעקלא־ראציע, וועלכע איז דורך דער ענגלישער רעגירונג פאַרעפנ־טלאכט געוואָרן דעם 2־טן נאָוועמבער 1917 און וועלכע איז אַקצעפּטירט געוואָרן דורך די איבעריגע אַנטאַנט־מלוכות, צו שאפן א נאַציאָנאלע היים פאַרן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל מיטן תנאי, אַז עס וועט גאָרניט געטאָן ווערן אַזוינס, וואָס קען אָנרירן די רעליגיעזע און בירגערלאכע רעכט פון ד' נים־יידישע געמיינשאפטן אין א"י ווי אויך די רעכט און פּאָליטישע שטע־לונג פון די יידן אין אַנדערע לענדער".*)

אויף דער זעלבער קאָנפערענץ אין סאַן־רעמאָ איז נאָך באַ־שלאָסן געוואָרן איבערצוגעבן דעם מאַנדאַט אויף א"י דער בריטישער

*) מ. מרזיני: „עשר שנים של מדיניות ארץ־ישראליות" דף 125

רעגירונג. אין דריי חדשים ארום זיינען די דאָזיגע באשלוסן פון סאַן־רעמאָ באשטעטיגט געוואָרן דורך דער טערקישער רעגירונג אויף דער קאָנפערענץ אין סעוור (יולי 1920).

אזוי ארום איז פארווירקלאכט געוואָרן הערצלס חלום וועגן באַקומען א אינטערנאַציאָנאלע גאראנטיע אויף צו שאפן דעם צוקונפטיגן יידנשטאַט. די באזעלער פּראגראם איז אינגאנצן דורכגעזעצט געוואָרן.

מיר וועלן דאָ אויסמיידן צום דערציילן וועגן דער גרויסער פרייד און יובעל, וואָס די באַשלוסן פון סאַן־רעמאָ האָבן ארויסגערופן ביי די יידן פון גאָר דער וועלט.

דאָס אלץ, וואָס מיר האָבן אויבן געבראכט, דאַרף דינען פאר א בעסערער אָריענטירונג אין דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן און אין די אויספירונגען, וועלכע מיר וועלן פרובן ווייטער מאַכן.

נאָך סאַן־רעמאָ איז די ציוניסטישע באַוועגונג אַוועקגעשטעלט געוואָרן מיטן פּנים צו דער ווירקלאכקייט, פאר דער אויפגאבע פון אויפבויען דער נאַציאָנאלער היים אין א"י. לאָיד־דזשאָרזש האָט אין סאַן־רעמאָ לסוף פון די אונטערהאַנדלונגען זיך געווענדעט צו ווייצמאַנען מיט פאָלגנדיגע ווערטער: „איצט האָט איר דעם סטאַרט, און פון אייך הייננט אָפּ, צי איר וועט דעם וועט־לויף געווינען". דאָס זיינען געווען אמתע ווערטער. די ציוניסטישע אָרגאניזאציע האָט געדארפט אָנווענדן אלע אירע כוחות, כדי דעם וועט־לויף צו געווינען. כדי וואָס גיכער אויפצובויען ארץ־ישראל. אָבער, כידוע, פאָדערט די אויפריכטונג פון א חרובער לאַנד זייער א סך מי, געלט און ענערגיע. אזוי ארום איז די אויפגאבע געווען א קאָלאָסאל־שווערע און פון גרויסער, ערשטראנגיגער היסטאָרישער באדייטונג, ווייל די אייראָפּייאישע מלוכות האָבן דאָך געשאפן פאר די יידן די באַדינגונגען, די פּראקטישע ארבעט אָבער איז ארויפגעלייגט געוואָרן אויף די פּלייצעס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דער יידישער פאָלק האָט געדארפט געבן זיין תּשובה אויף סאַן־רעמאָ. און וואָס פאר א תּשובה איז עס געווען? אמבעסטן וועלן מיר עס ארויסנעמען פון די בּאראטונגען פון דער ציוניסטישער יאָר־

קאָנפערענץ אין לאָנדאָן אין יולי 1920. ס'איז אָבער נויטיג קודם כל פאַרצושטעלן דעם מצב פון יידישן פאָלק אין די ערשטע יאָרן פון נאָך דער וועלט־מלחמה.

# ה.

# רצון און יכולת

ערשטע יאָר־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן — די לאגע פון יידישן פאָלק נאָך דער וועלט־מלחמה — די טראגעדיע — מזרח און מערב — ארץ־ישראל־אויפבוי — וואָס באדארף מען און וואָס ויל מען? — מעגלאכקייטן — צוציען דעם גאנצן פאָלק — דער „קרן־היסוד" — ערשטער שריט.

די גרויסע טראגעדיע פון יידישן פאָלק, ווען ער האָט א צוזייטער און צושפרייטער, צובראכענער און רואינירטער, נעראפט דערפילן די גרעסטע אויפגאבע, וועלכע איז פאר אים געשטעלט געוואָרן נאָך צוויי טויזנט יאר גלות, כדי זיך צו באפרייען און זעלבסטשטענדיג זיין אין א אייגן לאנד, שילדערט אונז בולט מ. מרזיני אין זיין בוך: „עשר שנים של מדיניות ארץ־ישראלית", אין קאַפּיטל א. נ. „הר כניגית":

„טרויעריג איז געווען דער בילד, וועלכער האָט זיך אַנטפּלעקט פאר די אויגן פון דער וועלט מיט דער דער־עפנונג פון דער יאר־קאָנפערענץ*), צו וועלכער ס'זיינען זיך צונויפגעקומען פארשטייער פון אלע יידישע קבוצים. דער גאנצער שרעקלאכער, גייסטיגער און מאטעריעלער חורבן, וועלכן די מלחמה האָט אָנגעמאכט צווישן די יידישע מאסן אין פארשידענע לענדער, האָט געפונען זיין אויסדרוק אויפן דאָזיגן ציוניסטישן צוזאמענפאָר, וואָס האָט געהאַט צו דערלייזיגן גראנדיעזע און אחריות־פולע אויפגאבעס. די מיליאָנען רוסישע יידן, וועלכע זיינען אָפּגעריסן און אָפּגעטיילט געוואָרן פון גאנצן פאָלק מיט א רויטן קארדאָן פון מלחמות און בלאָקא־

*) די ערשטע ציוניסטישע יאר־קאָנפערענץ (קליינער קאָנגרעס) נאָך דער וועלט־מלחמה אין יולי 1920 אין לאָנדאָן.

דעם און זיינען פארבליבן פארדרייננגט אין א לאנד, אין וועל־
כער ס'האָט זיך אָפגעשפּילט די שווערהאַפטסטע טראַגעדיע
אין דער מענשלאכער געשיכטע, די שרעקלאכע מעשים
תעתועים, האָבן אפילו קיין פאַרשטייער ניט געהאַט אויף דער
קאָנפערענץ אין א צייט, ווען עס האָט געדארפט געלייזט ווערן
די פראגע פון ארץ־ישראל, וועלכע איז דאָך אזוי נאָנט געווען
צו די הערצער פון די רוסישע יידן. און נאָך שרעקלאכער און
טראגישער איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן קיין שום מעגלאכ־
קייט ניט געהאַט זיך צו באטייליגן אין דער אויפבוי־ארבעט
פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין דער צייט, ווען זיי
זיינען שטענדיג געווען דער גרעסטער כח אין יעטווידער פראק־
טישער ארבעט אין ארץ־ישראל, ווען זיי זיינען געווען דער
קוואל, וואָס האָט געגעבן דער ציוניסטישער באוועגונג מאַ־
טעריעלע און גייסטיגע כוחות. אָפּטימיסטן האָבן גערעכנט,
אז די לאגע אין רוסלאנד וועט זיך בעסערן. אָבער זייער גלויבן
איז געווען א פאלשער. ניט פיל בעסער איז געווען די לאגע
פון די יידישע קבוצים אין די לענדער פון מזרח־ און מיטל־
אייראָפּא. די וועלט־מלחמה האָט חרוב געמאכט זייער לעבן און
זייער געזעלשאפט. ניט נאָר וואָס זיי האָבן זיך ניט געקענט
באטייליגן אין די גרויסע אָנשטריינגונגען, וועלכע זיינען נויִ־
טיג געווען צום אויפלעבן א״י, נאָר אליין האָבן זיי נאָך באַ־
דארפט דרינגענדע הילף פון אנדערע יידישע קבוצים. און אזוי
איז געשען, אז דער גרויסער היסטאָרישער טאָג פארן יידישן
פאָלק האָט אים געפונען אין זיין גרעסטן טייל אין א שרעק־
לאכן חורבן, אין א לאגע, אין וועלכער ער האָט קיין שום
מעגלאכקייט ניט געהאַט צו טאָן עפעס פאר דעם, וועגן וואָס
ער האָט יארנלאנג געחלומט און געטרוימט.

„דער צענטר פון יידישן לעבן האָט זיך איבערגעטראגן
פון מזרח אין מערב, פון די יידישע קהלות אין רוסלאנד און
פוילן צו די קהלות אין ענגלאנד און באזונדערס אין צפון־אמע־
ריקע. אויב מען האָט געקענט דערווארטן א שטאַרקע ארבעט
צום פארווירקלאכן דעם ציוניסטישן אידעאל, האָט די אר־
בעט באדארפט קומען פון דעם דאָזיגן נייעם צענטר. אין

מערב האָבן זיך קאָנצענטרירט יידן גרויס אין זייער רייכטום און אין דער פּאָליטישער השפּעה. ווען זיי וואָלטן געמאכט די גערינגע אָנשטריינגונגען, וואָלטן זיי געקענט געפינען די ליי-זונג פאר דער פראגע פון א״י-אויפבוי.

„אָבער די יידן פון מערב זיינען ניט געווען צוגענרייט צו דער גרויסער, היסטאָרישער אויפגאבע. אמת, די מערב-יידן זיינען געשטאַנען אויף א הויכן, קולטורעלן ניוואָ און זיי-נען געווען שטאַרק מיט זייער פּאָליטישן כח, אָבער זיי זיינען לחלוטין ניט געווען צוגענרייט בייצושטיין דעם היסטאָרישן און נאַציאָנאַלן עקזאמען. די גרויסע ציוניסטישע אויפלעבונגס-ארבעט, וועלכע איז געפירט געוואָרן אין אמעריקע אין דער צייט פון דער מלחמה, האָט געשאפן ניט מער ווי א באַזיס פאר א גרויסער אויפלעבונגס-באוועגונג, וועלכע איז טאַקי דאריבער געבליבן א פלאכע. אקעגן איז נאָך ניט געשאפן גע-וואָרן דער באזיס צו שעפן די פאָלקס-כוחות פאר א שטענדי-גער און פּלאנמעסיגער ארבעט פאר ארץ-ישראל. די לאגע איז נאָך געווען ערגער דערמיט, וואָס די אמעריקאַנער יידן האָבן דערפילט זייער נאַציאָנאַלן חוב ניט נאָר פאר א״י, נאָר אויך דורך דער הילף פאר זייערע אָרימע ברידער אין מזרח-אייראָפּא. דאָס האָבן אויך אויסגענוצט די ציוניסטישע קעג-נער און געשטערט די ציוניסטן אין זייערע אָקציעס״.

דער וויכטיגסטער און צענטראלער פּראָבלעם, מיט וועלכן די יאר-קאָנפערענץ אין לאָנדאָן האָט זיך באשעפטיגט, איז געווען: צי קען דער יידישער פאָלק דערפילן די היסטאָרישע אויפגאבע, וועלכע איז פאר אים געשטעלט געוואָרן נאָך סאן-רעמאָ? וועלכער וועג איז דער בעסטער און קורצסטער, כדי מיטרייסן דעם פאָלק און געווינען אים פאר דער גראנדיעזער ארבעט?

ווייצמאן דערציילט, אז ענגלישע מלוכה-מענער האָבן דאמאָלס געזאָגט: „אלץ וועט צו גרונט גיין, אויב אין די ערשטע יארן וועלן זיך ניט געפינען די גויטיגע מיטלען״. אוסישקין האָט זיך אויסגע-דריקט: „אָדער מיר וועלן אין 10—15 יאר ארום האָבן א מערהייט אין ארץ-ישראל, אָדער... איך וויל בעסער ניט רעדן ווען דער אלטער-נאַטיווע״. בראנדייס האָט געהאלטן, אז „מיר האָבן באקומען די גע-

לעגנהיים אויפצובויען די לאנד, מיר דארפן באלד אָנהויבן די אר־בעט, ענגלאנד וויל עס, מיר דארפן ארבעטן, און ארבעטן גיך".

מיט איין וואָרט אלע האָבן פארשטאַנען די גרויסע אחריות פון דער געגעבענער מינוט, אַלע האָבן געוואוסט, וויפל עס פאָדערט זיך אַרבעט, כדי אויפצובויען די נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל. שוין מיט א פאָר יאר פריער איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז מען באַדאַרף האָבן דרייהונדערט אין פופ־ציג מיליאָן פונט שטערלינג צום אויפבוי פון דער לאנד. יעטווידער האָט געוואוסט, אז אזא סומע איז אוממעג־לאך צו שאפן. אָבער אויך דער מינימום־פראגראם איז געווען געוואַג גרויס. מען האָט באדאַרפט פון צוואנציג ביז פינף און צוואנציג מיליאָן פונט שטערלינג. אוסישקין האָט געפאָדערט אַ בודזשעט פון פיר מיליאָן פונט אויפן יאר תרפ"א, כדי צו ברייננען אין לאנד דרייסיג טויזנט יידן. ווייצמאן האָט גערעדט וועגן פופציג טויזנט יידן א יאר, און ד"ר מאַקס נאָרדוי — וועגן א האלבן מיל־יאָן. מען האָט אָבער געוואוסט, אז דער יידישער פאָלק וועט די פינף און צוואנציג מיליאָן פונט אין משך פון פינף יאר אויך ניט געבן. די סתירה צווישן ווילן און מעגלאכקייט האָט זיך אַנטפלעקט. די גרויסע טראגעדיע פון ציוניזם האָט זיך אָנגעהויבן. און דערצו איז נאָך צוגעקומען דער שטרייט אין די ציוניסטישע רייען, וועלכן מיר האָבן אין קורצן פריער דערמאָנט, דער שטרייט צווישן ווייצ־מאַנען און בראנדייסן.

ס'איז געווען קלאָר, אז די נויטיגע, גרויסע געלט־סומעס וועט מען ניט ארויסבאקומען פון יידישן פאָלק, בעסער געזאָגט, פון א קליינעם טייל פון פאָלק, אויף וועמענס שטיצע מען האָט געקענט אין יענער צייט רעכנען. די לאָנדאָנער יאר־קאָנפערענץ האָט, אזוי ארום, זיך געמוזט פארוואנדלען אין א קאָנפערענץ צום ראטעווען דעם ציוניזם און צו זוכן אלע וועגן און מעגלאכקייטן, ווי צו באקומען א מאַקסימום פון געלט־מיטלען פאר דער אויפבוי־ארבעט. אין קעגנ־פאל וואָלט דער ציוניזם פארבליבן א אוטאָפיע, וואָס קען באמת ניט רעאליזירט ווערן.

אויף דער קאָנפערענץ האָט מען ארויסגעזאָגט פארשידענע מיינונגען און פאָרגעשטעלט א סך פלענער, ווי דעם מאַקסימום צו

באקומען. ס'איז נעפירט געוואָרן א העפטיגער קאַמף ארום די דאָ־זיגע פלענער. דאָס אינטערעסירט אונז נים. דער רעזולטאַט איז גע־ווען: דער קרן-היסוד, נעבן דעם קרן קימת, דער פאָנד פון אויפבוי פון דער יידישער נאציאָנאלער היים אין ארץ־ישראל.

די וויכטיגסטע באשלוסן פון דער קאָנפערענץ וועגן קרן־היסוד זיינען פאָלגנדע:

די ציוניסטישע קאָנפערענץ, אָפּגעבנדיג זיך א דין וחשבון פון דער היסטאָרישער באדייטונג פון אונזער צייט און האַלטנדיג, אז עס מוז ווערן פאראייניגט די ענערגיע פון גאנצן פאָלק פארן געוואלדיגן ווערק פון אויפבוי פון ארץ־ישראל, באַשליסט:

א) שאפן א אימיגראציע־ און קאָלאָני־זאציע־פאָנד א. נ. „קרן־היסוד“,

ב) שטעלטפעסט, אז גלייך ביים אָנהויבן די אויפבוי־ארבעט פון דער יידישער נאַציאָנאלער היים אין א״י זיינען נויטיג פינף און צוואנציג מיליאָן ענגלישע פונט שטערלינג, וועל־כע מען דאַרף צונויפזאמלען אין משך פון איין יאר.

די ציוניסטישע קאָנפערענץ ווענדעט זיך אין א פייער־לאכן אויפרוף צום גאנצן יידישן פאָלק מיטן אפעל, ער זאָל זיין חוב דערפילן און מיט גרויסע, געלט־קרבנות, סיי פון פארמעגן סיי פון פארדינסט, זאָל ער דערמעגלאכן דעם קרן־היסוד די אויפבוי־ארבעט דורכצופירן,

ג) איטלאכס תורם אויפן קרן־היסוד באקומט אן אנטשפרעכנדן סער־טיפיקאַט.

ז) די אייגנטימער פון די סערטיפי־קאטן באַטייליגן זיך און פאר־וואלטן מיטן פאָנד א. א. וו.

די גרינדונג און פראקלאמירונג פון קרן־היסוד איז געווען דער וויכטיגסטער אויפטו פון דער יאר־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן.

וואָס זאָגט אונז דאָס אלץ, און צו וועלכע מסקנות קומען מיר נאָכן באטראכטן די אלע פראגן?

די טראגעדיע פון ציוניזם, וואָס האָט געשטעקט אין דער גע־וואלדיגער סתירה צווישן רצון און יכולת, און וואָס איז געווען א רע־זולטאט פון טרויעריגן מצב פון יידישן פאָלק נאָך דער וועלט־מלחמה, איז געוואָרן די שטוים־קראפט פון דער קאַלטער, אייזערנער ווירק־לאכקייט צום נעדאַנק פון ר א ט ע ו ו ע ן ד ע ם צ י ו נ י ז ם ד ו ר כ ן צ ו צ י ע ן ד ע ם ג א נ צ ן י י ד י ש ן פ אָ ל ק צ ו ם א ו י פ ב ו י פ ו ן א ר ץ־י ש ר א ל. די כוחות און די מעגלאכקייטן פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע האָבן זיך ארויס־געוויזן פאר די פירערס אלס וייט נים גענוגנדע, אלס צו קליינע, כדי קענען אַדורכצופירן די גראנדיעזע ארבעט פון אויפבויען א נאַציאָ־נאַלע היים פארן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל.

פון דער אַנדער זייט האָט די ציוניסטישע אָרגאניזאציע, וואָס האָט זייט צענדליגער יארן אָנגעפירט מיט דער א"י־ארבעט, באַ־טראכט די דאָזיגע ארבעט נים אַלס פארטיי־זאך, און זיך באַמיט צו געווינען פאר דער דורכפירונג פון ווערק דעם גאנצן יידנטום. דער קרן-היסוד איז דאריבער דערקלערט געוואָרן נים אלס א י נ־ס ט ר ו מ ע נ ט פון א פארטיי, נאָר פ ו ן ג א נ צ ן י י ד י ש ן פ אָ ל ק. אויף דעם יסוד איז שוין לייכט צו באהויפטן, אַז דער קרן־היסוד האָט געדארפט זיין די ערשטע שטופע פון צוציאונגס־פלאַן. די ענערגיע פון גאנצן יידישן פאָלק מוז ווערן פאראייניגט פארן געוואלדיגן ווערק פון אויפבוי פון א"י. יעטווידער איד, ציוניסט אָדער נים־ציוניסט, וואָס באטייליגט זיך דורך א תרומה אין קרן־היסוד, בא-קומט אַן אַנטשפרעכנדיגן סערטיפיקאַט און קען האָבן א השפעה און זיין דעה זאָגן אין דער פראגע פון אויפריכטן די יידישע נאַציאָנאלע היים אין א"י.

— דאָס איז נאָר געווען דער ערשטער שריט, דער צווייטער איז געמאַכט געוואָרן אויפן XII ציוניסטישן קאָנגרעס.

## ו.

# דער צוציאונגס-פּראָבלעם

XII קאָנגרעס — דער רושם פון בראנדייסעס סעצעסיע — ווייצ-
מאנס קאנצעפּציע — מער ווי איין וועג — די צוציאונגס פראגע —
ב. פּייוולס פּלאַן — די אָפּאָזיציע — קאָנגרעס-החלטות — קאָנסיל
און דירעקטאָריום פון קרן-היסוד — דער רעזולטאט.

דער XII ציוניסטישער קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד אין אוי=
גוסט 1921 איז געווען דער ערשטער קאָנגרעס נאָך דער וועלט=
מלחמה, דער ערשטער קאָנגרעס נאָך דער באַלפור=דעקלאַראַציע און
סאַן=רעמאָ, ווען נציב העליון אין ארץ=ישראל איז געווען דער ייד,
סער הערבערט סעמועל. צווישן XI קאָנגרעס אין יאר 1913 און XII
אין יאר 1921 איז ניט נאָר געווען א מרחק פון אַכט יאר, נאָר פיל
מער. און דאָך זיינען די גרויסע פּאָליטישע נצחונות פון ציוניזם אין
די לעצטע יאָרן געבליבן אויפן קאָנגרעס ווי אין שאָטן. צי איז דאָס
געווען מחמת דעם, וואָס אין די יאָרן 1919 און 1920 זיינען פארגע=
קומען גרויסע ציוניסטישע קאָנפערענצן (אַקציאָנס=קאָמיטעט=זיצונ=
גען און יאר=קאָנפערענץ)? אָדער צי האָט די שלעכטע לאגע אין ארץ=
ישראל געמאַכט פאַרגעסן דאָס אַלץ, וואָס איז ניט לאַנג דערגרייכט
געוואָרן? עס רעדן אפילו וועגן די פּאָליטישע דערפאָלגן ווייצמאַן
און סאָקאָלאָוו אין זייערע דערעפנונגס=רעדעס, אָבער די דעבאַטע
איז איינגאנצן אן אַנדערע. די הויפּט=פראגע פון דעם XII קאָנ=
גרעס, ארום וועלכער די דיסקוסיע איז געפירט געוואָרן, איז דער
ארויסטריט פון בראנדייסן, מעקן און זייער גרופּע פון דער אַל=
וועלטלאַכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. און דאָס איז דאָך געשען
כמעט ווי ערב דעם קאָנגרעס אויפן צוזאַמענפאָר פון דער אַמערי=
קאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין קליוולאנד אין יוני 1921

א דאַנק דר. וויצמאַנען, וועלכער האָט אין אמעריקע באַזיגט בראַנ־
דייסן. געני וועלן מיר אָט דעם דאָזיגן ענין ניט באַהאַנדלען, דאָס איז
א דבר בפני עצמו. אויפן קאָנגרעס האָט דער ענין בראַנדייס פאַר־
נומען א חשובן אָרט, ווייל צו גרויס זיינען געווען די פאַרדינסטן פון
בראַנדייסן פאַרן ציוניזם, צו גרויס איז געווען זיין באַדייטונג און זיין
השפּעה, אז מ'זאָל איבער זיין סעצעסיע אריבערגיין אויפן קאָנגרעס
צום סדר־היום. אלע רעדנער האָבן עס באַרירט, פון דער אָפּאָזיציע,
די בראַנדייסיסטן סימאָן און דע־לימע, וועלכע זיינען צוליב זייער
ניט איינפאַרשטענדניש מיט דער קרן־היסוד-אַרבעט ארויסגעטראָטן
אין מערץ 1921 פון דער עקזעקוטיווע, ביז די התלהבותדיגע אָנ־
הייננער און פאַרטיידיגער פון דער עקזעקוטיווע. די דאָזיגע פראַגע
האָט אלע איבעריגע ענינים געשטעלט אין שאָטן.

דאָך זעען מיר אויפן XII קאָנגרעס די ערשטע צייכנס פון דעם
פאַרברייטערונגס־פּלאַן פון דער „יידישער אַגענץ", און באַזונדערס
איז דאָרט פאַרמולירט געוואָרן, ווי אזוי מען זאָל ד י נ י ט ־
צ י ו נ י ס ט ן צ ו צ י ע ן צ ו ד ע ר א ו י פ ב ו י ־
א ר ב ע ט א י ן א" י ד ו ר כ ן ק ר ן ־ ה י ס ו ד.
און פון דעם דאָזיגן שטאַנדפּונקט אייגנטלאך אינטערעסירט אונז
דער XII קאָנגרעס.

הגם דער גרעסטער טייל רעדנער איז ארויסגעטראָטן קעגן דער
מיינונג פון סימאָן און דע־לימע, אז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע
דאַרף אויפהערן צו פירן א פּראָפּאַגאַנדע־ און קולטור־אַרבעט, ווי
אויך געגנווארטס־פּאָליטיק אין די לענדער פון דער דיאַספּאָרא, אז
זי דאַרף זיך נאָר פאַרנעמען מיט דער א"י־אַרבעט און אזוי ארום
פאַרלירן דעם כאַראַקטער פון א פאָלקס־באַוועגונג, פון א באַוועגונג
צו אויפלעבונג—האָט דאָך אַ טייל רעדנער מיט וויצמאַנען בראש זיך
ארויסגעזאָגט פאַר דעם, אז אין דער אויפבוי־אַרבעט אין א"י מוז
מען זיך פאַראייניגן מיט ניט־ציוניסטן, ווייל די אייגענע מיטלען
זיינען צו קליין און לאַנג וואַרטן טאָר מען ניט. פּרעזידענט וויצמאַן
האָט אין זיין דערעפענונגס־רעדע געזאָגט: „אונזער חוב איז צו טאָן
אלץ וואָס ס'איז מעגלאך, כדי צוציען צו אונזער נאַציאָנאַלער אַר־
בעט אלע ענערגיע־קוואַלן פון יידנטום, וועלכע מיר קענען נאָר דער־
גרייכן. מיר דאַרפן האָפן, אז דער אַמעריקאַנער יידנטום וועט פאַר־

שטיין די גרויסע אַחריות, וואָס ער טראָגט אויף זיך אַלס דער גרעס=
טער און שטאַרקסטער יידישער קבוץ, און דער איינציגער, וועלכן
ס'האָט ניט אָנגערירט די האַנט פון נאָך=מלחמהדיגן חורבן. די יידן,
וואָס געפינען זיך אויסער דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָבן א
ברייטן פעלד פאר בשותפותדיגער ארבעט מיט אונז, הן אויפן גע=
ביט פון פראקטישער ארבעט אין א"י, הן אויפן געביט פון קולטור
און דערציאונג, טראָץ די אונטערשיידן, וואָס טיילן אונז אָפּ. איך
האָף און איך גלויב, אז די פונקטן, וואָס פאראייניגן אונז, וועלן זיין
שטאַרקער פון די, וועלכע טיילן אונז פאנאנדער... מיר פון אונזער
זייט זעען אין „קרן=היסוד" דעם אינסטרומענט פון נאַציאָנאלן
ווילן צו אויפבויען ארץ=ישראל, אָבער מיר פארשטייען אויך, אז ניט
אלע יידן אַנערקענען, ווי מיר, די נויטווענדיגקייט פון א פאר=
איינינגטן אויסדרוק פון נאַציאָנאלן ווילן און שטרעבן. מיר זיינען
גרייט מסכים צו זיין, אז מ ע ר ו ו י א יי ן ו ו ע ג פירט
קיין א"י, און מיר ווילן גאָרניט פארמאכן די אַנדערע וועגן פאר די,
וואָס ווילן ניט גיין מיט אונזער וועג".*)

אין די ווערטער דאַרפן מיר זען דעם ערשטן גרונט=געדאַנק
פון פארברייטערן די „יידישע אַגענץ". דאָסמאָל איז עס נאָך ביי א
געדאַנק געבליבן. אין וואָס באַשטייט אָט דער גרונט=געדאַנק און
מיט וואָס איז ער נאָענט אָדער ווייט פון בראנדייסעס אָנשויאונ=
גען?

דער ציל איז צוציען צו דער אויפריכטונגס=ארבעט אין א"י
אלע ענערגיע=קוואלן פון יידנטום, אויך ניט=ציוניסטן און אפילו קעג=
נער, באזונדערס אָבער די רייכע אַמעריקאַנער, און שאַפן א געמיינ=
זאמע פלאטפאָרם פון די פונקטן, וואס פאראייניגן די ציוניסטן מיטן
צווייטן צד. מיט איין וואָרט — אין דער פראגע פון א"י=אויפבוי
אָפּזאָגן זיך פון אייגענעם און אַנערקענען רעכט דאריבער, ארבעטן
בשותפות מיט ניט=ציוניסטן אויפן יסוד פון א געמיינזאמער פלאט=
פאָרם און אלס קרבן ברייננען די איבערצייגונג, אז נאָר דורכן ציו=
ניזם, נאָר דורך דער אויפלעבונג פון פאָלק און נאַציאָנאלן רענעסאנס

*) Stenographisches Protokoll der Verhandlungen des XII. Zionisten-Kongresses in Karlsbad. s. 16-17

וועט געלינגען דער אויפבוי פון דער יידישער היים אין ארץ־ישראל. דאָס איז דער ערשטער שריט.

נאָנט צו בראַנדייסן איז ווייצמאַן דערמיט, וואָס ער איז מסכים צו שאפן מיט די ניט־ציוניסטן א געמיינזאמע פלאטפאָרם פון אר־בעט אויפן געביט פון א"י־אויפבוי. נאָר בראנדייס האָט געוואָלט, אז די דאָזיגע פלאטפאָרם זאָל זיין די פראגראם פון דער ציוניס־טישער אָרגאניזאציע, און די ניט־ציוניסטן זאָלן אזוי ארום ווערן ציוניסטן, און ווייצמאן, ווידער, האָט געוואָלט איינהאַלטן דעם ביז־אַהעריגן כאראקטער פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע און שאפן א געמיינזאמע פלאטפאָרם נאָר אויפן געביט פון ארץ־ישראל־ארבעט.

וואָס פאר א סבות האָבן ווייצמאַנען געבראכט צו דער דאָזיגער מיינונג? דאָ וועלן מיר זיי נאָר אין קורצן אָנגעבן. דאָס איז די ענטוי־שונג אין פאָלק, אין זיין גרייטקייט אויף קרבנות, און צו דעם איז צוגעקומען די שווערע פאָליטישע סיטואציע און די שלעכטע לאגע אין ארץ־ישראל אין שיכות מיט די פּאָגראמען אין פרילינג 1921. און ווארטן קען מען ניט, ארץ־ישראל דאַרף מען וואָס גיכער בויען. און גרויסע מיטלען זיינען דרינגענד.

צוציען די ניט־ציוניסטן — איז געוואָרן דער לאָזונג, ווייל די ציוניסטן אליין זיינען צו ווייניג, צו שוואך. אָבער ווי אזוי, אויף וואָס פאר א אופן?

אין ענטפער געפינען מיר אין די ווערטער פון ק ו ר ט ב ל ו מ ע נ פ ע ל ד; פאָלעמיזירנדיג מיט סימאָנען, זאָגט ער, אז מען דאַרף צוציען צו דער ארבעט די ניט־ציוניסטן. מען וועט זיי אָבער ניט צוציען, ווי סימאָן האַלט, מיטן פארברייטערן אונזערע גרעניצן דורך נאָך גרעסערע פשרות און קאָמפּראָמיסן; „אפילו דאַן — מיינט בלומענפעלד — וועט זיך ניט פארגרעסערן די צאָל פון אונזערע אָנהייננער. פארקערט, אפשר דורך די תקנות פון קרן־היסוד וועט מען קענען שאפן די מעגלאכקייט פון פארבינדן זיך מיט די ניט־ציוניסטן פאר דער ארבעט אין לאנד... מיר גלויבן, אז מיר וועלן דעראָבערן די פארבאַלטענע כוחות פון יידנטום דערמיט, וואָס מיר וועלן צוציען צו דער ארבעט די ניט־ציוניסטן" *)

---

*) ibidem ז. 208-209.

די ציוניסטישע אָרגאניזאציע פארבלייבט אַלזאָ ווי געווען און נאָר אין קרן־היסוד זאָל מען מאַכן א שותּפות מיט ניט־ציוניסטן, און דער קרן־היסוד איז דאָך דער פאָנד פון ארץ־ישראל־אויפבוי.

דר. בערטאָלד פייוועל קלערט עס אויף נאָך בעסער און ברייטער אין דער דעבאַטע איבערן קרן־היסוד: „...די הארבסטע פראגע איז די פראגע פון דער באטייליגונג אין קרן־היסוד פון יידן, וואָס זיינען ניט קיין ציוניסטן. וואָרום די ציוניסטן האָבן געשאפן אַ פאָנד, וועלכער ווערט פון איין זייט אין ארץ־ישראל פארווענדעט אונטער א ציוניסטישער אויפזיכט, און פון דער אַנדער זייט פאר־לאַנגט ער, דער קרן־היסוד, דעם צוטרוי און די שטענדיגע מיטאר־בעט אויך פון אזעלכע, וואָס געהערן ניט צו דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע. אָט די פראגע איז א ציוניסטישע פראגע, א פּאָליטישע און א טאַקטישע. די ציוניסטישע אָרגא־ניזאציע דאַרף שטיין אויף דער וואַך און אָפּהיטן די ריינקייט פון אירע אידעאַלן און פון איר טאַקטיק, און צוזאמען מיט דעם צוציען צו איר ארבעט די ניט־ציוניסטישע קרייזן. איך וועל אייך איבערגעבן א פאקט, וועלכער באווייזט, אז עס איז אונז געלונגען און וועלכער אַנטשפּרעכט דעם, וואָס איך האָב אייך פריער געזאָגט. די ארבעט פארן קרן־היסוד האָבן אין עטלאכע ערטער אָרגאניזירט די ציוניסטן מיט די ניט־ציוניסטן. דאָס בא־ווייזט דעם גרויסן כח־השפעה פון דעם קרן־היסוד־געדאַנק". און א צווייטן מאָל גיט ער צו: „דער מאַנדאט זעט פאראויס, אז די ציוניסטישע אָרגאניזאציע זאָל מאכן די געעריגע שריט, כדי צו זיכערן די מיטארבעט פון אלע יידן פארן אויפבוי פון א״י, די ציוניסטן קענען עס דערפילן אָדער דורך אויפרופן צו די יידן פון דער גאנצער וועלט (פראפאגאנדע), אָדער דורך צוציען צו דער ארבעט די יידן פון דער גאנצער וועלט אויפן יסוד פון צוזאמענאַרבעט און שותּ־פות. אין ערשטן פאל מוז דער ציוניזם מותר זיין אויף זיינע רא־דיקאַלע פאָדערונגען, אָבער אויך דאַן וועלן די קעגנער ניט צושטיין צו אונזער באוועגונג. און דאריבער איז ניטאָ קיין אנדער וועג ווי

דער צווייטער. א מעות האָט סימאָן, אויב ער קלערט, אז אונזערע קאָנטראהענטן וועלן זיך באַגנוגנען מיט דער קאָנטראָל איבער דער פארנוצונג פון די געלטער און זיך ניט וועלן באטייליגן אין דער הנהלה. די פראקטיק באווייזט אונז דעם היפוך. מיר האָבן דאריבער קיין ברירה ניט ווי אריינצונעמען אין דער הנהלה פון קרן־היסוד אויך ניט־ציוניסטן. בכן מוז מען פארזיכערן דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע די העלפט פון דער השגחה און דער השפעה און די צווייטע העלפט איבערגעבן די אַקציאָנערן, די סערטיפיקאַטן־איינגנטימער. אונזער השפעה וועט אזוי ארום זיין אָפהייגניג פון דער צאָל פון ציוניסטישע אַקציאָנערן, און אויף דעם יסוד וועט געשאפן ווערן דער ראט פון קרן־היסוד".*)

דאָס איז אייגנטלאך די פאָרמולירונג פון פראבלעם, ווי מיר האָבן אים אָנגערופן: „די צוציאונגס־פראגע און דער קרן־היסוד", און אזוי איז ער טאַקי געלייזט געוואָרן דורכן XII ציוניסטישן קאָנ־גרעס.

קעגן דער אויפפאסונג איז שארף ארויסגעטראטן דער פירער פון דער אָפּאָזיציע, יוליוס סימאָן. ער האָט געפאָדערט (אין הסכם מיט בראנדייסעס אָנשויאונג), אז נאָר די ציוניסטישע אָרגאניזאציע זאָל זיך פארנעמען מיטן א"י־אויפבוי און זאָל אין די דאָזיגע וויכטיגע פראגן אליין דעצידירן און עס ניט איבערגעבן דעם דירעקטאָריום פון קרן־היסוד, וואו עס וועלן זיך געפינען אויך ניט־ציוניסטן. אויך יצחק גרינבוים איז ארויסגעטראטן קעגן אָפגעבן א העלפט פון דער מאכט דעם קרן־היסוד, האַלטנדיג עס פאר א סכנה פאר דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע. „דאָס וועט אונז דערברייגנען צו דעם, אז קיינער וועט צו אונז ניט קומען, ווייל די העלפט שטימען וועט סיי ווי קיינעם ניט צוציען און געווינען. אָנשטאָט צו פארשטאַרקן די אָרגאניזאציע שאפן מיר אזוי ארום נייע אינסטיטוציעס, וואָס וועלן שטיין ניט אונער דער איינציגער השגחה פון קאָנגרעס, און דורכדעם צושפליטערן מיר דאָך די אָרגאניזאציע".*)

---

*) ibidem .ז 546-547, 567-568.

**) ibidem .ז 245.

טראָץ דער אָפּאָזיציע איז דאָך געמאכט געוואָרן דער פּרוב צוציען דורך דעם קרן־היסוד די ניט־ציוניסטן פאר דער אויפבוי־ארבעט אין ארץ־ישראל. די סבות דערפון זיינען קלאָרע, ווען מיר וועלן צו זיי נאָך צוגעבן, אז אין ערשטן יאר פון דער עקזיסטענץ פון קרן־היסוד איז צונויפגעזאמלט געוואָרן אָנשטאָט די געפּלאנטע 25 מיליאָן פונט נאָר 427.856 ענגלישע פונט שטערלינג, הגם די אָרגאניזאציע פון קרן־היסוד איז גוט אויסגעשטעלט געוואָרן.

דער ערשטער שריט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף דער יאר־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, האָט דערבראכט צום צווייטן שריט אויפן XII קאָנגרעס. די באשלוסן פון קאָנגרעס אין דער פראגע זיינען געווען פאָלגענדע:

פונקט 8: די אייננטימער פון די קרן-היסוד־סערטיפיקאַטן אין יעדן לאנד ווילן אויס זייערע פארשטייער אין ראט פון קרן־היסוד. די צאָל פון די אויסגעווײלטע פארשטייער פון יעדן לאנד איז אָפּהייננגיג פון דעם סכום, וואָס איז אין געגעבענעם לאנד צונויפגעזאמלט געוואָרן פארן קרן־היסוד. יעטווידער סערטיפיקאַט־אייננטימער האָט נאָר איין שטימע.

פונקט 9: דער דירעקטאָריום פון קרן־היסוד באַשטייט פון 6 ביז 10 מיטגלידער, פון וועלכע א העלפט ווערט אויסגעווײלט אויף פראפּאָרציאָנעלע יסודות דורכן ראט פון קרן־היסוד פון צווישן זיינע מיט־גלידער, און א העלפט ווערט באַשטימט דורך דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער אָרגאני־זאציע.

פונקט 11: ביז די סערטיפיקאַטן־אייננטימער וועלן אָרגאניזירט ווערן, און עס וועט נעגרינדעט ווערן דער ראט פון קרן-היסוד, וועט די ציוניסטישע אָרגאניזאציע באשטימען אלע מיטגלידער פון דירעקטאָריום. דער ראט

פון קרן-היסוד דאַרף געשאַפן ווערן אין סוף יאַר 1922.

פונקט 10: דער ראַט פון קרן-היסוד ווײלט אויס דעם Board of Trustees (ראַט פון פאַרטרויאַנגס-מענער), וואָס דאַרף באַשטיין פון ניט מער ווי 10 מיטגלידער, וואָס האָבן רעכט צו רעווידירן צו יעדער צייט די טעטיגקייט פון דירעקטאָריום און דעם רעזולטאַט מיטטיילן דעם ראַט פון קרן-היסוד אָדער דער עפנטלאַכקייט.

דער קאָנגרעס האָט אַלזאָ געענדערט דעם סטאַטוט פון קרן-היסוד, ווי ער איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך דער יאַר-קאָנפערענץ, און געשאַפן א ברייטע סטרוקטור און דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן ליימער פון אויפבוי-פאָנד אין הסכם מיטן גרונט-געדאַנק פון צוציען צו אים ניט-ציוניסטן. דער ראַט, דער קאָנסיל, פון קרן-היסוד דאַרף זיין די רעפּרעזענטאַטיווע קערפערשאַפט פון אלע תורמים, ציוניסטן ווי ניט-ציוניסטן, און די אינסטאַנץ, נעבן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט אָן און קאָנטראָלירט די אויפבוי-ארבעט אין א"י. דער קאָנסיל ווײלט אויס א העלפט מיטגלידער פון דירעקטאָריום, וועלכער דאַרף זיין די העכסטע ליטונג פון אויפבוי-ווערק. אין דירעקטאָריום וועלן אַזוי ארום אויך אריינגיין ניט-ציוניסטן. די באַשלוסן פון דירעקטאָריום וועגן דורכפירן פאַרשידענע ארבעטן און אונטערנעמונגען אין א"י דאַרף אויספירן אין לעבן די ציוניסטישע אָרגאַנ. (פונקט 16). א חוצדעם ווערט נאָך געשאַפן א מין קאָנטראָל-קאָמיסיע איבער דער טעטיגקייט פון דירעקטאָריום. די קאָמיסיע Board of Trustees, געווײלט דורכן קאָנסיל, וועט באַשטיין פון ציוניסטן און ניט-ציוניסטן. מיט איין וואָרט די ניט-ציוניסטישע תורמים וועלן האָבן די מעגלאַכקייט זייער דרוק אויף דער א"י-ארבעט אויסהיבן. די ציוניסטישע השפּעה ווידער וועט זיין אָפּהייננגיג פון דער צאָל ציוניסטן אין קאָנסיל, ד. ה. פון דער צאָל ציוניסטישע תורמים. אַזוי דאַרף אויסזען די צוזאַמענאַרבעט פון ציוניסטן מיט ניט-ציוניסטן אין דעם קרן-היסוד, פון אלע יידן, וואָס ווילן מיטהעלפן דעם אויפשטעל פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים.

ווי מיר זעען פון די דאָזיגע באַשלוסן, איז דר. בערטאָלד

פּיוולס פּלאַן אקצעפּטירט געוואָרן, און די פראגע פון צוציען די ניט־ציוניסטן איז געלייזט געוואָרן.

ס'איז כדאי נאָך צוצוגעבן, אז דער XII קאָנגרעס האָט ניט אָנגענומען קיין שום רעזאָלוציעס אָדער באשלוסן, וואָס זיינען נוגע דירעקט דער יידישער אגענץ. דאָס איז געשען, ווי מיר מיינען, צוליב דעם, וואָס דער מאנדאַט איז נאָך ניט געווען באשטעטיגט דורכן פעלקער־בונד און דער פּראיעקט איז שוין געווען פארטיג.

אזוי שטעלט זיך פאַר דער פּראבלעם פון צוציען צום א"י־אויפבוי די ניט־ציוניסטן דורכן קרן־היסוד.

דאָס איז דער ערשטער פּראקטישער פּרוב פון צוציען ניט־ציוניסטן. די יסודות, אויף וועלכע די צוציאונג האָט באדארפט פּאָרקומען, זיינען שוין באקאנט. די „יידישע אגענץ", וועגן וועל־כער מיר האָבן אין ערשטן טייל גערעדט, ווי אויך דער קאַמף ארום איר האָבן געהאַט איינגנטלאך נאָר א טעאָרעטישע באדייטונג. מען האָט נאָך דאַן ניט געקלערט, ווי אזוי עס צו פּארווירקלאכן. עס איז נאָר געגאנגען אין דעם, ווער זאָל פיגורירן אין מאַנדאַט: די ציוניס־טישע אָרגאניזאציע אָדער א „יידישע אגענץ". און אויב די „יידי־שע אַגענץ" — דאַן צי זאָל זי זיין די ציוניסטישע אָרגאניזאציע אַליין, אָדער זי מיט נאָך שותּפים. און דער דאָזיגער קאַמף האָט זיך פארענדיגט מיטן ארטיקל 4 פון מאנדאַט.

ביים גרינדן פון קרן־היסוד איז שוין דער צוציאונגס־פּראבלעם געווען א פּראקטישע פראגע, און אזוי איז זי טאַקי געלייזט געוואָרן אין די באשלוסן פון קרן־היסוד אויפן XII קאָנגרעס. צי האָט עס אָבער געבראכט די דערווארטעטע רעזולטאַטן?

אויף דער דאָזיגער פראגע מוז מען געבן א נעגאטיווע תּשובה.

דער קרן־היסוד איז טאַקי געוואָרן פּאָפּולער און באליבט און האָט צוגעצויגן צוויי־הונדערט טויזנט תּורמים, אָבער די צווישן זיי, וועלכע זיינען ניט געווען קיין אָפיציעלע ציוניסטן און אפילו ניט־ציוניסטן, האָבן אָבער געהאַט צוטרוי צו דער ציוניסטישער אָרגא־ניזאציע און זיינען ניט געגאנגען ניט אין ראט, ניט אין דירעק־טאָריום פון קרן־היסוד. די רייכע ניט־ציוניסטן, וועלכע מען האָט שפּעטער ביי דער פארברייטערונג פון דער „אגענץ" צוגעצויגן צום

א"י־אויפבוי, האָבן זיך כמעט אינגאנצן נים אָפּגערופן און זיך נים אינטערעסירט מיטן קרן־היסוד.

עס איז אין רעזולטאט נים געלונגען צו שאפן דעם קאָנסיל פון קרן־היסוד, וואָס איז פראקלאמירט געוואָרן דורכן XII קאָנ־גרעס. די מיטגלידער פון דירעקטאָריום ווידער זיינען לויטן באשלוס 11 יאר־יערלאך באשטימט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער עקזע־קוטיווע. דאָס איז געשען אויך צוליב דעם, וואָס דער נייער פּלאַן פון א פארברייטערטער „יידישער אגענץ" האָט געזאָלט פארטרעטן דעם קאָנסיל מיטן דירעקטאָריום פון קרן־היסוד. אזוי זיינען די באשלוסן פון XII קאָנגרעס פאר וועלכע מען האָט אזוי געקעמפט, פארבליבן פרומע וואונטשן אויפן פאפיר.

דער פּרוב האָט זיך נים איינגעגעבן און דאריבער וועלן מיר פארשטיין, פארוואָס מ'האָט צונויפגעזאמלט אזוי ווייניג געלט. נים קיין 25 מיליאָן אין איין יאר, נים אפילו אין 5 יאר, נאָר 427.856 פונט אין ערשטן יאר פון עקזיסטענץ פון קרן־היסוד (אפריל 1921 — מערץ 1922) און 2.266.876 פונט אין די ערשטע פינף יאר (1921—1926). פונקט א גענויער צענט־חלק פון דער געפלאנטער סומע. נאָר אין איינצלנע פאלן, און דאָס אגב זעלטענע, האָבן נים־ציוניסטן מיטגעארבעט מיט די ציוניסטן ביי די קאַמפּיינס פארן קרן־היסוד. איבעראל אָבער איז ביז צו דער לעצטער מינוט די אר־בעט פארן קרן־היסוד געבליבן אלס איינע פון די וויכטיגסטע אויפ־גאבן און דאָס גרעסטע ארבעטס־פעלד פון די ציוניסטן.

דער נים געלונגענער פּרוב מיטן קרן־היסוד איז בלי שום ספק געווען איינע פון די סבות, וואָס האָבן געבראכט צום פארברייטערונגס־פּלאַן פון דער „יידישער אגענץ", אָבער ווענן דער פארברייטערונג אין ווייטערדיגן קאַפּיטל.

## III

# דער פאַרברייטערונגס־פּלאַן פון דער „יידישער אגענץ״

## ז.

## די סבּות

נאָך דער באַשטעטיגונג פון מאנדאט — א נייע תּקופה — ארטיקל 4 פון מאנדאט און דער פאַרבּרייטערונגס־פּראָבּלעם — צי מוז די ציוניסטישע אָרגאַניזאציע פאַרבּרייטערן די „אגענץ״? — סבּה אָדער באַזיס — די לאַגע אין ציוניזם — די פראגע פון געלט־מיטלען — פירנדע ציוניסטן וועגן דער דאָזיגער פראגע — פּאָליטישע מיסער־פּאָלגן — „פּאָלק ישראל, וואו ביסטו? פּאָלק ישראל, וואָס טוסטו?״ — אָפיציעלע באַגרינדונג — די פאַרבּרייטערונג פון דער „אַגענץ״ און איר ציל.

דער טעאָרעטישער שטרייט ארום דער פראגע פון דער „יידישער אַגענץ״ האָט זיך פארענדיגט מיטן באַשטעטיגן דעם מאַנדאַט איבּער א״י דורכן פעלקער־בונד־ראט אין יולי 1922, און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אנערקענט געוואָרן אלס די „יידישע אגענץ״, אלס יענע פארטרעטונג פון יידישן פאָלק, וועלכע דאַרף זיך פארנעמען מיטן אויפבויען זיין נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל.

נאָך דער באַשטעטיגונג פון מאַנדאַט טרעטן מיר אריין אין א נייער תּקופה פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אויך אין א נייער תּקופה אין דער געשיכטע פון דער „יידישער אַגענץ״, וועלכע עס האָט טרעפלאַך אָנגערופן דר. י. גאָטליב אין זיינעם אן ארטיקל אין „היינט״ — דער „זיבן־יעריגער קריג״ ארום דער פארברייטערונג פון דער „יידישער אגענץ״ — דאָס איז נעמלאַך דער פּעריאָד פון פאַרברייטערן די „יידישע אַגענץ״.

פאַרוואָס פאַרבּרייטערן?

אין ארטיקל 4 פון מאַנדאַט ווערט די ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציע אַנערקענט אלס די „יידישע אַגענץ". צום סוף פון זעלבן אר־טיקל ווערט געזאָגט, אז „די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועט אָנ־נעמען די נויטיגע שריט אין הסכם מיט דער ענגלישער רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט, כדי צו זיכערן די מיטאַרבעט פון אלע יידן, וואָס ווילן מיטהעלפן דעם אויפשטעלן פון דער יידישער נאַציאָנאַ־לער היים". די אויספירונג פון דער דאָזיגער באַשטימונג פון מאַנ־דאַט ד. ה. דאָס אָננעמען די נויטיגע שריט, כדי צו זיכערן די מיט־אַרבעט פון אלע יידן, וועלכע זיינען מסכים מיטצוהעלפן אין דער שאפונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים, ווערט פארשטאַנען אַלס די פארברייטערונג פון דער „יידישער אגענץ". די פארברייטערונג ווידער דאַרף פארקומען דורכן אריינציען אין דער קערפערשאפט פון דער „יידישער אַגענץ" די יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, די אלע יידן, וואָס שטייען אויסער דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און מיט דעם זיי צוציען און געווינען פארן אויפבוי־ווערק אין א"י. ווען א פלאַן פון צוציען די נימ־ציוניסטן דורכן „קרן־היסוד" האָבן מיר שוין געווי גערעדט אין די פריערדיגע קאַפּיטלען, און מיר האָבן אָנגעוויזן אויף זיינע נים באפרידיגנדע רעזולטאַטן. נאָכן באַשטעטיגן דעם מאַנדאַט האָט מען זיך ווידער פאראינטערעסירט מיט דער „אגענץ" און עס איז ארויסגערוקט געוואָרן א נייער פלאַן, דער פלאַן פון פארברייטערן די שוין עקזיסטירנדע „יידישע אַגענץ", אזוי, ווי מיר האָבן עס אויבן פאָרמולירט.

דאָ דערוועקן זיך די פראַגן: צי ענטהאַלט די אויבן ציטירטע באַשטימונג פון ארטיקל 4 פון מאַנדאַט א פ ל י כ ט, אַ ח ו ב פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע? ווי דאַרף פאַרשטאַנען ווערן דאָס ז י כ ע ר ן די מיטאַרבעט פון אלע יידן, וואָס ווילן מיט־העלפן דער אויפריכטונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים?

אויף דער ערשטער פראַגע מוז געגעבן ווערן בלי ספק א פּאָ־זיטיווע תשובה. די באַשטימונגען פון מאַנדאַט שאַפן געזעצן, וועל־כע ערטיילן רעכט און לייגן ארויף פליכטן. דער ציטירטער פּאַסוס פון מאַנדאַט גיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ד י ר ע כ ט צו זיכערן די מיטאַרבעט פון אלע יידן ביים אויפבוי פון זייער נאַציאָ־נאַלער היים, און פון אים פליסט אויך ארויס ד י פ ל י כ ט

פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע צו זיכערן די דאָזיגע מיטאַרבעט. וואָלט זי קיינעם צו דער מיטאַרבעט ניט צוגעלאָזן, וואָלט זי בכן עובר געווען אויפן געזעץ; דאַמאָלס וואָלט מען געקענט פאָדערן פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע זי זאָל זיכערן די מיטארבעט פון אנדערע יידן, און די ציוניסטישע אָרגאניזאציע וואָלט עס געמוזט טאָן. ווארום אזוי פאָדערט דער מאַנדאט, דער געזעץ.

אין דער צווייטער פראגע ליגט דער שווערפונקט אין וואָרט און אין באַגריף „זיכערן” די מיטאַרבעט. צי דאַרף עס פארשטאַנען ווערן אזוי, אז די ציוניסטישע אָרגאניזאציע, די „יידישע אַגענץ”, מוז זיכערן די מיטארבעט פון אלע יידן ביים אויפבוי פון דער נאַציאָנאלער היים מיט דעם, וואָס זי וועט אריינגעמען אין דער „יידישער אַגענץ” די אלע דאָזיגע יידן און זייערע אָרגאניזאציעס, טיילן זיך מיט זיי מיט דער מאַכט, וואָס זי, די ציוניסטישע אָרגאניזאציע האָט אלס די „יידישע אַגענץ”, און אזוי ארום די „אַגענץ” פארברייטערן? צי מיינט דער אויסדרוק „זיכערן די מיטאַרבעט”, אַז אויב עס וועלן זיך געפינען אָדער עס זיינען דאָ יידן, וועלכע ווילן מיטהעלפן ביים אויפריכטן די יידישע נאַציאָנאלע היים אין א”י, און זיי געפינען זיך אויסער דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, זאָל די ציוניסטישע אָרגאניזאציע זיי ניט שטערן אין זייער אויפבוי-ארבעט אין א”י, זיכערן זייער מיטאַרבעט, אפשר זיי העלפן, מיט זיי זיך פארשטענדיגן וועגן א פלאנמעסיגער, בשותפותדיגער צוזאמענאַרבעט?

ווען מיר וועלן אָט די גאנצע פראגע באהאנדלען ריין פאָרמעל און יורידיש לויט די באשטימונגען פון מאנדאַט, מוזן מיר מסכים זיין מיט דער צווייטער אינטערפרעטאַציע. און די ארגומענטן זיינען פאָלגנדע. דער מאַנדאט אנערקענט די ציוניסטישע אָרגאניזאציע אלס די „יידישע אגענץ”, אלס די יידישע פארטרעטונג, וועלכע דאַרף מיטאַרבעטן מיט דער א”י-אדמיניסטראציע; אלזאָ קלאָר: נאָר די ציוניסטישע אָרגאניזאציע איז די „יידישע אַגענץ”. ענגלאנד ווידער האָט דווקא געוואָלט אזא באשטימונג פון מאַנדאַט, ווייל זי האָט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט איין אָרגאניזאציע און ניט מיט קיין ראט אָדער בונד פון פארשידענע אָרגאניזאציעס, וועלכער האָט

נאָך ערשט באַראַרפט געשאַפן ווערן, און ווענן וועלכן מען ווייס ניט, וואָס ער וועט מיט זיך פאָרשטעלן. פון דער צווייטער זייט האָט די ענגלישע רעגירונג קיינמאָל ניט פארלאַנגט און האָט אויך ניט געגעבן אָנצוהערן, אַז זי וויל, עס זאָל פארבארייטערט ווערן די „יידי־שע אַגענץ" און עס זאָל געשאַפן ווערן א געמישטע קערפערשאַפט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט פאָרשטייערס פון אנדערע אָרגאַניזאַציעס. „דר. וויצמאַן האָט דאָס עפנטלאַך דערקלערט אויף א זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט".*) די ענגלישע רעגירונג האָט אויך קיינמאָל ניט דערקלערט, אַז די קאָנסטיטוציע און סטרוקטור פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַנטשפרעכן ניט איר באַשטימונג. און דאָס לעצטע: דער מאַנדאַט זאָגט גאָר־ניט א חוץ דער אַנערקענונג פון דער ציוניסטישער אָר־אַניזאַציע אלס די „יידישע אַגענץ", אז די יידן, וועמענס מיטאַרבעט ביים אויפבוי פון דער יידישער היים די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועט זיכערן, דאַרפן געניסן פון די רעכט פון דער „יידישער אַגענץ" אָדער דאַרפן ווערן א באַשטאַנד־טייל פון דער „אגענץ". די פּרטים, ווי אזוי וועט די מיטאַרבעט, די קאָאָפּעראַציע פון דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע מיט אַנדערע יידן דערגרייכט ווערן, געפינען זיך איבער־הויפּט ניט אין מאַנדאַט און ניט אין קיין אַנדערן יורידישן אַקט. דאָס איז אַפנים איבערגעלאָזן געוואָרן דעם לעבן.

פון דעם אַלעמען קענען מיר קומען צום אויספיר, אַז ד ע ר ל ע צ ט ע ר פּ ו נ ק ט פ ו ן א ר ט י ק ל 4 פ ו ן מ אַ נ ־ ד א ט, וועלכער דינט אַלס יסוד פאר דער שפּעטער דורכגעפיר־

---

*) מ. גראָסמאַן: „פארוואָס זיינען מיר קעגן דער געמישטער יידישער אגענטור?" ז. 10.

XIII דער עקזעקוטיווע־מיטגליד דר. סאָלאָווייטשיק האָט אויפן אָנגרעס עפנטלאך און אָפיציעל דערקלערט, אַז „דער ארטיקל 4 פון מאַנדאַט רעדט ניט אין קיין שום אָרט, אז מען מ ו ז אריינ־געמען אין דער „יידישער אַגענץ" אזעלכע עלעמענטן, וואָס געפינען זיך אויסערהאַלב דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע... מיר האָבן זיך אפילו פון דער קאָרעספּאָנדענץ מיטן פארשטייער פון דער ענגלישער רעגירונג איבערציינגט, אז די ענגלישע רעגירונג איז אין דער פראגע אינגאנצן דעזינטערעסירט און לאָזט איבער דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע אין דער פראגע פון דער „איידזשענסי" טאָן, וואָס זי האַלט פאר נויטיג. מיר האָבן אזא דאָקומענט פון קאָלאָניאַל־מיניסטעריום". (Protokoll des XIII. Kongresses s. 237).

טער פארברייטערונג פון דער „יידישער אנענץ", קען אָבער
בשום אופן ניט באַטראכט ווערן אַלס
סבה, אלס אַ מאַנדאַט=באַשטימונג, וועל=
כע פאָדערט פון דער ציוניסטישער
אָרגאניזאציע צו פארברייטערן די
„יידישע אגענץ".*) אויב אָבער דער דאָזיגער פונקט
דינט דאָך אַלס יסוד פארן פארברייטערן די „יידישע אגענץ", ווי
מיר האָבן עס שוין אָנגעוויזן אין קאַפּיטל וועגן מאַנדאַט, קען עס
אויפגעקלערט ווערן נאָר מיט די היסטאָרישע רעמינעסצענצן, וועל=
כע שטייען אין צוזאמענהאַנג מיט דער דאָזיגער מאַנדאַט=באַשטי=
מונג. מיר האָבן שוין פעסטגעשטעלט, אז די לעצטע צוויי פא=
סוסן פון ארטיקל 4 פון מאַנדאַט זיינען געווען א פּראדוקט פון אַ
קאָמפּראמיס צווישן די ציוניסטישע פירער דר. וויצמאַן
און לואי בּראנדייס. דער לעצטער פּאסוס איז אַדורכגעגאנגען
אויף דער פאָדערונג פון דר. וויצמאן. און דר. ווייצמאַן, ווי מיר
ווייסן, האָט דאָך געפאָדערט שאַפן א „יידישן ראט" פון פארשטייער
פון גאנצן יידנטום, וועלכער זאָל איבּערנעמען ביי דער ציוניסטישער
אָרגאניזאציע דעם אויפבּוי=ווערק פון דער יידישער נאַציאָנאלער
היים אין א"י; דער דאָזיגער „יידישער ראט", און ניט די ציוניס=
טישע אָרגאניזאציע, זאָל אנערקענט ווערן דורכן מאַנדאט אַלס די
פארטרעטונג פון יידישן פאָלק. ווען אָט דער ווייצמאַנס שטאַנדפּונקט
איז אויף דער אַקציאָנס=קאָמיטעט=סעסיע פון אויגוסט 1919 דורכ=
געפאלן, האָט אָבער דר. ווייצמאן פון זיין גרונט=געדאַנק פון „יידישן
ראט" ניט אָפּגעטראטן און אים ווידער אויפגעוועקט נאָך דער בא=
שטעטיגונג פון מאַנדאַט, ביי דער פראגע פון פארבּרייטערן די „יידי=
שע אַגענץ". דעם געדאַנק זיינעם האָט דר. ווייצמאַן געוואלט רעא=
ליזירן, שטיצנדיג זיך פאקטיש אויפן קאָמפּראמיס פון לעצטן
פּונקט פון ארטיקל 4 פון מאַנדאַט, און אויסטייטשנדיג אים אזוי,

---

*) די דאָזינע פּרינציפּיעלע און וויכטיגע פראגע האָט ארויס=
גערופן אין דער ציוניסטישער עפנטלאכער מיינונג א גרויסן וכוח און
שטרייט נאָך פארן XIII קאָנגרעס, אויפן קאָנגרעס און אין די ווײ-
טערדיגע יארן. מיר וועלן זיך צו דער פראגע נאָך טיילווייז אומ=
קערן.

זוי זיין קאָנצעפּציע האָט עס געפּאָדערט. עס דאַרף אָבער פאַר קיין פאַל ניט באַטראַכט ווערן אַלס סבה צום פאַרברייטערן די „יידישע אַגענץ" דער אַרטיקל אין מאַנדאַט, אויף וועלכן עס שטיצט זיך דער פאַרברייטערונגס־געדאַנק און די פאַרברייטערונגס־אַרבעט. גאַנץ אַנדערע סבות האָבן געבראַכט און געווירקט אויף די ציוניסטן, אַז זיי זאָלן זיך וועלן טיילן מיט דער מאַכט און פאַרברייטערן די „אַגענץ". וועגן די סבות וועלן מיר איצט רעדן.

פאַרוואָס זיינען די ציוניסטן געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַלס „יידישע אַגענץ" רייכט ניט אויס פאַר דער אויפגאַבע פון אויפריכטונג פון א"י, אַז מען מוז צוציען אויך ניט־ציוניסטן און באַזונדערס די רייכע „געלט־יידן" און השפעה־פולע „גרויס־יידן"?

מיר האָבן שוין אָנגעגעבן אין די פריערדיגע קאַפּיטלען עטלאַכע ענטפערן אויף דער פראַגע. מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז דר. ווייצמאַן האָט געוואָלט דוקא אן „אַגענץ", כדי אריבערוואַרפן די היסטאָרישע אחריות פון דער געגעבענער מינוט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און באַוועגונג אויפן גאַנצן פאָלק, כדי דער פאָלק זאָל אליין זיך נעמען צו דער ריזיגער אַרבעט פון אויפבוי פון דער יידישער היים אין חרובן ארץ־ישראל; מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז דער גרויסער היסטאָרישער מאָמענט אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק האָט אים געטראָפן אין א שרעקלאַכן צושטאַנד פון חורבן, באַזונדערס אין מזרח־אייראָפּאַ. אין מערב־אייראָפּאַ און אין אַמעריקע זיינען די יידישע מאַסן נאָך ניט געווען דערצויגן צו דער גרויסער נאַציאָנאַלער אויפגאַבע, וועלכע זיי האָבן באַדאַרפט דערפילן; מיר האָבן אָנגעוויזן אויף דעם, וואָס מען האָט באַדאַרפט טאָן אין א"י, כדי אויפצוריכטן די נאַציאָנאַלע היים, און וואָס האָט מען געקענט טאָן — אויף דער גרויסער טראַגעדיע פון ציוניזם, וועלכע איז געקומען, ווען ער איז אוועקגעשעלט געוואָרן פנים אל פנים מיט דער נאַקעטער ווירקלאַכקייט; און צום סוף האָבן מיר אַרומגערעדט די פראַגע פון די גרויסע געלט־מיטלען, אין וועלכע די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך גענויטיגט און געוואָלט באַקומען דורכן „קרן־היסוד", און ווי קליין זיינען געווען די געלט־

מיטלען, ווען דער פאָלק האָט געגעבן קוים א צענט־חלק פון מי־נימום־פּראָגראַם.

דאָס פעלן פון געלט־מיטלען נאָך די גרויסע פּאָליטישע נצחונות, דער פּאַרהעלטניסמעסיג שוואַכער אָפּרוף און ענטפער פון פאָלק אויף סאַן־רעמאָ און מאַנדאַט זיינען געוועזן די סבות פון אלע שפּעטערדיגע מיסערפאָלגן. דאָס האָט אויך דערבראַכט צום אַנט־שטיין פון פּלאַן פון דער פאַרברייטערטער „יידישער אגענץ". כדי עס צו באַווייזן, ווען מיר ציטירן עטלאכע מיינונגען פון פירנדע ציו־ניסטן אין יענער צייט.

ז ש אַ ב אָ ט י נ ס ק י האָט נאָך די פּאָגראָמען אין יאָר 1921 אין א"י געזאָגט א פּאַרשטייער פון „רזשוואיש קראָניקל":

„לויט מיין מיינונג איז דער עיקר־שולדיגער אין יפו'ער פּאָגראָם דער יידישער פאָלק אַליין. ער האָט געיובלט, ווען מען האָט אים געבראַכט די באַלפור דעקלאַראַציע און דעם באַשלוס פון סאַן־רעמאָ, ער הויבט אויף הויך דעם בלוי־ווייסן פאָן פאַר די חלוצים, און ווען הערבערט סעמועל איז נאָמינירט געוואָרן אַלס נציב העליון, האָט ער פון גרויס פרייד עס פאַרגליכן מיט דער עפּאָכע פון עזרא און נחמיה, ער האַלט זיך אָבער אָפּ פון געבן איין זאַך — די זאַך, מיט וועלכער אַלץ ווערט פּרובירט און אַלץ ווערט פאַרענטפערט — געלט".

א ח ד ־ ה ע ם האָט נאָך פאַרן באַשטעטיגן דעם מאַנדאַט געזאָגט, אַז אַלץ אין דער וועלט וועט מען אונז מוחל זיין, נאָר איין זאַך ניט — אויב מיר וועלן די נויטיגע געלט־מיטלען ניט האָבן.

ג ר י נ ב ו י ם שרייט אויס אין אַן אַרטיקל א. נ. „די בלוט פּאַלט אויף אונזער קאָפּ"*): „מיר האָבן ניט די סומעס געלט, וויאָס מיר ברויכן צו האָבן! דאָס דאַרפן מיר שרייען אויפן קול אַזוי, אַז דער געשריי זאָל דערהערט ווערן אין דער גאַנצער יידישער וועלט און זאָל דעם גאַנצן פאָלק אויפוועקן. די סומעס, וואָס געפינען זיך אין דער קאַסע פון קרן־היסוד אין לאָנדאָן און אין אַנדערע ערטער, זיינען גאָרניט לגבי דעם קאַפּיטאַל, וואָס מיר ברויכן, מיר קענען ניט אָנהויבן דאָס בויען פון לאַנד, מיר קענען קיין ארבעט די חלוצים ניט

---

*) י. גרינבוים: „די באלפור־דעקלאראציע און איר פאַר־ווירקלאכונג", ווארשע 1923, ז. 109.

געבן, מיר קענען ניט איינאָרדנען די אימיגראַציע אין לאַנד. דער יידישער פאָלק האָט נאָך ניט געגעבן די גרויסע סומעס, וואָס פאָדערט זיך צו דער גאולה־אַרבעט אין ארץ־ישראל, דער פאָלק האָט זיך באַגנוגנט מיט פרייד-אויסגעשרייען, מיט „הידד״־רופן, הערנדיג וועגן אונזערע דיפּלאָמאַטישע נצחונות. ער האָט זיך באַגנוגנט מיט פּעניגס און נדבות עטוואָס גרעסערע ווי געוויינלאַך, אָבער דאָס באַטרעפט גאָרניט, ווען מיר באַטראַכטן די גרויסע באַדערפענישן, די פאָדע־רונגען פון מאָמענט און אונזערע אויפגאַבן אין א״י״.

פּרעזידענט ווייצמאַן האָט אין זיינער אַ רעדע אין באַלטימאָר (אַמעריקע) געזאָגט: „אין יעדן סטאַדיום האָבן מיר געהאָפט, אַז עס וועט זיך אויפהויבן אַ מעכטיגע כוואַליע, אַ משיח׳ס כוואַליע וואָס וועט מיטרייסן אַלע יידן פון איין עק וועלט צו אַן אַנדערן, א כוואליע, וואָס וועט פארכאַפּן אַלע כוחות אין יידנטום און וועט אַלע יידן ברייננגען דערצו, אַז זיי זאָלן זיך באַשעפטיגן מיטן אויפבוי פון ארץ־ישראל. מיר האָבן געמיינט, אז דאָס וועט געשען נאָך דער באלפור־דעקלאראציע, מיר האָבן געהאָפט, אז דאָס וועט פּאָרקומען נאָכן באַשלום פון סאַן־רעמאָ, מיר זיינען געווען זיכער, אז דאָס וועט ווערן א פאקט נאָך דער ראטיפיצירונג פון מאַנדאַט. אונזערע ערוואַרטונגען זיינען ניט דער־פילט געוואָרן. א יאר נאָכן מאַנדאַט זיינען די לערער אין א״י געבליבן אָן געהאַלט און די חלוצים אָן אַרבעט. וואָס האָט איר געפילט דאביי, וויים איך ניט, אָבער ביי מיר זיינען געבאָרן געוואָרן ספקות, אפשר האָב איך אַ טעות געהאַט, און איך האָב גע־שפּירט, אַז נאָך אַזאַ יאָר ווי דאָס פאַרגאַנ־גענע וועט צוברעכן דעם חוט־השדרה פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע״.*)

דער מאַנגל אין געלט־מיטלען, וואָס זאָל דערמעגלאכן פירן א ברייטע טעטיגקייט אין דער ריכטונג פון אויפבוי פון אַ חרוב׳ן לאַנד, איז געווען די הויפּט־סבּה פון דעם, וואָס די שטעלונג פון דער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרע־

*) „העולם״, גליון כ״ה מכ״ט תמוז תרפ״ג.

גע פון פּאָליטישן קאַמף איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. מיר וועלן דאָ נאָר דערמאָנען אַ ריי פאַקטן, וועלכע מען קען באצייכנען אלס פּועל=יוצא פון דעם דאָזיגן צושטאַנד. אָנהויבנדיג פון דעם אָנפאַל אויף תל=חי און ירושלים'ער פּאָגראָם פּסח 1920 דורך די פּאָגראָמען אין מאַי יאָר 1921 אין יפו און אין אומגעגנט ביז דער „סטאָפּ עמיגריישן" און „ווייסן בוך" אין 1922 — אין וועלכן די ענגלישע פּאָליטיק האָט זיך צוגענויגט צו דער זייט פון די אראַבער, באגרענצנדיג מיט א ריי אינטער=פּרעטאַציעס די רעכט פון יידן אויף ארץ=ישראל, וואָס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן אין מאַנדאַט און אין דער באַלפור=דעקלאַראַציע — און דערמאָנענדיג דאָס אָפּרייסן דעם עבר=הירדן און דאָס גרינדן דאָרט אַן אַראַבישן שטאַט, די גרויסע אַנטי=ציוי=ניסטישע אַקציע פון די אַראַבער אין ענגלאַנד און אין ארץ=ישראל קעגן דער ענגלישער מאַנדאַט=מאַכט און לסוף די פּאָרשלאַגן פון דער ענגלישער רעגירונג צו שאַפן אַ מין פּאַרלאַמענט אין א"י — און ווען די אראבער האָבן די וואלן צו דעם דאָזיגן געזעצגעבערישן ראט באָיקאָטירט — צו בילדן אן אראבישע אַגענץ אַלס קעגנגעוויכט צו דער „יידישער אגענץ"*) — וועלן מיר זען א לאנגע קייט פון ציוניסטישע מיסערפאָלגן, וועלכע זיינען בלי ספק געווען א רע-זולטאַט פון דער אָפּשוואכונג פון די ציוניסטישע השפעות אויפן פּאָליטישן געביט, און די דאָזיגע אָפּשוואַכונג האָט געהאַט איר סיבה אין מאַנגל אין געלט=מיטלען פארן אויפבוי=ווערק אין א"י.

צו דעם אַלעמען איז נאָך צוגעקומען די גרויסע ענטוישונג אין פאָלק ביי אַ טייל ציוניסטישע פירער, עס זיינען אַנטשטאַנען גרויסע ספקות, צי וועט די ציוניסטישע אָרגאניזאציע קענען אויס=האַלטן אויף אירע פּלייצעס די גרויסע לאַסט. מיר זען עס אַמבעסטן אין די רייד פון פּרעזידענט ווייצמאַן אין באַלטימאָר און אין זיין באַוואוסטן רוף: „פּאָלק ישראל, וואו ביסטו? פּאָלק ישראל, וואָס טוסטו?" ביי פיל פון די פירער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די האָפנונג, דער מוט און דער גלויבן,

---

*) Bericht der Executive der Zionistischen Organisation an den XIII. Zionisten-Kongress. Karlsbad 1923. Erster Teil. Politischer Bericht.

וועלכע זיינען דאָך אַזוי כאַראַקטעריסטישע געווען און געבליבן פאַר ציוניסטן. און אַזוי אַרום איז ביי זיי געשאַפן געוואָרן דער געדאַנק פון אַ פאַרברייטערטער „אַגענץ", אפילו ווען מען וועט דאַרפן גיין אויף גרויסע פשרות, כדי נאָר די נויטיגע געלטער צו באַקומען און ארץ־ישראל וואָס שנעלער אויפבויען. און די געלט איז דאָך דאָ ביי די רייכע יידן, ביי די גרויסע יידן, ניט ביים אָרימן פאָלק. האָט מען זיי צוערשט געדאַרפט צוציען, און אַזוי איז אַנטשטאַנען די היינט עקזיסטירנדע פאַרברייטערטע „יידישע אַגענץ".

מיר וועלן איצט ניט אריינגיין אין א חקירה איבער דעם, צי זיינען די סיבות געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געמוזט ברייננען צו א בארברייטערונג פון דער „אגענץ". וועגן דעם וועלן מיר רעדן, בעת מיר וועלן פארשטעלן דעם שטאַנדפונקט פון די קעגנער צום פאר־ברייטערונגס־פלאַן. איצט וועלן מיר נאָר דערמאָנען נאָך איין סבה, וועלכע עס גיט אָן די עקזעקוטיווע אין איר באריכט צום XIII קאָנגרעס: „די נייע לאגע, אין וועלכע די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך געפונען דורכן באשטעטיגן דעם מאַנדאַט, דאָס צוּוואַקסן זיך פון דער באוועגונג, דאָס פארגרעסערן זיך פון דעם אויפגאַבעס־קרייז, דער שטייגענדער אינטערעס פארן זיך בויענדיגן א"י מצד אַלע יידישע קרייזן — די אלע אומשטענדן האָבן געבראכט צו דעם, אז די לייטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַלץ מער גע־מוזט פארנעמען מיט דער פראַגע, ווי אַזוי זאָל מען אַמבעסטן אָרגאַניזירן פאַר דער אויפבוי־ארבעט אין ארץ־ישראל די יידן, וועלכע מען האָט שוין פאַר דעם דאָזיגן געדאַנק געוואונען און וועלכע מען דאַרף נאָך געווינען".*)

די דאָזיגע פראַגע, וועלכע איז ניט מער ווי אַן אופן פון אויס־פירן אין לעבן דעם לעצטן אָפּזאַץ פון ארטיקל 4 פון מאַנדאַט, דאַרף איינגטלאך, געמענדיג נאָך אין אכט איר ארגומענטאַציע, ברייננען דעם ציוניסט צום געדאַנק, ווי צו פארשטאַרקן און פאַרברייטערן די

*) ibidem ז. 27.

ציונג. אָרגאניזאציע, ווי אויסנוצן דאָס צוזואקסן זיך פון דער באַוועגונג, דעם שטייגענדינן אינטערעס פארן זיך בויענדיגן א"י מצד אלע יידישע קרייזן, אָט די אלע אומשטענדן, כדי צו שאפן פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע א כח, וועלכער זאָל זיין ביכולת צו דערפילן אלע זיינע אויפגאבעס, און אין דער ערשטער ריי: די אויפגאבע פון אויפריכטן די נאַציאָנאַלע היים. דער באריכט פון דער עקזעקוטיווע אָבער פארבינדט די דאָזיגע פראגע מיט די באשלוסן פון דער יאר-קאָנפערענץ אין יאר 1922 וועגן דער פארברייטערונג פון דער „אגענץ" און מיינט מיט דעם צו זאָגן, אז די אלע אויסגערעכנטע אומשטענדן האָבן געבראכט דער לייטונג צום געדאַנק פון פארברייטערן די „יידישע אַגענץ".

נים באטראכטנדיג איצט, צי די אפשאצונג פון עקזעקוטיווע-באריכט וועגן דער נייער לאגע, אין וועלכער ס'האָט זיך געפונען די ציוניסטישע אָרגאניזאציע דורכן באשטעטיגן דעם מאַנדאַט, איז געווען א ריכטיגע, פארנאָטירן מיר נאָר די אָפיציעלע ענונציאצע וועגן די סבות, וואָס האָבן דערבראכט צום פארברייטערן די „יידישע אגענץ".

פון די סבות זעען מיר דעם צ י ל פ ו ן ד ע ר פ א ר-ב ר י י ט ע ר ו נ ג: ש א פ ן ד י נ ו י ט י ג ע ג ע ל ט-מ י ט ל ע ן, פ א ר ש ט א ר ק ן ד י פּ אָ ל י ט י ש ע ש ט ע-ל ו נ ג פ ו ן ד ע ר „י ד י ש ע ר א נ ע נ ץ" א ו ן וו אָ ס ש נ ע ל ע ר א ו י פ ב ו י ע ן ד י יי ד י ש ע נ א צ-י אָ נ אַ ל ע ה י י ם א י ן א ר ץ-י ש ר א ל.

# ח.

# יידישער וועלט-קאָנגרעס

ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַלס די „יידישע אגענץ" — דער פּראָבּלעם פון אויפריכטן די ייד. נאציאָנאַלע היים אין א"י — בּיזאַהעריגע וועגן און זייערע רעזולטאטן — קאַרלסבּאַדער יאָר-קאָנפערענץ — אירע בּאַשלוסן — יידישער וועלט-קאָנגרעס פאַרן ווידעראויפבּוי פון ארץ-ישראל — די בּאַדייטונג פון דער יאָר-קאָנפערענץ — גענעזע פון געדאַנק פון אַ יידישן וועלט-קאָנגרעס — די קעגנער פון יידישן וועלט-קאָנגרעס — א. ק.-סעסיע פון יאַנואַר 1923 און אירע בּאַשלוסן — אַן אָנזאָג פון אַ נייעם וועג — ערשטע אונטערהאַנדלונגען — אַ.ק.-סעסיע פון יוני 1923 — אויס וועלט-קאָנגרעס.

נאָך דער בּאשטעטיגונג פון מאַנדאט האָט די ציוניסטישע אָרגאניזאציע אונטערהאַנדלט מיט דער ארץ-ישראל-רעגירונג וועגן אַנערקענען זי אָפיציעל אַלס די „יידישע אַגענץ" אויפן יסוד פון אַרטיקל 4 פון מאַנדאַט. עס איז דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע געגאנגען אין דעם, אַז זי זאָל דורך דער א"י-אדמיניסטראציע אויף להבא באטראכט ווערן ווי א צד, מיט וועלכן זי, די א"י-אדמיניסטראַציע, דאַרף און מוז מיטאַרבּעטן און זיך בּאראטן אין די אלע פראגן, וואָס זיינען נוגע דעם אויפבּוי פון דער יידישער נאַציאָנאלער היים. די אונטערהאַנדלונגען האָבן דערפירט צום געוואינטשענעם רעזולטאַט, און א דאַנק דעם זיינען די בּאַציאונגען צווישן דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און דער א"י-רעגירונג געגויער רעגולירט געוואָרן. „דאָס האָט זיך טאַקי בּאלד ארויסגעוויזן אלס זייער נוצלאך, ווייל די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האָט זיך אַזוי ארום גלייך געזיכערט די רעכט צו קענען ארויסטרעטן און זאָגן איר מיינונג אין אלע אנגעלעגנהייטן, וואָס זיינען נוגע די יידישע אינטערעסן*).

פון דעם מאָמענט אָן האָט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע

*) ibidem ז. 22.

אָפיציעל און פאַקטיש איבערגענומען די פונקציעס פון דער לייטענדער קערפּערשאַפט פון דער יידישער אַגענץ.

מיט דער באַשטעטיגונג פון מאַנדאַט הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה פון אַרבעט אין דער אַלוועלטלאַכער ציוניסטישער באַוועגונג. דער מאַנדאַט איז געווען דער מיט נצחון געקרוינטער סיום און סוף פון דער גרויסצוגיגער פּאָליטישער טעטיגקייט, וועלכע די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן אין די שטורמישע טעג פון דער וועלט-מלחמה. די ציוניסטישע פּאָליטישע פאָדערונגען זיינען אין גרעסטן טייל דערפילט געוואָרן. די מעגלאַכקייט אויפצוריכטן די יידישע נאַציאָנאַלע היים אין א"י איז דעם יידישן פאָלק געגעבן געוואָרן. ס'איז געקומען פאַר דער ציוניסטישער וועלט דער גרויסער אַרבעטס-טאָג, אין וועלכן זי האָט באַדאַרפט דערפילן די אויפגאַבע און דעם חוב, וואָס די געשיכטע האָט אויף איר אַרויפגעלייגט: שאַפן און אויפלעבן די יידישע מלוכה אין ארץ-ישראל. און דאַמאָלס האָט זיך געשטעלט אין איר גאַנצער האַרבקייט די פראַגע: ווי אַזוי? וואָס זאָל מען טאָן נאָכן באַשטעטיגן דעם מאַנדאַט, נאָכן איבערווינדן די לעצטע שוועריגקייט און שטערונגג?

אין תוך גענומען איז שוין די דאָזיגע פראַגע בנוגע געפינען דעם פּאַסיגסטן און בעסטן וועג צו דעם אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער היים געשטאַנען פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג תיכף נאָך דער באַלפור-דעקלאַראַציע, נאָך סאַן-רעמאָ, און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געפונען פאַרשידענע לייזונגען, ווי דעם „קרן-היסוד" א. א.*) די פראַגע איז אָבער ווידער געוואָרן אַקטועל נאָך דער באַשטעטיגונג פון מאַנדאַט, ווייל די אויסגעקליבענע וועגן האָבן ניט געבראַכט די דערוואַרטעטע רעזולטאַטן, און די לאַגע אין ארץ-ישראל און אין דער באַוועגונג האָט זיך פאַרערגערט. די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האָט געזען די לייזונג פון דער פראַגע, ווי מיר האָבן

---

*) אויף דער יאָר-קאָנפערענץ אין לאָנדאָן אין יאָר 1920 איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ „עקאָנאָמיק קאָנסיל" — עקאָנאָמישן ראַט — פאַר דער ווירטשאַפטלאַכער אַנטוויקלונג פון א"י, וועלכער זאָל באַשטיין פון באַקאַנטע פערזענלאַכקייטן פון דער פינאַנס- און ווירטשאַפטס-וועלט פון ענגלאַנד און אַנדערע לענדער צוזאַמען מיט פאַרטרעטער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

שוין אָנגעוויזן אין פאָריגן קאַפּיטל, אין דעם, ווי אזוי צוועקמעסיג
צו אָרגאניזירן די שוין געוואוינענע יידן און די יידן, וועלכע מען
דאַרף נאָך געווינען, פארן ווערק פון א״י=אויפבוי. מיט דעם האָט זי
געמיינט די פארברייטערונג פון דער יידישער אגענץ. און ווירקלאך
איז דער דאָזיגער פראבלעם אוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער גאנ=
צער ברייט פאר דער יאר=קאָנפערענץ, וועלכע איז זיך צונויפגע=
קומען נאָך דער מאַנדאַט-באַשטעטיגונג אין אויגוסט 1922 אין
קארלסבאד. צום ערשטן מאָל איז דאָ באַהאַנדלט געוואָרן די פראגע,
צי זאָל די ציוניסטישע אָרגאניזאציע אויף ווייטער דערפילן די פונק=
ציעס פון דער „יידישער אגענץ״ אזוי ווי עס באשטימט דער מאַנ=
דאַט, אָדער זי זאָל די דאָזיגע פונקציעס איבערגעבן אן אנדער קער=
פערשאַפט, וועלכע מען וועט ערשט דאַרפן שאפן. דאָס איז פאר
דער ציוניסטישער באוועגונג געווען ניט נאָר א וויכטיגע פּאָליטישע
און טאַקטישע פראגע, נאָר אין א גרויסער מאָס אויך אן אָרגאני=
זאטאָרישע; נאָך די גרויסע פּאָליטישע דערפאָלגן אין די ערשטע
נאָך=מלחמה=יארן האָט זיך די ציוניסטישע אָרגאניזאציע אין אלע
וועלט=טיילן און לענדער אומגעהויער צעוואקסן און ארומגענומען
אלץ מער און מער די ברייטסטע שיכטן פון יידישן פאָלק. ס'איז
בכן געשטאַנען די פראגע: וועלכע אָרגאניזאַטאָרישע פאָרמען זיינען
נויטיג פאר דער גרויסער באוועגונג, כדי אויסצושעפּן די באהאלטענע
פּאָטענציעלע ענערגיע און כוחות פון די אָרגאניזירטע מאַסן פאר
דער פארווירקלאכונג פון אידעאַל, וואָס פאראייניגט זיי אלעמען.
מ'האָט אָבער דער דאָזיגער פראגע געלאָזן שטיין אָן אן ענטפער
און מ'איז געגאנגען ווייטער און געזוכט וועגן, ווי צוציען די נאָך
ניט געוואוינענע יידן פאר דער ארגאַניזירטער ציוניסטישער באווע=
גונג, וואָס קענען, און ווילן אפשר אויך, מיטהעלפן ביים אויפבוי=
ווערק — ענטפער דורך ציוניזירן זיי, אָדער קומען צו זיי דורך אן
אַנדער וועג — און אויסניצן זייער לייסטונגס=קראפט.

אויף דער קאַרלסבאדער יאר=קאָנפערענץ איז דער פראבלעם
געווען דער וויכטיגסטער און פארנומען דעם אויבנאָן אין דער דע=
באַטע. ס'זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרן וועגן דעם פארשידענע מיי=
נונגען. אזוי האָט א טייל געפאָדערט, אז די ציוניסטישע אָרגאני=
זאציע זאָל אויף ווייטער פארבלייבן די אגענץ און אָנשטרייגען אלע

מיטלען און כוחות, כדי צו דערפילן איר אחריות-פולע אויפגאבע. אנדערע ווידער האָבן זיך ארויסגעזאָגט פארן איבערגעבן די מאַכט, צו וועלכער די ציוניסטישע אָרגאניזאציע האָט זיך דערשלאָגן דורכן מאַנדאַט, אן אלוועלטלאכן יידישן קאָנגרעס פארן אויפבוי פון ארץ-ישראל. ס׳האָבן זיך ווייטער געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן פארגע-שלאָגן, צוציען צו דער אָנפירונג מיט דער אויפבוי-ארבעט, ביז דער וועלט-קאָנגרעס וועט צונויפגערופן ווערן, ניט-ציוניסטישע קרייזן דורך דעם, וואָס מען וועט איינלאדן אין דער „יידישער אַגענץ" גע-וויסע ניט-ציוניסטישע פערזענלאכקייטן, אזוי ארום זאָל די „אגענץ" אָפגעטיילט ווערן פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע. אין רעזולטאַט פון דעם מיינונגס-אויסטויש האָט די קאָנפערענץ באַשלאָסן:

החלטה 5: די ציוניסטישע יאר-קאָנפערענץ באגריסט מיט באַ-פרידיגונג די באשטימונגען פון ארטיקל 4 פון מאַנדאַט.

החלטה 6: די ציוניסטישע יאר-קאָנפערענץ דערקלערט, אז די ציו-ניסטישע אָרגאניזאציע נעמט איבער די רעכט און די פליכטן פון דער „יידישער אגענץ". אלס אָרגאן פון דער „יידישער אגענץ" פונגירט די ציוניסטישע עקזע-קוטיווע.

החלטה 8: די יאר-קאָנפערענץ דערקלערט, אז דער וואונטש פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע איז, אז די „יידישע אַגענץ" זאָל רעפרעזענטירן דעם גאנצן יידישן פאָלק.

החלטה 9: די יאר-קאָנפערענץ אַנערקענט דאָס צונויפרופן א יידישן וועלט-קאָנגרעס פארן ווידעראויפבוי פון ארץ-ישראל אלס דעם וועג צו פארווירקלאכן דעם פרינציפ (פון באַשלוס 8); זי פאראָרדנט דער עקזעקוטיווע אלס דעם אָרגאן פון דער „יידישער אַגענץ" צו אונטערנעמען די נויטיגע שריט, כדי דעם דאָזיגן קאָנגרעס פאָרצובארייטן און ביזן

ס ו ף   פ ו ן   ד ע ם   י א ר   אָ פ ג ע ב ן   א   ב א־
ר י כ ט   ד ע ם   אַ ק צ י אָ נ ס - ק אָ מ י ט ע ט,
כ ד י   פ א ר צ ו ש ל אָ ג ן   א   ו ו א ל ־ אָ ר ד י ־
נ א צ י ע.

פון די החלטות איז צו זען, אז די יאר־קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן צו פארברייטערן די „יידישע אַגענץ", וועלכע דאַרף רעפּרעזענטירן דעם גאנצן יידישן פאָלק. דער באשלוס 6 דאַרף דאריבער באטראכט ווערן אלס צייטווייליגער. די פארברייטערונג זאָל פאָרקומען דורך א יידישן וועלט־קאָנגרעס פארן ווידעראויפבוי פון ארץ־ישראל.

הגם אויף דער יאר־קאָנפערענץ האָט מען גערעדט וועגן וועלט־קאָנגרעס ווי וועגן א פארטרעטונג פון יידישן פאָלק פון אלע לענדער, וועלכע שטיצט זיך אויף אַ ברייטן דעמאָקראטישן באזיס, און וועלכע וועט שאפן די נייע פּאַלעסטינישע אָרגאניזאציע אין פאָרם פון דער פארברייטערטער „יידישער אַגענץ", זיינען דאָך די באשלוסן פון דער קאָנפערענץ אַלגעמיינע און ענטהאַלטן ניט קיין שום פּרטים. זיי צייכנען נאָר אָן א ריכטליניע פאר דער ארבעט פון דער עקזעקוטיווע און שטעלן פעסט די צייט, אין וועלכער די ארבעט דאַרף דורכגע־פירט ווערן. דאָס איז דער ערשטער עטאַפּ אין פארברייטערונגס־פּלאַן.

קודם מיר וועלן איבערגיין צו זיין ווייטערדיגער אַנטוויקלונג, וועלן מיר נאָך אין קורצן באהאנדלען די באדייטונג פון דער יאר־קאָנפערענץ.

די יאר־קאָנפערענץ אין קארלסבאד קען דרייסט אָנגערופן ווערן דער אָנהויב פון „זיבן־יעריגן קריג", פון קאַמף ארום דער פארברייטערונג פון דער יידישער אַגענץ, וועלכער פארנעמט א וויכ־טיגן אָרט און שפּילט א גרויסע ראָל אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין די לעצטע יארן. דאָ איז פארגעקומען דער ערשטער צוזאמענשטויס צווישן די צוויי לאַגערן פון די אָנ־הייגנער און קעגנער פון פארברייטערונגס־פּלאַן. דער צוזאמענשטויס איז געווען נאָך אַ שוואכער, אָבער שוין א באדייטנדער, ווייל ער האָט געשאפן די פּלאטפאָרם פון קאַמף און ארויסגעזעצט די ערשטע שבּראצוונגען פון דער אָפּאָזיציע. די קאָנפערענץ, וועלכע האָט גע־

לייגט דעם ערשטן שטיין צום בנין פון דער פארברייטערטער „יידי־שער אגענץ", האָט זיך אָבער אין דער דעבאַטע ארום דער פראגע געדרייט ארום אלגעמיינע געדאנקען און זיך ווייניג פארטיפט אין גאנצן פראבלעם. „דער אלטער פראבלעם, וואָס בלייבט פאר אונז, ציוניסטן, נאָך אַלץ ניי, דער פראבלעם פון אונזער באציאונג צו די גרויס־ און געלט־יידן, וואָס קענען פארענטפערן די פראגע וועגן מיטלען און קענען באזייטיגן די פינאַנסיעלע שוועריגקייטן, וועלכע ליגן ווי א שטיין אויף אונזער וועג — די דאָזיגע פראגע האָט באַדארפט בילדן דעם צענטראלן פונקט פון די פארהאַנדלונגען וועגן דעם וועלט־קאָנגרעס. דאָס זעלבע די פראגע וועגן דעם ווייטערדיגן באשטיין פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, פון ציוניסטישן קאָנגרעס, אויב ס'וועט צונויפגערופן ווערן א יידישער וועלט־קאָנ־גרעס — אויך די דאָזיגע פראגע איז גאנץ ווייניג באלויכטן געוואָרן... אלע פראגן, ווי אזוי דער יידישער וועלט־קאָנגרעס דאַרף צונויפגע־רופן ווערן, זיינען כמעט ניט באריהרט געוואָרן... אזוי ארום איז בלויז פראקלאמירט געוואָרן די נויטיגקייט פון א יידישן וועלט־קאָנגרעס פאר דער אויפריכטונג פון ארץ-ישראל, מען האָט אָבער נאָך ניט געוואָרפן דעם דאָזיגן לאָזונג אין פאָלק*)".

די קארלסבאדער יאר־קאָנפערענץ, הגם זי איז ניט געשטאַ־נען אויף דער הויך פון דער אויפגאבע, וועלכע זי האָט באדאַרפט דערפילן און דערפילט, האָט זי דאָך אין רעזולטאַט צוליב געוויסע סבות, וועלכע מיר האָבן שוין אין פאריגן קאַפיטל אָנגעגעבן, זיך דעצידירט צו פארברייטערן די „יידישע אַגענץ" און אַנערקענט דאָס צונויפרופן פון א יידישן וועלט־קאָנגרעס פארן ווידעראויפבוי פון א"י אלס דעם ריכטיגן וועג צו פארווירקלאכן דעם זאַנגענומענעם באשלוס. פאָרברייטן און וואָס שנעלער צונויפרופן דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, וועלכער האָט באדארפט פאָרשטעלן א מין גרינ־דונגס-פארזאמלונג פון יידישן פאָלק, איז מיט דעם מאָמענט געוואָרן איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאבעס פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאציע.

פארן צוטרעטן צו אַנאַליזירן די מיינונגען, וועלכע זיינען אַ־

*) י. גרינבוים: „חבלי־גאולה", ווארשע תרפ"ט. ז. 3—2.

רויסגעזאָגט געוואָרן פאר און קעגן גערעאַנק פון א יידישן וועלט־קאָנגרעס, וועלן מיר דערמאָנען די גענעזע פון דעם דאָזיגן גערעאַנק אין די יארן פון נאָך דער וועלט־מלחמה. די אידייע פון א יידישן וועלט-קאָנגרעס איז ניט צום ערשטן מאָל געבראכט געוואָרן אויף דער יאר־קאָנפערענץ אין קארלסבאַד. מיר ווייסן שוין, אז טאַקי אין שיכות מיט דערזעלבער פראגע פון דער „יידישער אגענץ" האָבן די ציוניסטן אין זייער מעמאָריאל צו דער פרידנס־קאָנפערענץ אין פאַריז, רעדנדיג וועגן א „יידישן ראט פאר די פראגן פון א"י", געזאָגט, אז דער דאָזיגער „יידישער ראט" דאַרף אויסגעוויילט ווערן דורך אן אלוועלטלאכן יידישן קאָנגרעס, וועלכער וועט זיך עפענען אין ירושלים דעם 1־טן יאנואר 1920 (ז. 23). דאָס דאַרף באטראכט ווערן אלס דער פראטאָטיפּ פון דעם, וואָס די יאר־קאָנפערענץ אין 1922 האָט באשלאָסן. דער פּראיעקט פון א „יידישן ראט", וואָס איז אָנגעצייכנט אין דערמאָנטן מעמאָריאל, איז שפּעטער אינגאנצן איבערגעאַנדערשט געוואָרן. דאָך איז דער גערעאַנק פון א יידישן וועלט-קאָנגרעס ניט פארלאָרן געגאנגען און איז אויפגעוועקט און דעבאַטירט געוואָרן אויף דער גרויסער יאר־קאָנפערענץ פון 1920 אין לאָנדאָן און אויפן XII ציוניסטישן קאָנגרעס אין קארלסבאַד.*)

דער גערעאַנק פון אן אלוועלטלאכן יידישן קאָנגרעס איז בכן געווען איינע פון די פראגן, מיט וועלכער די ציוניסטן האָבן זיך שטאַרק באשעפטיגט אין דער צייט און נאָך זייער גרויסע פּאָליטישע נצחונות, און איז ניט אראָפּ פון סדר-היום פון זייערע גרעסטע צוזאמענקונפטן, און וועלכער זיי האָבן געוואָלט רעאליזירן, הגם דאָס איז געווען פארבונדן מיט א סכנה פאר דער עקזיסטענץ פון ציוניסטישן קאָנגרעס. דאָך זיינען אָבער די באשלוסן פארבליבן ניט מער ווי פרומע וואונטשן, וועלכע מען האָט זיך ניט געאיילט צום פאר־

*) די לאָנדאָנער יאר־קאָנפערענץ האָט באשלאָסן, אַז אין משך פון דער נאָנטסטער צייט דאַרף צונויפגערופן ווערן א יידישער וועלט־קאָנגרעס אויף דעמאָקראטישע יסודות. דער קאָנגרעס זאָל זיין די אויטאָריטעטע קערפערשאפט, וועלכע זאָל זיין בארעכטיגט ארויסצוטרעטן און האַנדלען אין נאָמען פון יידישן פאָלק.

צו דעם צוועק וויילט אויס די קאָנפערענץ א קאָמיסיע פון דריי פערזאָן, וועלכע זאָל ביי דער מיטארבעט פון דער ציוניסטישער לייטונג אונטערנעמען די נויטיגע שריט, כדי זיך צו פארבינדן מיט

ווירקלאכן. און ס'איז ניט געלונגען די ציוניסטן צו ארויסרופן אין דער ברייטער יידישער געזעלשאפט א באוועגונג פארן יידישן וועלט-קאָנגרעס, וועלכער וואָלט אייגנטלאך געקענט זיין א ווענד־פונקט אין דער יידישער געשיכטע און אין לעבן פון יידישן פאָלק.

פארוואָס עס איז אזוי געשען, וועלן מיר ניט באהאנדלען. ווען די ציוניסטישע יאר־קאָנפערענץ האָט אָבער באשלאָסן צונויפ־רופן א יידישן וועלט־קאָנגרעס, האָט עס שוין דאָסמאָל געהאַט אן אַנדער באדייטונג, ווייל די ציוניסטישע אָרגאניזאציע האָט געוואָלט איבערגעבן דעם וועלט־קאָנגרעס א מאכט, וואָס איז באזירט און גאראנטירט דורך אינטערנאַציאָנאלע אָפמאכן, די מאַכט פון דער „יידישער אגענץ". דורך דעם וואָלטן די אויפגאבעס פון דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס ניט געווען קיין שום פראזעס און פאָרמולעס, נאָר באשטימונגען פון א"י-מאנדאַט. מען האָט בכן געגלויבט, אז מיט דער ממשותדינער מאכט, וועלכע די ציוניסטן ווילן אָפטרעטן א גרינ־דונגס־פארזאמלונג פון יידישן פאָלק, וועט מען דאָסמאָל ארויסרופן אין דער יידישער עפנטלאכקייט א פאראינטערעסירונג, א באוועגונג און עס וועט געלינגען, צו צושטאַנדברייינגען דעם אַלוועלטלאכן יידישן קאָנגרעס. און דאַמאָלס, ווען דער גאנצער יידישער פאָלק און ניט נאָר די ציוניסטן אליין וועט נעמען אויף זיינע פלייצעס די אויפ־גאבע פון אויפריכטן די נאַציאָנאלע היים אין א"י, וועט די היסטאָ־רישע און אחריותפולע ארבעט גיכער אויסגעפירט ווערן. די מיטלען וועלן שוין געשאפן ווערן, און די יידישע נאַציאָנאלע היים וועט ווערן א מאַטזאך.

---

אַלע יידישע קערפערשאפטן, וואָס האָבן זיך ארויסגעזאָגט פאר א יידישן וועלט־קאָנגרעס, און שאפן אן אָרגאניזיר־קאָמיטעט, וועלכער זאָל זיך פארנעמען מיטן אָרגאניזירן און צונויפרופן דעם יידישן וועלט-קאָנגרעס.

דער XII ציונ. קאָנגרעס האָט פאראָרדנט דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט, אז ער זאָל אין א פארשטענדיגונג מיט דער עקזעקוטיווע פון אמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס און מיטן ועד הלאומי אין א"י ווי אויך מיט אַנדערע יידישע דעמאָקראטישע אָרגאניזאציעס אונ־טערנעמען די נויטיגע שריט פארן צונויפרופן א יידישן וועלט־קאָנ־גרעס, וועמענס אויפגאבע עס וועט זיין צו ארגאניזירן אַלע יידישע פאָלקס־כוחות פארן אויפבוי פון ארץ־ישראל ווי אויך פארן קאַמף פאר די נאַציאָנאלע רעכט אין פארשידענע לענדער.

טראָץ די שיינע פּערספּעקטיוון, וועלכע עס ענטהאַלט די אי־דייע פון א יידישן וועלט־קאָנגרעס, זיינען פיל אָנפירנדיגע ציוניס־טישע פערזענלאכקייטן ארויסגעטראטן קעגן איר און באוויזן איר שעדלאכקייט און, וואָס עס האָט זיך שפּעטער באשטעטיגט, איר אומאויספירבארקייט. אזוי איז קעגן דער קאָנצעפּציע פון א יידישן וועלט־קאָנגרעס ארויסגעטראטן עפנטלאך דער דאַמאָלסדיגער וויצע־פארזיצער פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, אינזש. ר אָ ב ע ר ט ש ט ר י־ק ע ר.*) דער עקזעקוטיווע־מיטגליד ר י כ א ר ד ל י כ ט ה י י ם ווידמעט אן ארטיקל אין „העולם"**) דער פראגע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און וויזט אָן אויף זיינע נעגאַטיווע זייטן. ער שטעלט דריי פראגן: א) וועלכע יידישע אָרגאניזאציעס און אינסטיטוציעס האָפט מען צוציען דורכן קאָנגרעס צו דער ארץ־ישראל־ארבעט? ב) צי זיינען די דאַזיגע אָרגאניזאציעס און אינסטיטוציעס גרייט זיך צו באטייליגן אין וועלט־קאָנגרעס? ג) וועלכן נוצן קען ברייננגען זייער באטייליגונג?

א חוץ דער ציוניסטישער אויפלעבונגס־באוועגונג געפינען זיך אויף דער יידישער גאס נאָך דריי ריכטונגען, וואָס האָבן א גרעסערע אָדער קלענערע באדייטונג און השפּעה אויפן יידישן לעבן. דאָס זיי־נען די אסימילאטאָרן און זיך אסימילירנדע יידן, די יידיש־סאָציא־ליסטישע ארבעטערשאפט און די אָרטאָדאָקסיע. די ערשטע, וועלכע זיינען מייסטנטייל רייכע יידן און מיט אַ גרויסער השפּעה אויף דער נים־יידישער גאס, באזונדערס אין די מערב־לענדער, באקעמפן איס־לאכס דערשיינונג פון יידישן נאַציאָנאליזם, און א פשיטא־שווין דעם ציוניזם און זיין אידעאַל פון אויפריכטן די יידישע נאַציאָנאלע היים אין א"י. דער יידישער פראלעטאַריאט, וואָס געפינט זיך אין מזרח־אייראָפּא אונטער דער השפּעה פון „בונד" און איז אין אמעריקע אָרגאניזירט אין ריין-סאָציאליסטיש־מאטעריאליסטישע פארבאנדן, קוקט אויף ארץ־ישראל און אויפן אידעאַליסטישן ציוניזם ווי אויף א „בורזשואזע ראמאַנטיק" און באקעמפט אים העפטיג. די יידי־שע אָרטאָדאָקסיע באציט זיך אויך נעגאטיוו צום ציוניזם, הגם זי

*) „העולם" גליון ד' מכ"א שבט תרפ"ג.
**) גליון י"ז מכ"ה אייר תרפ"ג.

האָט א סענטימענט פאר ארץ־ישראל, א טיף־רעליגיעזן געפיל פארן לאנד פון די אבות. זי האַלט זיך אָבער אָפּ פון יעטווידער ממשות־דיגער ארבעט, וואָס האָט דעם ציל אויפצוריכטן די חרובע לאנד. אמת, אז די דאָזיגע אָרטאָדאָקסיע, אָרגאניזירט אין א גרויסן טייל אין דער „אגודת ישראל", האָט אין אפריל 1921 אונטערגענומען א פּרוב צו זיכערן זיך אין מאַנדאַט די רעכט פון דער „יידישער אגענץ" צוגלייך מיט דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע. די „אגודה" האָט דאַמאָלס ארויסגעשיקט ספּעציעלע דעלעגאציעס קיין לאָנדאָן און גענף, כדי צו ווירקן, אז דער א"י־מאַנדאַט זאָל געענדערט ווערן לויט זייערע וואונטשן. דער דאָזיגער שריט האָט אין א געוויסן מאָמענט געקענט פיל שאָדן ברייננגען דער ציוניסטישער זאך, אויף וואָס ער איז געווים געווען אויסגערעכנט. די טאַקטיק פון די ציוניסטישע פירער און די גרויסע אויפרעגונג אין דער יידישער עפנטלאכקייט האָבן אָבער צונישט געמאַכט די פּרובן פון דער „אגודה" אונטער־צוגראבן די רעכט פון דער „יידישער אַגענץ", און זי האָט געמוזט רעזיגנירן פון אירע אספּיראציעס.

פון דעם אלעמען איז צו זען, אז צוליב טיפע סבות וועלן ניט די אסימילאטאָרן, ניט די ארבעטער־סאציאליסטן און ניט די אָרטאָ־דאָקסיע קענען צושטיין צו א ארץ־ישראל־באוועגונג, וועלכע דער יידישער וועלט־קאָנגרעס דאַרף מיט זיך פארשטעלן, און אין איר מיטאַרבעטן. ס'איז בכן לחלוטין איבריג צו פארבייטן די ציוניסטי-שע אָרגאניזאציע אויף א נייע אָרגאניזאציע, וועלכע זאָל אין זיך ארייננעמען די אלע ריכטונגען, וואָס זיינען נאָך היינט ווייט פון ציוניזם. און אויב אפילו עס וועט סוף כל סוף געלינגען, און די אלע געמיינשאפטן וועלן זיך באַטייליגן אין דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס פאר א"י, וועט אויך דאַן די באטייליגונג זיין נאָר א פּאָראיבער־גייענדיגע דעמאָנסטראציע און וועט קיינמאָל ניט דערברייננגען צו דער שאַפונג פון א נייער אָרגאניזאציע, וועלכע זאָל באמת זיין שטאַרקער און מיט א גרעסערע השפּעה פון דער היינטיגער ציו־ניסטישער אָרגאניזאציע. וואָס עס קען יע דערגרייכט ווערן, איז דאָס, וואָס דער יידישער מיטלשטאַנד, וועלכער איז נאָך ניט ציוניסטיש, אָבער וועלכער באציט זיך מיט ליבע און סימפּאטיע צו ארץ־ישראל און איז מנדב אויפן „קרן־היסוד", וועט זיך יע באטייליגן אין וועלט-

קאָנגרעס און געווים מיטארבעטן. אָבער די דאָזיגע מענשן זיינען שטענדיג גאָנץ צום ציוניזם, האָבן צוטרוי צו די ציוניסטן און זיינען דאָך א כוחות־רעזערוואר פאר דער ציוניסטישער באוועגונג. די גאנצע לאסט פון דער ארבעט וועט אזוי ארום ווידער ליגן אויף די ציוניסטישע פלייצעס; און דאָ קומט נאָך די פראגע, פארוואָס זאָל מען די מענשן ניט זען ארייננציען אין דער ציוניסטישער אָרגאני־זאציע אָנשטאָט צו מאַכן א נייעם עקספערימענט פון צונויפרופן א וועלט־קאָנגרעס און שאפן א נייע אָרגאניזאציאָנעלע באשעפעניש, כדי אזוי ארום צו געווינען די, אויף וועלכע די ציוניסטן קענען ממילא רעכענען אָן דעם אַלעמען. און דאַריבער איז דער וועג פון א וועלט־קאָנגרעס א קרומער, וועלכער פאָדערט א סך מי און וועט צום סוף געבן קליינע רעזולטאַטן.

די אלע טעמים און ספקות זיינען אַנטשטאַנען פאר דער ציו־ניסטישער עקזעקוטיווע, ווען זי איז צוגעטראטן צו רעאליזירן די באשלוסן פון דער קאַרלסבאדער יאר-קאָנפערענץ. ס'איז פאר איר ניט געווען קלאָר, צי וועט דער וועלט־קאָנגרעס זיך באלד צונויפקו־מען, און מען דאַרף בכן אים באטראכטן אלס די נאָענטסטע אויפגאַ־בע פון דער עקזעקוטיווע, אָדער מען דאַרף ערשט ווארפן אין פאָלק דעם לאָזונג פון א וועלט־קאָנגרעס און אים דערציען צו דעם. אויך אין דער פראגע פון דער אויפגאבע פון קאָנגרעס זיינען די מיינונגען געווען געטיילט. איינינגע האָבן געוואָלט אין אים זען א גרויסע ציוניסטישע דעמאָנסטראציע, אַנדערע האָבן געטראכט וועגן שאפן פון קאָנגרעס א שטאַרקע ארץ־ישראל־אָרגאניזאציע פון וועלט-יידנטום, וואָס זאָל קענען פארטרעטן די ציוניסטישע אָרגאניזאציע. אזוי האָט די ווירק־לאכקייט געבראכט אומגעהויערע שוועריגקייטן און מיינונגס־פאר־שידענהייטן, ווען מ'איז געגאנגען רעאליזירן די אין פלוג פשוטע אי־דייע פון א וועלט־קאָנגרעס.

כדי צו זאָנדירן די מיינונגען פון אָנפירנדע ציוניסטישע און יידישע פערזענלאכקייטן, האָט די עקזעקוטיווע געמאַכט אן אַנקעטע און דעם רעזולטאַט פאָרגעשטעלט דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָ־מיטעט אויף זיין סעסיע אין יאנואר 1923 אין בערלין. די דאָזיגע זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט נאָך א לייננגערער דעבאַטע באַ־שלאָסן:

1. דער אַקציאָנס־קאָמיטעט פאראָרדנט דער עקזעקוטיווע אין דער פראגע פון צוגרייטן דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס פארן אויפבוי פון א״י:

א) מאַכן די נויטיגע שריט ביי דער בריטישער רעגירונג לויטן ארטיקל 4 פון ארץ־ישראל־מאַנדאַט,

ב) אָנפירן מיט א ברייטער אַגיטאַציע פאר דער אידייע פון א״י־קאָנגרעס אין אלע לענדער,

ג) פאַרלייגן דעם אַקציאָנס-קאָמיטעט אויף זיין נעכסטער זיצונג צו באשטעטיגונג א וואַל־מאָדוס צום וועלט־קאָנגרעס, וועלכער זאָל אויסגעארבעט ווערן אין א פארשטענדיגונג מיט די לאנדעס־אָרגאני־זאציעס.

2. די גאנצע צוגרייטונגס־ארבעט מוז געפירט ווערן אין דעם זין, אז אין רעזולטאַט פון דעם זאָלן נאָך פארן קאָנ־גרעס געשאפן ווערן געוויסע פאָר־אויסזעצונגען פאר א שפעטערדי־גער, שטענדיגער, אָרגאניזאטאָרי־שער צוזאמענפאסונג פון די ווייטסטע קרייזן פון יידישן פאָלק פאר דער מיטארבעט לטובת דעם א״י־אויפ־בוי. אין שייכות מיט דעם דאַרף מען צונויפרופן דאָרט, וואו מען וועט האַלטן פאר צוועקמעסיג, לאנ־דעס-קאָנפערענצן פארן א״י־אויפבוי.

3. דער וועלט־קאָנגרעס דארף פאָרקו־מען נים שפעטער ווי אין יאַ־ 1924.

פארגלייכנדיג די באשלוסן מיט די החלטות פון דער יאר־קאָנפערענץ, איז צו זען, אז די עקזעקוטיווע האָט ווייניג וואָס פאר־ברייטעט צום יידישן וועלט־קאָנגרעס; דער אַקציאָנס-קאָמיטעט איז פּרינציפּיעל געשטאַנען ווייטער אויפן שטאַנדפּונקט, וועלכער איז דורך דער יאר־קאָנפערענץ אקצעפּטירט געוואָרן, אז די פארברייטע־רונג פון דער „יידישער אגענץ" דאַרף פאָרקומען דורך א אלוועלט-

לאכן יידישן קאָנגרעס. נאָר דער א. ק. האָט דאָסמאָל אין זיינע באַ־
שלוסן שוין געגוי אָנגעצייכנט די ריכטליניעס פון דער ארבעט פאר
דער עקזעקוטיווע. די עקזעקוטיווע וועט שוין מוזן פירן א פּראפּאַ־
גאנדא פארן א״י־קאָנגרעס צווישן אלע יידן פון דער וועלט. זי וועט
זיך מוזן וועגן דער פראגע פארשטענדיגן מיט דער מאַנדאַטאָר־
מאַכט און צוגרייטן צו דער נעכסטער סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט
א פראיעקט פון א וואל־אָרדינאַציע צום וועלט-קאָנגרעס. כדי צו־
איילן די ארבעט פון דער עקזעקוטיווע און זען, אז די זאך זאָל זיך
ניט אָפּשלעפּן, האָט מען באַשטימט א טערמין, ווען דער וועלט־
קאָנגרעס זאָל צושטאַנד־קומען. דאָס אלץ האָט אין א געוויסער מאָס
קלאָרער געמאַכט די אויפגאבע פון דער עקזעקוטיווע. מען האָט אַל־
זאָ באשלאָסן גיין ווייטער אויפן אָנגעצייכנטן וועג פון א וועלט־
קאָנגרעס. אָבער אין די באַשלוסן פון א. ק. געפינען מיר א פּונקט,
וועלכער איז נאָר דערוויייל אן אָ נ ז א ָ ג פ ו ן א נ יי ע ם
וו ע ג פון דער פארברייטערונג. דאָס איז נעמלאך דער פּונקט 2.
ער באַווייזט אונז, אז די אויבן ציטירטע ארגומענטן פון די קעגנערס
פון א יידישן וועלט-קאָנגרעס האָבן זייער השפעה אויסגעהיבּט, אז
דער גלויבן און די איבערצייגונג אין קענען צוזאמענרופן דעם א״י־
וועלט־קאָנגרעס איז אָפּגעשוואכט געוואָרן ביי די ציוניסטישע פי־
רער; זיי האָבן זיך בכן געוואָלט פארזיכערן, אז די אונטערהאַנדלונ־
גען, וועלכע וועלן געפירט ווערן מיט פארשידענע יידישע אָרגאַני־
זאציעס, זאָלן ניט גיין לאיבוד. און אויב מען וועט ניט קענען צו-
נויפרופן א וועלט־קאָנגרעס, זאָלן דערוויייל געשאפן ווערן פאראויסזע־
צונגען פאר אן אָרגאַניזאַטאָרישער צוזאמענפאסונג פון די ווייטסטע
יידישע קרייזן פארן א״י־אויפבּוי. אויב ניט קיין וועלט־קאָנגרעס,
איז כדאי אַן אַנדער אופן פון צוזאמענארבעט. צו דעם צוועק זאָל
מען דאריבער צונויפרופן דאָרט, וואו מען וועט האלטן פאר נוי־
טיג, ספּעציעלע לאנדעס-קאָנפערענצן פארן אויפבּוי־ווערק אין א״י.
דאָס איז דאָס נייע, וואָס איז דורך דער סעסיע פון אקציאָנס־קאָמי־
טעט אין יאנואר 1923 אריינגעפירט געוואָרן אין פארברייטערונגס־
פּלאַן.

אלס פּועל־יוצא פון די באַשלוסן זעען מיר די בריף פון דער
עקזעקוטיווע פון 29־טן מערץ 1923 צו דער „אנגלאָ דזשואיש אַסאָ־

סיישן" און „באַארד אָף דעפּיוטיס", מיט וועלכע עס הויבט זיך אָן די פאַרברייטערונג פון דער „יידישער אגענץ" בכלל און די אונטערהאַנדלונגען מיט די ענגלישע ניט־ציוניסטן וועגן זייער אריינטריט אין דער „דזשואיש איידזשענסי" בפרט. אויסדריקנדיג דעם וואונטש פון דער עקזע־קוטיווע צו זאָרגן, אז אין דער „אגענץ" זאָלן זיין פארטראטן די אַלע יידן, וועלכע ווילן מיטאַרבעטן און מיטהעלפן דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע ביים דערפילן די איר אָנפארטרויטע אחריותפולע אויפ־גאַבעס, דערמאָנען אָבער די בריף גאָרניט וועגן יידישן וועלט-קאָנ־גרעס, וועלכער דאַרף אייניגן די ציוניסטן מיט די ניט־ציוניסטן אין דעם א"י־אויפבוי. דאַקעגן לאַדט איין די עקזעקוטיווע צו צוויי פאַר־טרעטער פון יעטווידער פון די אויבנדערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זאָלן מיט פאַרשטייערס פון דער עקזעקוטיווע שאפן א גע־מישטן קאָמיטעט, דזשאָינט קאָמיטי, וואָס זאָל זיך באַראַטן, וועלכע שריט דאַרף מען אונטערנעמען, כדי צו שאפן די „יידישע אגענץ" אויף אַ ברייטן באַזיס*).

די איינלאַדונג איז דורך די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס אָנגע־נומען געוואָרן, און דער „דזשאינט קאָמיטי" איז געשאפן געוואָרן. די דאָזיגע פּראַקטיק באַווייזט אונז, ווי די עקזעקוטיווע האָט פאַר־שטאַנען דעם פּונקט 2 פון די א. ק.-באַשלוסן און אויף וועלכן וועג זי איז געגאַנגען פאַרברייטערן די „יידישע אַגענץ". די קאָנצעפּציע פון א יידישן וועלט־קאָנגרעס איז שוין געבליבן אין שאָטן. די דאָזיגע באַהויפּטונג וועלן נאָך מער באַשטעטיגן די באַשלוסן פון אקציאָנס־קאָמיטעט אויף זיין ווייטערדיגער סעסיע פון יוני 1923 אין בערלין:

1. נאָכן אויסהערן דעם באַריכט פון דער עקזעקוטיווע און די דערקלערונגען פון פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע צייכנט אָן דער א. ק. אלס ריכטליניע פאַר אַלע פאַרהאַנדלונגען, וועלכע וועלן ביזן קאָנגרעס געפירט ווערן מיט פאַרטרעטער פון ניט־ציוניסטישע קרייזן וועגן זייער באַטייליגונג אין דער לייטונג

*) Bericht der Executive an den XIII. Zionisten-Kongress, s. 28—29.

פון אויפבוי=ווערק אין א"י, דעם גרונטזאַץ, אַז די אָנפירנדע קערפּערשאַפט פון דער „יידישער אנענץ" מוז זיין פאַראַנטוואָרטלאך פאַר אַ רעפּרעזענטאַנץ פון יידישן פאָלק.

2. דער א. ק. באַשליסט אויסוויילן פון צווישן זיינע מיטגלידער פינף, וועלכע וועלן צוזאַמען מיט פאָרשטייער פון דער עקזעקוטיווע בילדן אַ קאָמיסיע צום סטודיום פון אַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער „יידישער אַגענץ" און אַנדערע אָרגאַניזאַטאָרישע פראַגן. די קאָמיסיע זאָל זיך צוזאַמענקומען באַלד נאָך דער זיצונג פון אַקציאָנס=קאָמיטעט. דער רעזולטאַט פון אירע באַראַטונגען זאָל מיטגעטיילט ווערן דער עקזעקוטיווע און די מיטגלידער פון א. ק. און זאָל דינען ביז צום קאָנגרעס אַלס מאַטעריאַל פאַרן אויפקלערן די פראַגע פון דער „יידישער אַגענץ".*)

די דאָזיגע החלטות וועלן זיין פאַר אונז נאָך מער פאַרשטענדלאַבער, ווען מיר וועלן זיך צוהערן צום באַריכט פון עקזעקוטיווע=פּרעזידענט נחום סאָקאָלאָוו. צווישן אַנדערע זאָגט ער, אַז „לויט די איצטיגע פאַרהעלטנישן איז ניטאָ קיין שום האָפנונג צונויפרופן דעם וועלט=קאָנגרעס אין אַ קורצער צייט, ווי מען האָט לכתחילה גערעכנט; אין דער צייט איז אָבער קלאָר געוואָרן די נויטווענדיגקייט צו פאַרברייטערן דעם באַזיס פון דער „יידישער אַגענץ" און צוציען נייע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט צו אונזער אויפבוי=אַרבעט. די עקזעקוטיווע האָט זיך שוין אין דער פראַגע פאַרשטענדיגט מיט פאַרשידענע יידישע קערפּערשאַפטן, באַזונדערס אין ענגלאַנד. זי האַלט זיך אָבער אין דער דאָזיגער אַרבעט ביי צוויי עיקרים: אָפּהיטן די גאַנצקייט

*) אין דער קאָמיסיע זיינען אויסגעוויילט געוואָרן די ה"ה: דר. באַרט, דר. האַנטקע, דר. יעקבסון, דר. א. קאַצנעלסאָן, ז. רובאַשאָוו.

און פולקאָמע עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; פאַרשטענדיגן זיך נאָר מיט אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן א רעפּרעזענטאַטיוו-געזעלשאַפטלאכן כאַראַקטער, אָדער וועלכע זיי-נען שוין בפועל געווען טעטיג אין ארץ-ישראל. דער געדאַנק וועגן צוציען „חשובע פּערזענלאַכקייטן" איז אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן גע-וואָרן. די עקזעקוטיווע רעכנט דעריבער אויף אַזאַ אופן צו פאַרברײ-טערן די „יידישע אַגענץ" ביז עס וועט קומען דער טאָג פון יידישן וועלט-קאָנגרעס".*)

מיר זעען אלזאָ, אז די עקזעקוטיווע האָט געהאַלטן, אז ס'איז אוממעגלאך צונויפרופן איצט א יידישן וועלט-קאָנגרעס. זי האָט דא-ריבער נים רעאַליזירט די באַשלוסן פון דער פריהערדיגער סעסיע פון א. ק. און איז געקומען מיט אַ נייעם פלאַן צו דער איצטיגער זיצונג פון א. ק. אויף די שפּורן פון דעם נייעם פּלאַן האָבן מיר שוין אָנגעוויזן אין דער החלטה 2 פון יענער סעסיע פון א. ק. און אין די פאַרהאַנדלונגען פון דער עקזעקוטיווע מיט די ענגלישע נים-ציוניסטן. קעגן דעם פּלאַן זיינען אַרויסגעטראָטן פיל מיטגלידער פון אקציאָנס-קאָמיטעט, וועלכע האָבן אַרויסגעזאָגט זייערע ספקות אין עצם תכלית פון אַזאַ פאַרברייטערונג, וואָס וועט נים ברייננגען קיין שום מאַטעריעלן אָדער מאָראַלישן נוצן. אין רעזולטאַט איז אָבער דער פּלאַן פון דער עקזעקוטיווע אָנגענומען געוואָרן, מיט א תנאַי, אז די לייטונג פון דער „יידישער אגענץ" מוז זיין פאַראַנטוואָרט-לאַך פאַר א רעפּרעזענטאַנץ פון יידישן פאָלק. דאָס איז דער ד ר י ט ע ר ע י ק ר נעבן די צוויי, וועגן וועלכע סאָקאָלאָוו האָט גערעדט. דער א. ק. האָט אַלנפאַלס נאָך נים געוואָלט דעצידירן וועגן גאַנצן פּלאַן פון דער פאַרברייטערונג און עס איבערגעלאָזט פאַרן קאָנגרעס, וועלכער האָט זיך געדאַרפט צונויפקומען אין צוויי חדשים אַרום אין קאַרלסבאַד. כדי דער קאָנגרעס זאָל האָבן א קלאָרן בילד וועגן פאַרברייטערונגס-פּראָבלעם, האָט דער א. ק. באַשלאָסן בילדן א קאָמיסיע פאַרן סטודיום פון אַלע פראַגן, וואָס האָבן א שייכות צו דער „יידישער אַגענץ". אזוי דאַרפן פאַרשטאַנען ווערן די החלטות פון דער יוני-סעסיע פון אקציאָנס-קאָמיטעט.

*) „העולם", גליון כ' מכ"ד סיון תרפ"ג.

די דאָזיגע סעסיע האָט א גרויסע חשיבות מיט דעם, וואָס אויף איר זיצונג איז אויפגעגעבן געוואָרן איינגאנצן דער געדאַנק פון א יידישן וועלט-קאָנגרעס אלס א אופן צו פארברייטערן די „יידישע אגענץ". ס'איז פארבליבן נאָר די פרינציפּיעלע שטעלונג, אז „די אָנפירנדיגע קערפערשאַפט פון דער „אַגענץ" מוז זיין פאראנט-ווארטלאך פאר א רעפּרעזענטאַנץ פון יידישן פאָלק". פארוואָס איז עס אזוי געשען? די גרויסע שוועריגקייטן, מיט וועלכע עס איז געווען פארבונדן דאָס צונויפרופן פון א יידישן וועלט-קאָנגרעס, האָבן גע-פאָדערט א לאנגע צייט צום רעאליזירן דעם דאָזיגן געדאַנק, און די אָנפירנדיגע ציוניסטן האָבן געוואָלט די פארברייטערונג וואָס גיכער אַדורכפירן. דאָס האָט דערבראכט צו די קאָנטורן פון א נייעם פּלאַן.

דערווייל איז די פארברייטערונגס-פראגע געוואָרן דער אַקטו-עלסטער ציוניסטישער פּראָבלעם און נאָך פארן קאָנגרעס איז ער באהאנדלט געוואָרן דורך דער גאנצער ציוניסטישער עפנטלאכקייט.

# ט.

# פאַר און קעגן

דער נייער פלאן, זיין שעפער און וואָרטזאגער — באלטימאָרער „קאָנווענשאן“ — פראָפ. ווייצמאנס רעדע — די „פראָפאָזעלס“ פון דער „אדמיניסטראציע“ — דרעזדענער קאָנפערענץ פון די דייטשע ציוניסטן - 6-ער ציוניסטישער צוזאמענפאָר אין ווארשע - פארברייטערן, פארברייטערן! — די אָפּאָזיציעס אין באלטימאָר, דרעזדן און ווארשע — דער קריזיס אין דער פוילישער ציוניסטישער אָרגאניזאציע — גרינבוימס אָפּאָזיציע צום נייעם פארברייטערונגס-פלאן — די אָפּאָזיציאָנעלע שטימונג אין דער פרעסע און ביי די פליגל-פראקציעס — פארן XIII קאָנגרעס.

אין די לעצטע חדשים פארן XIII ציוניסטישן קאָנגרעס האָט זיך די ציוניסטישע עפנטלאכע מיינונג אויף צוזאמענפאָרן און אין דער פרעסע שטארק פארנומען מיט דער צענטראלער פראגע פון קומענדיגן קאָנגרעס, מיט דער פראגע, ווי אזוי זאָל צוזאמענגעשטעלט ווערן די „יידישע אַגענץ“. די אידייע פון א יידישן וועלט-קאָנגרעס האָט שוין אָנגעוואָרן איר רייץ, דאָך האָבן נאָך פיל ציוניסטן זי געהאַלטן פארן איינציגן אויסוועג. די אָפיציעלע קרייזן פון דער עקזעקוטיווע האָבן ארויסגערוקט א נייעם פלאן, ווי די אגענץ צו פארברייטערן. דער דאָזיגער פלאן האָט ארויסגערופן א גרויסע קעגנערשאפט אין די ציוניסטישע רייען. מיט די קאָנטורן פון דעם פלאן האָבן מיר זיך שוין באקענט אין סוף פון פאָריגן קאַפּיטל. דאָ וועלן מיר אים ווייטער אַנטוויקלען.

מען קען דרייסט באהויפטן, אַז דער שעפער און וואָרטזאָגער פון נייעם פארברייטערונגס-פלאן איז געווען דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, פ ר א פ. ח י ם ו י י צ מ א ן. ער האָט נאָך ארויסגעזאָגט זיין מיינונג אויף דער יאר-קאָנפערענץ אין קאַרלסבאד וועגן צוציען די ניט-ציוניסטן. דאמאָלס איז דער באָדן נאָך ניט געווען צוגעגרייט. ער האָט גלייך פון אָנהויב גע-

צווייפלט אין דער מעגלאכקייט פון צוזאמענרופן א יידישן וועלט־קאָנגרעס, און דעריבער זיינען ביי אים אַנטשטאַנען אַנדערע קאָנ־צעפּציעס. פון פאַרברייטערונגס־געדאַנק איז ער געווען דער גרעסטער אָנהייגער. ער האָט ניט געגלויבט אין די כוחות פון דער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע, אַז זי זאָל זיין ביכולת אַליין אויפריכטן די יידי־שע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל. מיר האָבן שוין אויף דעם אָנגעוויזן נאָך בעת זיין ערשטן קאַמף מיט בראַנדייסן ארום דער פראַגע פון יידישן ראַט. און איצט, ווען דער יידישער וועלט־קאָנ־גרעס האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר א אוטאָפּיסטישע זאַך, איז וויצמאַן ארויסגעטראָטן מיט זיין גאַנצן פּלאַן פון פאַרברייטערן די „יידישע אַגענץ" און געוואָלט אים אדורכזעצן טראָץ אַלע קעגנער־שאַפטן און שוועריגקייטן. דעם ערשטן ארויסטריט האָט ער געמאַכט אויף דער 26־טער קאָנפערענץ פון די אַמע־ריקאַנער ציוניסטן, אין מיטן יוני 1923 אין באַלטימאָר.

די וויכטיגסטע פראַגע, וועלכע די קאָנפערענץ האָט באַהאַנדלט, איז בלי ספק געווען דער פּראָבלעם פון צוזאמענשטעל פון דער „יידישער אגענץ". און אין דער פראַגע איז די קאָנפערענץ אינגאַנצן געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון פּרעזידענט וויצמאַנס ווערטער. די רעדע פון דר. וויצמאַן איז פאַר אונז פון ערשטראַנגיגער חשיבות, ווייל זי איז דער אַני־מאמין פון פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע, ווייל זי ענטהאַלט די אויספאַסונג פון פאַרברייטערונגס־פּלאַן, וועלכע איז געווען דער אָביעקט פון דער דיסקוסיע אין דער ציוניסטישער עפנטלאכקייט פאַרן קאָנגרעס און אויפן קאָנגרעס גופא. דעריבער וועלן מיר זי איבערגעבן אין א גרויסן אויסצוג.

וויצמאַן האָט געזאָגט: „נאָך יעדן פּאָליטישן נצחון האָבן מיר געהאָפט, אַז עס וועט זיך אויפהויבן א מעכטיגע כוואַליע, א משיחס כוואַליע, וואָס וועט מיטרייסן אַלע יידן פון איין עק וועלט צו דעם צווייטן, א כוואַליע, וואָס וועט פאַרכאַפּן אַלע כוחות אין יידנטום און וועט אַלע יידן ברייננגען דערצו, אַז זיי זאָלן זיך באַ־שעפטיגן מיטן אויפבוי פון ארץ־ישראל... היינט, א יאָר נאָכן מאַנ־דאַט, זיינען די לערערס אין א"י געבליבן אָן געהאַלט, און די חלוצים אָן ארבעט. וואָס האָט איר געפילט דאַביי, ווייס איך ניט, ב יי

מיר זיינען געבוירן געוואָרן ספקות, אפשר האָב איך א טעות געהאַט, און איך האָב געשפּירט, אז נאָך אזא יאָר, ווי דאָס פאַרגאַנגענע, וועט צו־ברעכן דעם חוט־השדרה פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע... און אלס איינער פון פאָלק חזר איך איבער דאָס, וואָס איך האָב שוין געזאָגט אין 1922: פאָלק ישראל וואָס האָסטו גע־טאָן?"... איך בין ניט ווייניגער דעמאָקראַט, ווי אַנדערע, אָבער איך גלויב ניט, אז מען זאָל קענען צונויפרופן דעם וועלט־קאָנ־גרעס אין די באַדינגונגען, וועלכע הערשן היינט אויף דער יידישער גאַס... מיין מיינונג איז, אז צו דעם קאָנגרעס דאַרפן קומען אלע יידן, אָבער דער רוסישער יידנטום וועט זיך מוזן צוקוקן צום קאָנגרעס פון דערווייטן, ווייל ער וועט ניט קענען קומען צו אים... ס'זיינען דאָ 500 טויזנט יידישע אָרגאַניזירטע ארבעטער אין אַמעריקע, וועל־כע זיינען גוטע יידן, און זיי דאַרפן קומען צום קאָנגרעס, אָבער ניט נאָר וואָס זיי זיינען ניט צוגעגרייט צו דעם, נאָר זיי פארשטייען נאָך ניט, אז ארץ־ישראל איז אַ פּראָבלעם אין יידישן לעבן... איך וואָלט געקענט אָנרופן נאָך אַ סך אזעלכע יידישע קרייזן. און דאַריבער פיל איך, אז איר וועט מאַכן דעם לעצטן נסיון, אָבער איר וועט שאפן נאָר אַ סוראָגאַט, וועלכער וועט זיינע אויפגאַבעס ניט דערפילן... און דאַריבער איז א שאָד די צייט, וועלכע איר וועט דורכדעם פאַר־לירן, א שאָד צו אָפּפערן דאָס קלענסטע, אפילו איין מענש, אַפילו איין פּרוטה פאר א זאך, וואָס שטייט ניט אין דירעקטן שיכות מיט דער ארבעט צו פארגרעסערן אונזער צאָל און פארפעסטיגן אונזערע פּאָזיציעס אין א"י. און דאַריבער האָבן מיר אויסגעוויילט אַ וועג, וועלכער איז ווירקלאַך פול מיט סכנות, אָבער וועלכער פאַרמאָגט ניט אין זיך אזא גרויסע סכנה, ווי די סכנה פון א הונגעריגע ארץ־ישראל... מיר מוזן געפינען אַ וועג, מיט וועלכן מיר זאָלן דערגרייכן דעם מאַקסימום רעזולטאַטן ביי א מינימום פון צייט־פארלוסט און אָנשטרענגונגען. דער פּראָבלעם איז, ווי צו פארטאָפּלען, פארדרייפאכן און פארפירפאכן די עליה

קיין א״י. און דאָס וועט זיך אונז ביי היינטיגס טאָג ניט איינגעבן, אויב מיר וועלן ניט שליסן א בונד, ניט זייענדיג מותר אויף א קוצו של יוד פון אונזער פראגראם, מיט די אלע כוחות, וואָס זיינען באמת גרייט זיך צו באטייליגן אין אונזער אַרבעט...

מיר וועלן איינלאדן אלע יידישע אָרגאניזאציעס. די פאר־האַנדלונגען וועלן געפירט ווערן פארזיכטיג. מיר וועלן מאַכן א פּלאַן און זען אים פארווירקלאכן, מיר וועלן מצליח זיין אָדער ניט. אָבער מיר וועלן ייצא זיין פאר דער וועלט, אז מיר האָבן געטאָן אלץ, וואָס מיר האָבן געקענט טאָן ביי דער היינטיגער סיטואציע פון יידישן פאָלק, כדי דערנענטערן צו אונז איטלאכס יחיד. און דאַמאָלס, אויב מיר וועלן שוין האָבן 100.000 חלוצים אין א״י, וועלן מיר אויך קע־גען צוזאמענרופן דעם וועלט־קאָנגרעס. דער רוף צום וועלט־קאָנגרעס דאַרף ארויסגיין פון א״י.

איך גלויב, אז מיט דעם וועלן מיר פארשטאַרקן אונזערע פּאָ־זיציעס אין די אויגן פון דער גאנצער וועלט. וואָרום די משא, וואָס מיר טראגן, קען איינברעכן שטאַרקערע פּלייצעס, ווי די פון איי־ערע פירער. אייער איינציגער קנין, די פירערס און די אָרגאניזאציע, ווערן דערשעפּט אין דער מלחמה, וועלכע מיר האָבן געמוזט פירן אין לעצטן יאר, און מיר זיינען שוין ניט אימשטאַנד זי צו פירן אין צו־קונפטיגן יאר...

לויט מיין מיינונג ליגט אונזער גורל אין באשלוס, וועלכן איר האָט אָנגענומען. אויב ער וועט אָנגענומען ווערן, וועלן מיר ווייטער ארבעטן, וועט מען אים אָפּוואַרפן — נפול נפול. איך וועל קעמפן פאר אים ווי א לייב״*).

די דאָזיגע ווערטער פון פּרעזידענט ווייצמאַן האָבן געפונען א שטאַרקן אָפּקלאנג אין דער גאנצער באוועגונג, זיי האָבן געגעבן א קלאָרן בילד וועגן דעם, וואָס עס טראכט און וואָס עס וויל טאָן דער פּרעזידענט פון דער אָרגאניזאציע.

אָבער וואָס פאר א באַשלוס האָט אָנגענומען די באַלטימאָרער

---

*) „העולם״, גליון כ״ה מכ״ט תמוז תרפ״ג.

קאָנפערענץ, פאר וועלכן ווייצמאן וויל קעמפן ווי א לייב? דער באַ־שלום איז באקאנט אונטערן נאָמען: די באַלטימאָרער „פראַפאַ־זעלס"*) פון דער אמעריקאַנער ציוניסטישער „אדמיניסטראַציע"**).

ער זאָגט לאַקאָניש, אז „די ציוניסטישע עק־זעקוטיווע ווערט באַפולמעכטיגט צו צו־טרעטן צו אָרגאַניזירן תּכּף ומיד די „יידישע אַגענץ" אין דערזעלבער צייט, ווען ס'ווערן גע־מאַכט די הכנות צום צוזאַמענרופן דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס. אַלס מיטגלידער פון דער „אגענץ" דאַרפן איינגעלאַדן ווערן פאָרשטייער פון אָרגאַניזאציעס, וועלכע אינ־טערעסירן זיך, אָדער וועלכע מ'קען פאַר־אינטערעסירן מיטן אויפבוי פון ארץ־ישראל".

די דאָזיגע רעזאָלוציע האָבן פארטיידיגט די אַמעריקאַנער ציו־ניסטישע פירער: לואי ליפסקי, אב. גאָלדבערג און מ. ראָטנבערג, פּראָפ. ווייצמאַן אַליין האָט דערקלערט, אז דער באַשלוס אַנטשפּרעכט אינגאנצן זיינע אָנשויאונגען און ער וועט אים פארטיידיגן. קעגן דעם באַשלוס איז ארויסגעטראָטן א קליי־נע מינדערהייט מיטן אַדוו. ש. שאָמער בראש, וועלכע האָט געפאָדערט צונויפרופן דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, און ביז דער צייט זאָל די ציוניסטישע אָרגאַניזאציע דערפילן די פליכטן פון דער „יידישער אַגענץ". מיט אַ מערהייט פון 154 קעגן 10 זיינען אָבער די פּראַפּאָזעלס פון דער אדמיניסטראציע אָנגענומען געוואָרן.

ס'איז אינטערעסאַנט אָנצוצייכענען, אז קעגן ווייצמאַנס קאָנצעפּציע איז מיט א גרויסער רעדע ארויסגעטראָטן ד"ר שמריהו לעווין, וועלכער האָט געפאָדערט אַ־אייניקייט די גאַנצקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אויסגעדריקט זיי־נע גרויסע ספקות, צי וועט ווייצמאַן מיט זיין פּלאַן צוציען נייע כוחות צו דעם אויפבוי־ווערק.

אין וואָס באַשטייט דער נייער פאַרברייטערונגס־פּלאַן לויט די באַלטימאָרער באַשלוסן? געוויס אין דעם, וואָס די „פּראַפּאָזעלס" רעדן וועגן יידישן וועלט־קאָנגרעס ווי וועגן א צוקונפטס־מוזיק, די

*) רעזאָלוציעס. **) צענטראַל־קאָמיטעט.

ציוניסטישע אָרגאניזאציע, ווי זי איז, דאַרף ניט און קען ניט זיין די „יידישע אַגענץ", די „יידישע אַגענץ" דאַרף מען איצט אָרגאניזירן, שאפן; די אָרגאניזירונג פון דער אַגענץ דאַרף פאָרקומען תּכף ומיד; כדי זי צו אָרגאניזירן, דאַרף מען איינלאדן פריהער פאָרשטייערס פון אָרגאניזאציעס, וועלכע אינטערעסירן זיך אָדער וועלכע מ'קען פאַר־אינטערעסירן מיטן א"י־אויפבוי — דאָס אלץ דאַרף מאָן די עקזע־קוטיווע אויפן יסוד פון א באפולמעכטיגונג לויט איר איינענעם איינזען. קיין שום תּנאים ניט, קיין שום באַוואָרענישן ניט. דער ציוני־סטישער קאָנגרעס, די העכסטע אינסטאַנץ האָט אין דער פראגע גאָרניט וואָס צו זאָגן, די עקזעקוטיווע באקומט א carte blanche. דער איינציגער תּנאי איז נאָר, אז די עקזעקוטיווע זאָל עס דערפילן ת כ ף ו מ י ד, אויף קיין שום שטערונגען מצד די ציוניסטן ווען זי אין דער דאָזיגער ארבעט ניט אָנטרעפן. מ. ק ל יי נ מ א ן, דער רעדאַקטאָר פון אָפיציעלן „העולם", שטעלט אין שייכות מיט דעם פּעסט,*) אז אויב, למשל, די עקזעקוטיווע וואָלט איר באַפול־מעכטיגונג אויסגענוצט, כדי איבערצוגעבן די רעכט פון דער „יידי־שער אַגענץ" אויף שמענדיג מענשן פון נאָס, און די ציוניסטישע אָרגאניזאציע וואָלט אין דער „אַגענץ" געהאַט די קלענסטע דעה, וואָלט דאָך די עקזעקוטיווע געווען אין אָרדנונג, וואָרום די סתּם באַפולמעכטיגונג וואָלט איר האַנדלונג בארעכטיגט.

אָבער דר. ווייצמאן האָט אין זיין רעדע יע געשטעלט באדינ־גונגען, וועלכע זאָלן פארזיכערן דער ציוניסטישער פארטרעטונג אין דער ניי־אָרגאניזירטער „אגענץ" א העלפט ערטער, און וועלכע זאָלן ניט פאָדערן פון די ציוניסטן מותּר זיין אפילו אויף א קוצו של יוד פון זייער פראגראם. דר. ווייצמאן קלערט ווידער פון דער אַנדער זייט אויף, אז ער מיינט איינלאדן אין דער „יידישער אַגענץ" די מענשן, פון וועלכע מ'קען האָפן צו באקומען די גרויסע מיטלען, וואָס זיינען נויטיג פארן א"י־אויפבוי. ווען דער יידישער פאָלק האָט זיין חוב ניט דערפילט, גייט ווייצמאַן ארויף אויף א נייעם וועג, אויף וועלכן ער וויל זיך פארבינדן מיט די „ראטשילדס", מיט די יידן, וועלכע מ'מעסט אויף דער וואָג פון גאָלד.

---

*) מ. קליינמן: „בלטימור—ורשה—דרזדן" („העולם", כ"ד, כ"ב תּמוז תּרפ"ג).

אַמ דער גאנצער פּלאַן פון פאַרבּרייטערן די „יידישע אַגענץ" קען אָנגערופן ווערן „דער פּלאַן פון דר. ווייצמאַן", ווייל פּרעזי־דענט ווייצמאַן האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבּע דורכצוזעצן אים אויפן נאַנטסטן ציוניסטישן קאָנגרעס. ווייצמאַן האָט בכן גערעכנט רעכנען אויף דער פולקאָמער אונטערשטיצונג מצד די אַמעריקאַ־נער דעלעגאַטן אויפן קאָנגרעס.

אין דערזעלבער צייט, ווען ס'איז פאָרגעקומען די באַלטי־מאָרער קאָנפערענץ, זיינען אין אייראָפּאַ אָפּגעהאַלטן געוואָרן צו־זאַמענפאָרן פון די צוויי גרעסטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אויפן קאָנטינענט: אין פּוילן און דייטשלאַנד. זיי זיינען אויך בלי ספק געווען א פאָרשפּיל פאַרן XIII קאָנגרעס, און גאַנץ מערקווירדיג, אַז זייערע באַשלוסן אונטערשיידן זיך ניט קיין סך פון די באַלטי־מאָרער פּראָפּאָזעלס.

אויף דער קאָנפערענץ פון די דייטשע ציוניסטן אין דרעזדן איז נאָך א לאַנגער און שטורמישער דעבּאַטע באַשלאָסן געוואָרן: „האַלטנדיג, אַז די נויטווענדיגקייט פון פאַרשנעלערן דעם א"י־אויפבּוי פאָדערט דאָס פאַרשטאַרקן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און — וואָס עס קען דעם אויפבּוי־ווערק א סך פאַרלייכטערן — אויך דאָס צוציען צו דער אַרבּעט אַזעלכע נים־ציוניסטישע קרייזן, וועלכע ווילן מיטהעלפן אין דער אויפריכטונג פון דער נאַציאָנאַלער היים, דאַרפן די ציוניסטן פון דייטשלאַנד אויפן קאָנגרעס אונטער־שטיצן די פאָדערונג, אַז די „יידישע אַגענץ" זאָל פאַרבּרייטערט ווערן דורכן צוציען אַנדערע יידישע קרייזן אויף אַזאַ וועג, אַז צו דער „אַגענץ" זאָלן צושטיין פאָרשטייער פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט, אָדער וועלכע מ'קען פאַראינ־טערעסירן מיטן א"י־אויפבּוי".

די דאָזיגע רעזאָלוציע דערמאָנט שוין גאָרניט דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, נאָר פאָדערט פאַרבּרייטערן די „יידישע אַגענץ" דורכן צוציען נים־ציוניסטישע קרייזן. מיט דאָס צווייטע אונטערשיידעט זי זיך טאַקע פון די באַלטימאָרער באַשלוסן. פון דער דרעזדענער רעזאָלוציע דרינגט בפירוש ארויס, אַז די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע איז דער קערן און הויפּט־טייל פון דער „יידישער אַגענץ", אַז ערשט צו איר דאַרף מען צוציען

די נים־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. אַלזאָ נים ווי אין באַלטימאָר ערשט אָנהויבן אָרגאַניזירן די „יידישע אַגענץ". פון דער צווייטער זיים פאָדערן די דייטשע ציוניסטן, אז די „שותּפים" זאָלן וועלן מיטהעלפן אין דעם אויפשטעל פון דער יידישער היים. דאָס איז א וויכטיגער תּנאי, וועלכן מיר געפינען נים אין די פראַפאַזעלס. אָבער א חוצדעם אַנטשפּרעכן די דייטשע רעזאָלוציעס כמעט אינ־גאַנצן דעם פּרינציפּ פון פאַרברייטערן די „יידישע אַגענץ", ווי ער איז פאָרמולירט געוואָרן אין באַלטימאָר.

ס'איז לסוף כדאי צוצוגעבן, אז די דרעזדענער רעזאָלוציע איז נים אָנגענומען געוואָרן מיט קיין גאָר גרויסער מערהייט, 61 האָבן געשטימט פאַר איר ביי 28 קעגן און 27 אָפּגעהאַלטענע. די קעגנערס האָבן געפאָדערט באשליסן, אז די ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציע זאָל פאַרבלייבן די „יידישע אַגענץ". צווישן זיי זיינען געווען פיל אָנפירנדע ציוניסטן פון דייטשלאַנד.

אין די זעלבע טעג, ווען ס'איז פאָרגעקומען אין באַלטימאָר די אַמעריקאַנער ציוניסטישע „קאָנווענשאָן", איז אין וואַרשע פאָר־געקומען דער 6־טער ציוניסטישער לאַנדעס־צוזאַמענפאָר פון פּוילן. דער דאָזיגער צוזאַמענפאָר אונטערשיידעט זיך פון די צוויי שוין דערמאָנטע קאָנפערענצן מיט דעם, וואָס ער איז געווען בלי ספק א מיניאַטור פון דעם אין צוויי מאָנאַט שפּעטער פאָרגעקומענעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד. דער פּראָבלעם, ווי זאָל צו־זאַמענגעשטעלט ווערן די „יידישע אַגענץ", איז געווען די הויפּט־טעמע פון דער דעבאַטע. און די דעבאַטע איז געווען אומגעהויער שטורמיש. עס האָבן זיך געבילדעט צוויי גלייכע לאַגערן פון אָנ־הייננער און קעגנער פון פאַרברייטערונגס־פּלאַן. דער קאַמף צווישן זיי איז געווען זייער א העפטיגער און האָט זיך געענדיגט העכסט דראַמאַטיש.

די ראשי־המדברים מצד די אָנהייננער פון פאַרברייטערונגס־פּלאַן זיינען געווען ד ר. י. ג אָ ט ל י ב און ל. ל ע ו ו י־ט ע. דר. גאָטליב גייט אַרויס פון שטאַנדפּונקט, אז די ציוניסטי־שע אָרגאַניזאַציע איז אַריינגעטראָטן אין א נייער תּקופה פון אַר־בעט, זי געפינט זיך שוין נים אין דער תּקופה פון פּיאָנערנטום, נאָר אין א תּקופה, אין וועלכער עס בויט זיך אַ לאַנד, און נים

ווען מען דאַרף ערשט בויען. די ציוניסטן האָבן געווירטשאַפטעט אין א"י אָן א סיסטעם, פּונקט ווי מען ווירטשאַפט אין א צייט פון בהלה. איצט מוז זיך אָנהויבן א גרויסצוגיגע ארבעט. די פּראַק-טיק האָט באוויזן, אז מען קען ניט שאַפן די נויטיגע געלט אויס-שליסלאַך דורך דעם „קרן-היסוד". דאַריבער „צי מיר ווילן, צי ניט, פירט עס דערצו, אז מען זאָל שאַפן א קאָנטאַקט מיט די יידן, וועלכע זיינען גרייט צו ארבעטן פאַר א"י און וועלכע זיינען אפילו ניט קיין ציוניסטן. עס איז מעגלאַך, אז עס וועלן געשאַפן ווערן אין אַמעריקע עטלאַכע געזעלשאַפטן מיט גרעסערע קאַפּיטאַלן פאַרן אויפבוי פון א"י, אָבער די געזעלשאַפטן וועלן קענען פאָדערן איי-ניגע ערטער אין דער „יידישער אַגענץ", מען דאַרף פאַר די דאָ-זיגע ניט-ציוניסטן ניט מורא האָבן, ווייל נאָך א קורצער צייט וועלן די פּערזאָנען ווערן גוטע ציוניסטן. זיי וועלן זיך מיט אונז אַסי-מילירן*)".

ל. לעווינטע האָט אין זיין פאַרטיידיגונגס-רעדע פון פאַר-ברייטערונגס-פּלאַן געגאַנגען נאָך ווייטער. ער האַלט, אז „די ציוני-ניסטישע אָרגאַניזאַציע איז ניט בכח דורכצופירן די פאַרווירקלאַכונג פון דער נאַציאָנאַלער היים; זי דאַרף זיך באַמיען צוציען צו דער אויפבוי-ארבעט אַנדערע פאַקטאָרן פון דער יידישער געזעלשאַפט. דעם אַלוועלטלאַכן יידישן קאָנגרעס קען מען ביי היינטיגע באַדינ-גונגען ניט צונויפרופן. מיר מוזן אלזאָ איינגיין אויף קאָמפּראָמיסן. צו אונז האָט מען ניט קיין צוטרוי. מיר האָבן גאָרניט אויפגעטאָן אויפן פינאַנסיעלן, ווירטשאַפטלאַכן און קולטורעלן געביט. אין דער הינזיכט האָבן מיר באַנקראָטירט. מיר זיינען ניט פייאיג צו קיין פינאַנסיעלער טעטיגקייט. אָבער לואי מאַרשאַל איז דערצו פייאיג. ס'איז מער ווי זיכער, אז די מאַרשאַלן וועלן יע געבן געלט, פאַר די געלט מוזן מיר זיי געבן די מעגלאַכקייט צו האָבן א שטיקל דעה*)".

דאָס זיינען געווען די מאָטיוון, די ארגומענטן, באמת דע-פּעטיסטישע, פון די אָנהייגנער פון פאַרברייטערונגס-פּלאַן. פאַר-גלייכנדיג זייערע רעדעס, דערהויפּט די פון ל. לעווינטע, מיט ווייצ-

---

*) דער 6-טער ציונ. לאַנד-צוזאַמענפאָר אין פּוילן. געגוויער. באַריכט. ווארשע תרפ"ד.

מאַנס רעדע אין באַלטימאָר, וועלן מיר באמערקן איין און דעם זעלבן טאָן. די ציוניסטישע אָרגאניזאציע איז נים בכח, זי וועט זיך צוזאמענברעכן, מען מוז צוציען די נים־ציוניסטן.

קעגן דער אויפפאסונג פון פארברייטערונגס־פראבלעם, קעגן די דעפעטיסטישע שטימען זיינען שארף ארויסגעטראטן י צ ח ק ג ר י נ ב ו י ם (זיין שטאנדפונקט וועלן מיר גענוי איבערגעבן שפעטער), ד ר. מ. ק ל ו מ ע ל, א. פ אַ ד ל י ש ע ו ו ס ק י, א. ה אַ ר ט ג ל א ס, די אַנדערע אויף דעם צוזאמענפאָר געסט ד ר. י. ט ה אָ ן, ד ר. מ אָ ס ע נ ז אָ ן פ ו ן א"י און פיל אַנדערע. זיי אַלע האָבן אָנגעוויזן אויף דער גרויסער סכנה פאר דער ציוניסטישער באוועגונג און אָרגאניזאציע, וואָס עס טראגט מיט זיך די פארברייטערונגס־אידייע, אויף דעם, אז עס וועט נים געלינגען געווינען פיל נייע כוחות, און אז די, וועלכע וועלן קומען, וועלן קיין געלט נים געבן און וועלן נאָר א דעה זאָגן.

טראָץ דעם אַלעמען איז נאָך א שטורמישער דיסקוסיע און א נאָמענטלאכער אָפשטימונג אָנגענומען געוואָרן מיט א מערהייט פון 66 שטימען קעגן 51 די מערהייטס־קאָמפראמיס־רעזאָלוציע, וועלכע זאָגט, אז „די צוקונפטיגע עקזעקוטיווע פון דער אלוועלטלאכער ציונ. אָרגאניזאציע זאָל ב אַ פ ו ל מ ע כ ט י ג ט ווערן דורכן XIII ציוניסטישן קאָנגרעס צ ו ש אַ פ ן ד י „י י ד י ש ע א ג ע נ ץ" אויף אזא אופן, אז עס זאָל דערמעגלאכט ווערן דער אריינטרים אין דער „יידישער אַגענץ" פון פ א ר ט ר ע ט ע ר פ ו ן ד י ג ר ע ס ע ר ע י י ד י ש ע ק ב ו צ י ם אין די באזונדערע לענדער און פ ו ן ד י ו ו י כ ט י ג ס ט ע א ל־ ו ו ע ל ט ל א כ ע י י ד י ש ע אָ ר ג א נ י ז א צ י ע ס. נאָך דער קאָנסטיטואירונג פון דער „יידישער אַגענץ" דאַרף צונויפגע־ רופן ווערן דער יידישער אַלוועלטלאכער קאָנגרעס, פאר וועלכן די „י י ד י ש ע א נ ע נ ץ" ו ו ע ט ז י י ן פ א ר א נ ט ו ו אָ ר ט־ ל אַ ך".

די מינדערהייטס־רעזאָלוציע פון י. גרינבוים, וועלכע איז גע־ זוען אונטערשטיצט דורך דער אויפן צוזאמענפאָר אנטשטאַנענער גרופע „על המשמר", האָט געפאָדערט, אז די „יידישע אַגענץ" זאָל זיין פאראַנטוואָרטלאך פאר א פאָרשטייערשאפט פון גאנצן יידישן

פאָלק. אלס אזא פאָרשטייערשאפט קען באטראכט ווערן א יידישער וועלט־קאָנגרעס, וואָס קען דערווייל פארבימן ווערן דורך א פאָר־שטייערשאפט צוזאמענגעשטעלט פון געוויילטע און פאראַנטוואָרט־לאכע פארטרעטער פון באזונדערע יידישע קבוצים.

נאָכן אָננעמען די מערהייטס־רעזאָלוציע האָט די גרופּע „על המשמר" אַלס צייכן פון פראטעסט געזונגען „התקוה". דער פארזיי־צער פון צ. ק. דר. מ. קלומעל און דער וויצע־פארזיצער י. גרינבוים האָבן גלייך אָפּגעגעבן דערקלערונגען, אז זיי לייגן זייערע מאַנדאַטן אַלס מיטגלידער פון צ. ק.־פּרעזידיום. דער גענעראל־סעקרעטאַר דר. ליפשיץ האָט זיך באלד אָנגעגעבן אין דעמיסיע. די אינסטרוקטאָרן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע פּאָסטנס, ווייל די אָנשויאונגען פון דער מערהייט האָבן זיך געענדערט, און זיי קענען נים אַרבעטן קעגן זייער געוויסן. די גאנצע ביוראָ האָט זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע. אויפן צוזאמענפאָר האָט עס געמאַכט אן ערשיטערנדיגן איינדרוק. נאָך א ריי פאָרמאליטעטן איז די ערשטע סעסיע פון 6־טן צוזאמענ־פאָר געשלאָסן געוואָרן.

די דאָזיגע החלטות פון 6־טן ציוניסטישן צוזאמענפאָר אין פּוילן האָבן געבראַכט פאר דער פּוילישער ציוניסטישער אָרגאני־זאציע שווערע קאָנסעקווענצן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אָרגא־ניזאציאָנעלער קריזיס פון ציוניזם אין פּוילן, וואָס דויערט נאָך ביז היינטיגן טאָג.

די וואַרשעווער באשלוסן זיינען נאָנט אין גייסט, הגם ווייט אין ווערטער, צו די באַלטימאָרער „פּראָפּאזעלס". עס מערקט זיך אין זיי די השפּעה פון דער שטאַרקער אָפּאָזיציע. דער גרונט־געדאַנק איז דערזעלבער: די עקזעקוטיווע ווערט באפולמעכטיגט צו שאפן די „יידישע אַגענץ", אָבער אין די וואַרשעווער באשלוסן ווערט צוגע־געבן, אז אין דער „אַגענץ" דארפן אריינגיין פארטרעטער פון די גרעסערע יידישע קבוצים און וויכטיגע אַלוועלטלאכע יידישע אָרגאניזאציעס. דערביי ווערט צום סוף דייטלאך געזאָגט, אז די „יידישע אַגענץ" וועט זיין פאראַנטוואָרטלאך פאר א יידישן וועלט־קאָנגרעס, וועלכער דאַרף צונויפגערופן ווערן נאָך דער קאָנסטיטו־אירונג פון דער „יידישער אגענץ". דאָס זיינען וויכטיגע מאָמענטן. עס איז אָבער א ספק, צי אלע פון די 66 וואָלטן זיך איינגעקשנט

ביי די דאָזיגע פאָדערונגען, ווען מען וואָלט זיי ניט געוואָלט רעאַ־ליזירן. און דאַריבער איז דער גייסט פון באַלטימאָר דאָמינירנד אין די וואַרשעווער באַשלוסן, און ווייצמאַן האָט געקענט רעכנען אויף א גענצלאכער אונטערשטיצונג מצד דער קליינער מערהייט פון דער פוילישער אָרגאַניזאַציע.

דער 6־טער צוזאַמענפאָר ווייזט אונז אָבער פון דער צווייטער זייט, אז אין דער פוילישער אָרגאַניזאַציע איז די אָפּאָזיציע קעגן פאַרבּרייטערונגס־פּלאַן געוואָרן די שטאַרקסטע און געהאַט אין אירע רייען די בעסטע זין פון פוילישן ציוניזם. דער פירער פון דער דאָ־זיגער אָפּאָזיציע י צ ח ק ג ר י נ ב ו י ם האָט שוין אויפן צו־זאַמענפאָר און נאָך אים אין א ריי אַרטיקלען באַקעמפט דעם פאַר־ברייטערונגס־פּלאַן אין זיין גאַנצן פאַרנעם, ווי ווייצמאַן האָט אים פאַרשטאַנען, און ביזן קאָנגרעס האָט ער שוין געשאַפן און פאָרמו־לירט דעם באַזיס פון דער אָפּאָזיציע, וועלכער ער איז טריי און קאָנ־סעקווענט פאַרבליבן ביז דער לעצטער מינוט. צוליב דעם וועלן מיר איצט אַריבערגיין צו די מאָטיוון, צוליב וועלכע גרינבוים האָט אין זיינע אַרטיקלען זיך קעגנגעשטעלט דעם פאַרברייטערונגס־געדאַנק.

„דער עיקר — הויבּט אָן גרינבוים אין זיין ערשטן אַרטיקל*) — ליגט אין אונזער פאַרהעלטניסמעסיג פ י נ א נ ס י ע ל ע ר ש וו א כ ק י י ט, אין דעם, וואָס די מיטלען, זיי זיינען געווים גאַנץ באַדייטנד, זיי קלעקן אָבער ניט פאַר אונזער אַרבּעט, און מיר מוזן פאַרקלענערן אונזערע בודזשעטן, אָנשטאָט זיי צו פאַרגרעסערן". דערפון איז לויט גרינבוימס מיינונג געדרונגען, אז „מען מוז אַלץ און אַלע שטעלן אין דינסט פון דער אַרבּעט, מען מוז פאַרשטאַרקן, פאַרפולקאָמען דעם אַפּאַראַט, וואָס זאַמלט די מיטלען...

ליידער איז עס ניט אזוי. מען איז אומצופרידן מיט די דער־פאָלגן פון דער אַרבּעט, זוכט מען די סבה ניט אין דער קנאַפּער ענערגיע, וועלכע מען אַנטוויקלט, נאָר נאָר אין אַנדערע זאַכן. און אז מען זוכט, געפינט מען געוויינלאך, וואָרום קודם כל וויל מען דאָך פאַרדעקן די אייגענע אומפעיאינקייט, די אייגענע אָפּגעלאָזנ־קייט און ענטוישונג...

---

*) „וואָס איז דער עיקר?" אין „חבלי־גאולה" ז. 8—4.

און מען זאָגט נאָך, אז עס וועלן קיינמאָל ניט זיין גענוג מיט־לען, ווען מיר וועלן אָפּווענדן אונזערע אויגן פון די, וואָס האָבן די מעגלאַכקייט צו „סאַנירן" מיט איינמאָל אונזערע פינאַנסן. די דאָ־זיגע מענשן זיינען גרייט אויף אַלץ, כדי צוציען דעם אָדער יענעם געלט־מענש, פון וועלכן זיי זאָגן זיך צו די גרעסטע גליקן. זיי האָבן זיך ע נ ט ו י ש ט אין די מאַסן און אין זייערע לייסטונגען און ווענדן זייער בליק צו די איינצלנע גדולים, וועלכע מען מוז געווינען פאַר יעדן פרייז.

און ניט נאָר פאַר דער באַוועגונג געווינען נאָר פאַר ארץ־ישראל, פאַר דער אויפבוי־אַרבעט אין איר. די באַוועגונג מיט אירע אינטערעסן דאַרף געבראַכט ווערן אלס קרבן אויפן מזבח פון די געלט־באַדערפנישן. דווקא דעם דאָזיגן אָפּפער מאָר מען ניט ברייננגען. עס גייט דאָ ניט ווען די איינצלנע, גרויסע יידן, וועלכע מען דאַרף צו־ציען, נאָר ווען זייער פ א ר א נ ט וו אָ ר ט ל א כ ק יי ט. דער עיקר איז, צי ווילן זיי זיין פאַראַנטוואָרטלאַך און פאַר וועמען? אויב מען וועט ניט קענען קאָנסטרואירן זייער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר א פאָלקס־פאַרטרעטונג, וועלן מיר בלויז שאַפן א באָדן פאַר אינער־לאַכע קאָנפליקטן צווישן דער באַוועגונג און אירע טענדענצן, פאַר וועלכע עס וועלן פאַראַנטוואָרטלאַך זיין די ציוניסטישע מיטגלידער, און צווישן אומפאַראַנטוואָרטלאַכע גדולים. און אזא קאָנפליקט וועט צושטערן דעם גאַנצן בנין, סיידן מיר וועלן בכלל פאַרציכטן אויף דער באַוועגונג צוליב דער אויפבוי־אַרבעט אין א"י. דאַן אָבער וועלן מיר באַקומען א אינסטיטוציע פון דעם יק"א־טיפּ, און עס איז א גרויסע פראַגע, צי אזא אינסטיטוציע, ניט געשטיצט אויף אַ באַוועגונג, וועט קענען עפּעס אויפטאָן גרויסעס אין א"י. און איבעריגנס, דורך דער באַוועגונג ריכטן מיר אויף דעם פאָלק, אָרגאַניזירן אים און קאָנסאָ־לידירן, און פאַרציכטן דערויף וואָלט געהייסן, פאַרציכטן אויף אַלץ".

אָן דער באַוועגנג איז א גרויסער ספק, צי דער ציל פון דער פאַרברייטערונג וועט דערגרייכט ווערן, אָבער „מיט דער באַוועגונג וועלן מיר האָבן אויך דעם פאָלק און שאַנסן צו געווינען סוף כל סוף אפילו די גרויס־יידן, וועלכע ווילן זיך נאָך ניט אונטערוואַרפן דער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר אים... נאָך געדולד, אויסדויער און עקשנות! און ניט פאַרגעסן, אז דער עיקר איז — פאַרגרעסערן,

פאַרשטאַרקן אונזער ענערגיע און אָפּפערווילינקייט, כדי ארויסצו-
באַקומען פון פאָלק די נויטיגע כוחות און מיטלען פאַר אונזער
אַרבעט".

פון דעם זעען מיר שוין דעם אָנהויב פון געדאַנקען-גאַנג פון
יצחק גרינבוים אויפן וועג פון דער קעגנערשאַפט צום פאַרברייטע-
רונגס-פלאַן. פון דער זעלבער סבה, מאַנגל אין געלט-מיטלען פאַרן
אויפבוי-ווערק, קומט ער צום אויספיר, אז מען דאַרף די אַרבעט,
וועלכע איז פאַרבונדן מיטן שאַפן די געלט-מיטלען, פאַרשטאַרקן,
מען וועט דאַמאָלס געווים מער באַקומען. אָבער מען טאָר ניט פאַר-
לירן דעם גלויבן אין פאָלק און וועלן אים, דעם פאָלק, פאַרבייטן
אויף די געלט-יידן, וועלכע ווילן פאַר קיינעם ניט זיין פאַראַנט-
וואָרטלאַך. אויב אָבער די צוציאונג וועט געשען, ווייזט גרינבוים
אָן, צו וואָס פאַר א קאָנסעקווענצן דאָס וועט דערברייינגען. די ציו-
ניסטישע באַוועגונג וועט זיין די כפרה. דעם אָרט פון א פאָלקס-
באַוועגונג, פון א אויפלעבונגס-באַוועגונג וועט פאַרנעמען א קאָלאָני-
זאַטאָרישע אונטערנעמונג. די אויפבוי-אַרבעט אין א"י וועט פון דעם
ניט געווינען נאָר פאַרלירן.

ווען שפּעטער איז ווייצמאַן געקומען מיט זיין פאַרברייטערונגס-
פלאַן, מיט זיין רעדע אין באַלטימאָר טרעט שאַרף קעגן אים ארויס
גרינבוים, דער זעלבער וואָס האָט ווייצמאַנען ביזאַהער אונטער-
שטיצט, און שרייבט זיין אָפענעם בריף צום ה' פּרעזידענט ווייצ-
מאַן*), אין וועלכן ער באַשולדיגט דעם פּרעזידענט פון דער אָרגאַ-
ניזאַציע, אז ער האָט ניט אויסגעהאַלטן, אז די שווערע, אומדער-
טרעגלאַכע משא פון דער אָנפירונג מיט דער ציוניסטישער באַווע-
גונג האָט אים געבראַכן, און רופט אָן ווייצמאַנס פלאַן א פּראַצעס
פון קאַפּיטולאַציע פאַר די קעגנער, א פּראַצעס, וואָס פירט צו דער
ליקווידאַציע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. און אויף ווייצ-
מאַנס רעדע אין באַלטימאָר ענטפערט גרינבוים**), אז אויב דער
פאָלק טוט ניט דאָס, וואָס ער וואָלט באַדאַרפט טאָן, דאַן הייסט עס,
אז „ער איז נאָך ניט רייף, טאָ מוז מען אים רייף מאַכן, טאָ מוז

*) ibidem ז. 21-25.
**) ibidem ז. 26-29.

מען וועקן אין אים די כוחות, וואָס שלאָפן נאָך, מאָ מוז מען אים אויפפרייסלען, מאָ מוז מען געפינען נאָך מעכטיגערע מיטלען, ווי די, מיט וועלכע מיר האָבן אים ביז איצט געוועקט. די ציוניסטי־שע אַרמיי רייכט ניט אויס, מען מוז באקומען נייע הילפס־כוחות — מאָ מוז מען זיי אויסגעפינען און אָרגאַניזירן, מוז מען געבן די מעג־לאכקייט צו שיקן זייערע פארטרעטער אין דער „יידישער אַגענץ", כדי זיי צוציען, כדי זיי פארכאַפּן און איינשפאַנען אין דער אויפריכ־טונגס־ארבעט אין א"י. אָבער זיי — די פ אָ ל ק ס ־ מ אַ ס ן און ניט די מעכטיגע און רייכע קאָמיטעטן, וואָס שטייען ווייט פון פאָלק און ווילן פאר אים ניט טראָגן קיין פאראַנטוואָרטלאכקייט"...

אין קעגנפאל „וועט מען אָפּשטויסן די פאָלקס־מאַסן, וועט מען אויסלעשן דעם פייער פון התלהבות, אָפּשוואַכן די ענערגיע פון אלע די, וואָס וועקן דעם פאָלק, וואָס אָרגאַניזירן אים, וואָס מאָביליזירן זיינע כוחות, שוין דערפאר, ווייל זיי הערן אויף צו זיין בעלי־בתּים פון דער אויפבוי־ארבעט, וואָס ווערט באַהערשט פון פרעמדע ביז איצט קעגנערישע און אין בעסטן פאל גלייכגילטיגע כוחות".

די פארברייטערונג פון דער אַגענץ קען דאַריבער, ווי גרינבוים האַלט, פארקומען נאָר דורכן געווינען און צוציען די ברייטסטע פאָלקס־מאסן. פון דעם איז שוין ניט וויט צו קומען צום געדאַנק פון א וו ע ל ט ־ ק אָ נ ג ר ע ס, וועלכן גרינבוים האָט פארטיידיגט. וואָס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן נאָכדעם ווי דער לאָזונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס איז דורך די ציוניסטן געוואָרפן געוואָרן אויף דער יידישער גאס? „ס'איז פשוט קלאָר געוואָרן, אז ס'איז אויף דער יידישער גאס לחלוטין ניט פאראן קיין בעלנים אויף צו זיין פאר־טראטן אין דער „יידישער אַגענץ", קיינער וויל זי ניט ארויסנעמען פון די ציוניסטישע הענט, אדרבה, די שטימונג פון די ברייטע מאַסן איז פאר די ציוניסטן: „זאָל זיך די יידישע אַגענץ בלייבן ביי זיי". און די ניט־ציוניסטן — זיי דאַרף מען בעטן און איבערצייגן, אז זיי זאָלן באַווילינן אָנטיילצונעמען אין דער „אַגענץ".*)

ווען עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, אז ס'איז נאָך ניט געקומען די צייט פאר א יידישן וועלט־קאָנגרעס און עס איז געשאפן

*) ibidem .ז .43

געוואָרן דער פּראָיעקט פון א געמישטער „אַגענץ", איז שאַרף קעגן דעם ארויסגעטראָטן גרינבוים און געפאָדערט*), אז „אויב עס איז איצט אוממעגלאָך צו שאַפן אזא פארשטייערשאַפט, ווי דער יידישער וועלט־קאָנגרעס, וואָס זאָל וועלן און האָבן די רעכט צו רעדן אין נאָ־מען פון גאנצן יידישן פאָלק, מוז מען וואַרטן, פאַר־שפּרייטן דעם געדאַנק צווישן פאָלק ביז ער וועט זיגן, אָדער העכסטנס איבערטראָגן דעם שווערפּונקט אין די איינצלנע לענדער און פרובן דאָרט בילדן די פאַר־שטייערשאַפטן, וואָס זאָלן זיך דערנאָך צונויפגיסן צו איין פאָלקס־פאַרטרעטונג, פאַר וועלכע די „יידישע אַגענץ" וועט זיין פאַראַנט־וואָרטלאַך".

דאָס איז געווען דער אויסוועג, וועלכן גרינבוים האָט געהאַלטן פאַרן איינציקן מעגלאַכן און וועלכן ער האָט קעגנגעשטעלט דעם פאַרבּרייטערונגס־פּלאַן פון דר. ווייצמאַן. אויף דעם וועג וואָלט מען געקענט קומען סוף כל סוף צו א וועלט־קאָנגרעס. דר. ווייצמאַן לייגט וואָס אן אמת אויך אָפּ דעם וועלט־קאָנגרעס אויף שפּעטער, דערוייל וויל ער שאַפן די פאַרבּרייטערטע אַגענץ, ווי ער פאַרשטייט איר. גרינבוים ווייזט אָבער אויף, אז ווייצמאַנס פּלאַן וועט קיינמאָל ניט דערבּרייינגען צו א וועלט־קאָנגרעס, ווייל „די, וועלכע מיר ווילן צוציען וועלן ניט איינשטימען צונויפרופן צוזאַמען מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס און אויך ניט איינגיין דערויף, אז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל דער קאָנגרעס צונויפ־רופן, ווייל דאַן וועט דאָך די פראַגע פון פאַראַנטוואָרטונג פאַרן קאָנ־גרעס געשטעלט ווערן שוין גאר שאַרף און קאָנקרעט". דער יידישער אַלוועלטלאַכער קאָנגרעס וועט אזוי ארום קיינמאָל ניט צושטאַנד קומען. פון דעם קומט גרינבוים צו דער מסקנא, אַז די קאָנצעפּציע פון א געמישטער און אומפאַראַנטוואָרטלאַכער יידישער אַגענץ איז א קאַפּיטולאַציע פון ציוניזם און ניט קיין עקספּאַנסיע, ווי עס מיינען אנדערע.

ווייטער שטעלט גרינבוים אונטער א פראַגע־צייכן די צוועק־מעסיגקייט פון דער פאַרבּרייטערונג, ווי ווייצמאַן וויל איר דורכפירן.

*) ibidem ז. 13-16.

ער פרעגט אין א פּאָלעמישן ארטיקל*), „צי טראכטן די וואָרט־פי־רער פון די נייע פּלענער וועגן דעם, ווי אזוי צו פארזיכערן זיך, אז קודם כל זאָלן זיך פארגרעסערן די מיטלען? לײדער מוז געזאָגט ווערן, אז ניט. די הערן זײנען גאנץ פּראקטישע מענשן, האָבן די גרעסטע פּאראכטונג צו די „בטלנים״, זיי זײנען אָבער גרויסע בעלי־בטחון. מיר האָבן נאָך ניט געהערט קיין איין וואָרט וועגן דעם, אז מען דאַרף זיך פארזיכערן, אונזערע שותפים זאָלן ארײנלײגן אין עסק ווי־נינסטנס אזוי פיל, וויפל מיר. אויב גלײכע רעכט, טאָ מוזן אויך זײן גלײכע פליכטן. אויב מיר מיט אונזער „קרן־היסוד״, קרן־קימת, מיט אונזערע ביינק טראגן ארײן יערלאך מער ווי א קנאפּן מיליאָן פונט, טאָ דאַרפן דאָך די שותפים, וואָס באקומען א העלפט ערטער אין דער „יידישער אַגענץ״, ארײנטראגן אויך אַזוי פיל. אויב זיי וועלן דאָס ניט געבן, אויב זיי וועלן אונז בלויז מיט די נעמען זייערע פארגרעסערן, אזוי צו זאָגן, און פארשענערן די משפחה, און מיר וועלן מוזן ווייטער זאמלען, טאָ וואָס געווינען מיר דערביי?״

גרינבוים גלויבט ניט, אז אויף דעם וועג וועט מען באַקומען די ריזיגע קאַפּיטאַלן, וואָס זײנען נויטיג פארן אויפבוי פון א״י. מיטן צוציען די ניט־ציוניסטישע פילאַנטראָפּן ברײנגט מען דאַקעגן א גע־וואלדיגע סכנה פארן אויפבוי־ווערק. ווייל גרינבוים איז זיכער, אַז „די פילאנטראפּישע קאַפּיטאַלן, וואָס וועלן גע־געבן ווערן פאר א״י־ארבעט, וועלן קיין מזל־ברכה ניט ארײנבריינ־גען. זיי וועלן דאָך ניט איבערגעגעבן ווערן אונז, מיר זאָלן מיט זיי ארבעטן, ווי עס פארלאַנגען די אינטערעסן פון אויפלעבנדיגן פאָלק און פון דער לאנד, וואָס ווערט אויפגעריכטעט. נאָר צוליב זיי וועלן ארײנגעצויגן ווערן אין דער העכסטער אינסטאַנץ אונזערע מענשן, וועלכע זײנען נאָך ווייניג צוגעבונדן צו אונזער זאך, וועלכע האָבן נאָך אַנדערע צילן און כוונות, וועלכע זײנען קאַלט, פארזיכטיג און סקעפּטיש. אין אונזער ארבעט אין א״י דאַרף מען קודם כל האָבן אמונה, וואָס באוועגט בערג, דאַרף מען האָבן די הייליגע עקשנות, וואָס פליסט פון טיפער שעפּפערישער ליבע צום פאָלק און צום לאנד, וואָס שרעקט זיך ניט אָפּ פאר קיין שום שוועריגקייטן, דאַרף מען

---

*) „זאָל נאָר ניט זײן קיין פּלאָנטער!״, ibidem ז. 13-16.

האָבן די שעפּפעריזשע שוואונגפולע איניציאַטיווע, וואָס קלינגט גע־
ווײנלאַך אין די אויערן פון די אויסנערעכנטע, פון די קאַלטע סקעפּ־
טיקער, וואָס פארשטייען נאָר צו קריכן, אָבער ניט צו פליען, ווי א
נעפּערלאַכע משוגעת". און אויב די דאָזיגע מענשן וועלן זיך געפינען
אין דער לייטונג, פרעגט גרינבוים: „ווער וועט אונז גאַראַנטירן, אַז
זיי וועלן וויסן צו אכטן דעם נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן כ אַ ר אַ ק ט ע ר
פ ו ן ד ע ר א ר ץ ־ י ש ר א ל ־ א ר ב ע ט און אַז מיר וועלן
ניט האָבן מיט זיי קיין סכסוכים, אזוי ווי מיר האָבן געהאַט מיטן
דייטשן הילפס־פאריין פארן קריג? און זאָל אמאָל קומען צו א סכסוך
צווישן זיי און אונז, וואָס וועט ברײנגען צו א סעפּאַראַציע, דאַמאָלס
וועט אונזער שאָדן זיין אומגעהויער גרויס, ניט נאָר אינווייניג, נאָר
אויך כלפּי חוץ"*). די ציוניסטן אָבער וועלן זיין פאַראינטערעסירט,
אַז עס זאָל ניט צופאַלן די „יידישע אַגענץ", וועלכע איז מיט אַזוי
פיל מי און אַזא גרויסן אידייאישן קרבן געשאַפן געוואָרן. דאַקעגן
„דער ניט־ציוניסטישער טייל וועט נאָר ניט זיין אַזוי פאַראינטערע־
סירט אין דער עקזיסטענץ פון דער „אַגענץ", וואָרום ער זעט דאָך
ניט אין דער אויפריכטונג פון א"י דעם „א" און „ת" פון יידישן
נאַציאָנאַלן לעבן. פאר אונז אָבער וועט דאָך ווערן קלאָר, אַז מיר
טאָרן ניט דערלאָזן די ניט־ציוניסטישע שותּפים זאָלן אַוועקגיין, וואָ־
רום דאַן וועלן מיר ניט צוריקבאַקומען די רעכט פון דער „אַגענץ".
און דאַריבער וועלן מיר ביי יעדער פּרינציפּיעלער פראַגע, ביי יעדן
קאָנפליקט, זען דורכקומען, זען נאָכגעבן, טראַכטן קודם כל וועגן
ק אָ מ פּ ר אָ מ י ס ן, אַזוי ווי מיר טראַכטן איצט. דאָס וועט,
פארשטייט זיך, אונז אַלץ ווייטער און ווייטער אַראָפּפירן פון ציו־
ניסטישן וועג, פון אונזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און באַפרייאונג,
און אַריינפירן אין א בלאָטע פון פילאַנטראָפּיע, אין א זומפּ פון א
קאָלאָניזאַטאָרישער אונטערנעמונג, וואָס וועט זיך דערווייטערן פון
פאָלק, אָפּשוואַכן זיין ווילן, אויסלעשן זיין התלהבות"**). אַזוי אַרום
איז „דער פּרייז, וואָס מיר לייגן פאָר די ניט־ציוניסטן פאַר דעם
אַריינגיין אין שותּפות, לגמרי ניט קליין. אין עצם פון דער זאַך איז

---

*) ibidem .ז .45

**) ibidem .ז .34

דאָס דאָך א גענצלאכע קאַפּיטולאציע פון דער ציוניסטישער אָרגאַ=ניזאציע״*).

וואָרום באמת, וואָס וועט ווערן מיט דער ציוניסטישער אָרגאַ=ניזאציע נאָך דער פאַרברייטערונג פון דער אַגענץ?

„מען זאָגט, אז די יידישע אַגענץ וועט זיך באשעפטיגן בלויז מיט דער אויפבוי=ארבעט פון א״י און פאר דער ציוניסטישער אָר=גאניזאציע וועלן נאָך בלייבן א גאנצע ריי אנדערע ארבעטס=געביטן, מיט וועלכע די יידישע אַגענץ וועט זיך ניט באַשעפטיגן. דאָס איז אָבער א גאנץ פאלשע מיינונג. מיר געפינען זיך שוין אין דעם אַנט=וויקלונגס=סטאַדיום פון אונזער אָרגאניזאציע, ווען די ענינים פון דער אַגיטאַציע און אפילו פון דער קולטור=אַרבעט זיינען ניט גענוגנד פאר איר עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג. מיר אַגיטירן דאָך מיט דער הילף פון אונזערע מעשים אין און פאר א״י; מיר אגיטירן דער=מיט, וואָס מיר ווייזן אָן און קלערן אויף די דאָזיגע מעשים; דעם מאטעריאל צו דער אגיטאַציע גיבן אונז שוין ניט די טעאָרעטישע פּראָבלעמען אָדער פּרינציפּן, נאָר אונזער קאָנקרעטע ארבעט; און אויב מיר וועלן ניט פירן קיין פּראקטישע ארבעט, אויב אַנדערע וועלן ארבעטן פּראקטיש אין א״י, וועלן מיר פארלירן די מעגלאכקייט צו פירן אפילו די אגיטאַציע= און פּראפּאַגאנדא=ארבעט, מיר וועלן ניט האָבן מיט וואָס צו קומען און וואָס צו זאָגן די יידישע פאָלקס=מאַסן. און אויב זיי, די מאַסן, וועלן ניט האָבן צו וואָס צו אָרגאניזירן זיך — וועט ניט האָבן קיין צוועק דער קיום פון דער אָרגאניזאציע און אירע אינסטיטוציעס״**).

און נאָך דעם אלעמען קומט גרינבוים צו איין אויספיר: „פאר מיר אונטערליגט ניט קיין שום צווייפל, אז דאָס קאָנסעק=ווענטע דורכפירן פון דאָזיגן פלאַן מוז דערפירן צו דער ליקווידאַציע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע״***).

אזוי האָט נאָך פארן XIII קאָנגרעס יצחק גרינבוים פרעצי=

*) ibidem ז. 44.
**) ididem ז. 47-48.
***) ibidem ז. 48-49.

זירט זיין אָפּאָזיציע קעגן פאַרברייטערונגס־פּלאַן. זי איז געוואָרן דער
יסוד, דער פונדאַמענט פון דער אין די ווייטערדיגע יאָרן אַנטוויקל־
טער קעגנערישער שטעלונג און העפטיגן קאַמף קעגן וויצמאַנס
קאָנצעפּציע צו פאַרברייטערן די יידישע אַגענץ. עס מוז אָבער גע־
זאָגט ווערן, אז גרינבוים איז ניט געווען דער איינציגער, וואָס האָט
נאָך פאַרן XIII קאָנגרעס אזוי שטאַרק באַקעמפט וויצמאַנס פּלאַן.
ניט דערמאָנענדיג די שוין אָנגערופענע אָפּאָזיציעס אין באַלטימאָר,
דרעזדן און וואַרשע, האָט וויצמאַנס פּלאַן ארויסגערופן א גרויסע
קעגנערשאַפט אין די ציוניסטישע רייען, באַזונדערס האָט זי איר
אויסדרוק געפונען אין דער ציוניסטישער פּרעסע. דער אָפיציעלער
אָרגאַן „העולם" האָט אין די לעצטע דריי חדשים פאַרן קאָנגרעס
געבראַכט צום אויסדרוק אין א גאַנצע ריי אַרטיקלען די עפנטלאַכע
ציוניסטישע מיינונג בנוגע די פּראָבלעמען פון XIII קאָנגרעס, דער־
הויפּט בנוגע דער פראַגע פון פאַרברייטערן די יידישע אַגענץ. אזוי
האָבן צוויי עקזעקוטיוו־מיטגלידער, ד"ר מ. סאָלאָוויי־
טשיק*) און ר. ליכטהיים**), נאָך א גענוי־דורכגע־
פירטן אַנאַליז פון דעם גאַנצן פאַרברייטערונגס־פּראָבלעם געקומען
צו דער מסקנא, אז א טעות האָבן די אלע, וואָס רעכנען, אז עס איז
שוין אריבער די צייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אז די
אָנפירונג מיט דער א"י־אַרבעט און די אויפגאַבעס פון דער יידישער
אַגענץ דאַרפן בכן איבערגעגעבן ווערן אין אנדערע הענט. אזא עקס־
פּערימענט וועט זיין נאָר א טויט־קלאַפּ פאַר דער ציוניסטישער אָר־
גאַניזאַציע. נאָר אויב די דערמאָנטע עקזעקוטיוו־מיטגלידער זיינען
אויך שפּעטער פאַרבליבן אין די רייען פון דער אָפּאָזיציע צום פאַר־
ברייטערונגס־פּלאַן, זיינען דאָך געווען פאַרן XIII קאָנגרעס א סך
אזעלכע קעגנערס, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אין די ווייטערדיגע
יאָרן אויפן זייט פון דר. וויצמאַן. אזוי טרעט שאַרף ארויס ד"ר
י. טהאָן***) קעגן פאַרברייטערונגס־געדאַנק, זאָגנדיג, אז

*) „הסוכנות היהודית וקרן־היסוד", „העולם", י"ז, י"ח משנת תרפ"ג.

**) „השאלות העקריות של הקונגרס", „העולם", י"ז, י"ח משנת תרפ"ג.

***) „השאלה הארורה", „העולם", י"ח משנת תרפ"ג.

„מיר קענען און ווילן מיטאַרבעטן מיט אַלע יידן פון דער וועלט, נאָר מיר זאָלן פאַרבלייבן, אויב מ'קען זיך אַזוי אויסדריקן, די בעלי־הבתים". און דאַריבער וואָרנט ער פאַרן צושטערן אָדער אָפּשוואַכן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דורכן צוציען מענשן און אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען פרעמד דעם ציוניזם, וואָס מיינען ניט מער אריינצומרעטן אין דער אַגענץ, כדי צו באַזיצן די מאַכט. אויב אָבער ס'געפינען זיך יע אַזעלכע ניט־ציוניסטן, וואָס האָבן באמת א ריב־טיגע כוונה מיטהעלפן אין א"י־אויפבוי, איז דאָך אויף דעם דאָ דער „קרן־היסוד". „כדי ווידער צו געווינען דעם קאַפּיטאַל פאַר א"י, דאַרף מען פריער געווינען פאַרן ציוניזם די נשמות פון די, וואָס באַזיצן אים".

דער רעדאַקטאָר פון „העולם" מ. קליינמאַן זאָגט זיך אַרויס*) ניט מיט קיין קלענערער קעגנערשאַפט קעגן ווייצמאַנס פאַרברייטערונגס־קאָנצעפּציע. ער אַנאַליזירט דעם גאַנצן פּראָבלעם אין דער טיף און אין דער ברייט, ער באַטראַכט אַלע מינים וועגן פון דער פאַרברייטערונג, ער שטעלט זיך אָפּ אויפן מהות פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אויפן כאַראַקטער פון דער יידישער אַגענץ און קומט צום אויספיר, אַז די פאַרברייטערונג פון דער אגענץ איז עלול נאָר שאַדן ברייננגען דער ציוניסטישער באַוועגונג און דער אויפבוי־אַרבעט אין א"י. און דאַריבער איז ער זיכער, אַז דער XIII קאָנגרעס וועט נעוויס אָפּוואַרפן a limine דעם גאַנצן פאַרברייטערונגס־פּלאַן.

ווען מיר וועלן נאָך לסוף נעמען אין אכט, אַז אויך די פליגל־פראַקציעס אין ציוניזם — די אַרבעטער־פּאַרטייען „התאחדות", „הפּועל הצעיר", „צעירי ציון" און „פּועלי ציון" פון איין זייט און „מזרחי" פון דער צווייטער זייט — האָבן געהאַט איננאַנצן אַנדערע מיינונגען וועגן דער פאַרברייטערונגס־פראַגע (וועגן זיי וועלן מיר רעדן אין נעכסטן קאַפּיטל), האָבן מיר דאַמאָלס פאַר זיך א קלאָרן בילד פון דער געשטאַלטונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג בנוגע דער צענטראַלער און וויכטיגסטער פראַגע פון XIII קאָנגרעס, בנוגע

*) „דברים כהויתם", „העולם" י"ט, כ', כ"ב; כ"ג; „ואיה המוצא?", „העולם", כ"ה, כ"ו, כ"ז משנת תרפ"ג.

דער פארבערייטערונג פון דער אגענץ. דער פּלאַן, וועלכער איז דורך
וויצמאַנען פאָרגעשטעלט געוואָרן אין באַלטימאָר, האָט ארויסגערופן
א גרויסע קענגערשאַפט. דער קאָנגרעס, די העכסטע אינסטאַנץ פון
דער אָרגאַניזאַציע, איז בארופן געוואָרן דעם ערשטראַנגיגן פּראָבּ-
לעם צו לייזן און באַשליסן וועגן דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג
פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ס'איז דעריבער ניט קיין וואונדער,
וואָס דער XIII קאָנגרעס, דער אַגענץ-קאָנגרעס, ווערט פארגליכן מיטן
V<sup>ט</sup> קאָנגרעס, מיטן אוגאַנדאַ-קאָנגרעס.

## י.

# XIII קאָנגרעס

די אויפגאבע פון XIII קאָנגרעס — די קאָנגרעס־וואַלן — דער קאמף — ווייצמאנס דערעפנונגס־רעדע — זיינע באדינגונגען — ד״ר סאָלאָווייטשיקס פּלאן — אין דער עקזעקוטיווע — אוסישקינס קאָנצעפּציע — די לאנדסמאנשאפטן — די אָפּאָזיציע — דעמאקראטישע פראקציע — גרינבוימס רעדע — די תשובה פון די פּרעזידענטן — ווייצמאנס אולטימאטום — די שטעלונג פון „התאחדות״ — „צעירי־ציון״ און „פּועלי־ציון״ — „מזרחי״ אויף איר וועלט־קאָנפערענץ און אויפן קאָנגרעס — קאָנגרעס באשלוסן — קאָמפּראָמיס — פּראָוויזאָריום — מינדערהייטס־פאָרשלאגן — דער אָנגעצייכנטער וועג.

דער XIII ציוניסטישער קאָנגרעס אין אויגוסט 1923 אין קארלסבאד האָט באדארפט ענטשיידן, אויף וועלכן וועג זאָל גיין די ציוניסטישע אָרגאניזאציע, כדי צו פארברייטערן די יידישע אַגענץ. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן ווי וויכטיג, אקטועל און ברענענד עס איז געוואָרן די פארברייטערונגס־פראגע. יעדע סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, יעדער ציוניסטישער צוזאמענפאָר אָדער קאָנפערענץ, וועלכע זיינען פאָרגעקומען פארן קאָנגרעס, האָט באהאנדלט דעם דאָזיגן פּראבלעם און אָנגענומען פארשידענע החלטות ווי אים צו לייזן. אויך די וואַלן צום XIII קאָנגרעס זיינען געשטאַנען אינגאנצן אונטערן צייכן פון שטרייט ארום דער פראגע. אַלס אילוסטראציע צו דעם פאקט ברייננגען מיר גרינבוימס אַן ארטיקל געדרוקט אין טאָג פון די וואַלן*), וואו ער שרייבט, אז מיט די שלעכטע ידיעות, וואָס קומען אָן פון א״י, ווארפט מען אָן אַן אימה אויף דעם פּשוטן ציוניסט. „מען שאפט א *פּאנישע שטימונג*, ווי אַנטמוטיגטע, פאריאושטע סאָלדאַטן גייט מען ארום צווישן די ציוניסטן און מען

*) „לאָזט זיך ניט באהערשן פון דער פּאניק־שטימונג!״, „חבלי־גאולה״ ז. 38—35

שרייט: „ראטעוועט זיך, א ניט גייען מיר אלע פארלוירן!" דאָס זיי־
נען געווען די שטימען פון די פוילישע ציוניסטן, אָנהייענגער פון פאר־
ברייטערן די אגענץ פאר יעדן פרייז. און קענן זיי רופט גרינבוים די
ציוניסטישע וויילער: לאָזט אייך ניט באאיינפלוסן פון דער פאני־
שער שטימונג! גערייניקט, אז אזא שטימונג קען אונז דערפירן דערצו,
אַז מיר וועלן אלץ אויפגעבן, וואָס מיר פארמאָגן, פאר א אילוזיע...
גייט צו די וואלן און באווייזט, אז איר זיינט פריי פון דער פאניק,
אז איר פילט נאָך אין זיך גענוג כוחות צו באזייטיגן דעם איצטיגן
קריזיס און מיטצורייסן מיט זיך נאָך ברייטערע, נאָך גרעסערע
פאָלקס־מאסן ווי ביז איצט".

דער קאַמף האָט זיך שוין צופלאקערט און אויפן קאָנגרעס
האָט ער זיין בעסטן אויסדרוק געפונען.

בכלל גענומען זיינען די דעבאטן אויפן XIII קאָנגרעס אין
זייער גרעסטן טייל געווען געווידמעט דער פארברייטערונג פון דער
אַגענץ. זיי זיינען בלי ספק געשטאַנען אויף דער געהעריגער הויך.
יעדער דעלעגאט, ווען ער האָט גערעדט, האָט געהאַלטן פאר זיין חוב
די פראגע צו בארירן און זיין מיינונג ארויסצוזאָגן. א סך רעדנער
האָבן אפילו באדויערט, וואָס מען פארנעמט זיך ניט מיט אַנדערע
ציוניסטישע פראגן און מען רעדט נאָר וועגן דער אגענץ. אַנדערע
פראגן, אויב מען האָט שוין בארירט, איז עס געווען דרך אַגב אָדער
אין די אָפיציעלע רעפעראטן. דער הויפט־פראבלעם פון קאָנגרעס
איז אלזאָ געווען די פארברייטערונגס־פראגע. מען האָט אפילו גע־
זאָלט פאר דער פראגע באשטימען א ספעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל
צוגרייטן רעזאָלוציעס. עס איז אָבער באשלאָסן געוואָרן אלס אזא
קאָמיסיע אַנערקענען דעם פערמאַנענץ־אויסשוס, די וויכטיגסטע
קאָנגרעס־קאָמיסיע. א חוצדעם האָט דער עקזעקוטיווע־מיטגליד דר.
מ. סאָלאָווייטשיק געהאַלטן א ספעציעלן רעפעראט א. ד. ט. „די
יידישע אגענץ און דער וועלט־קאָנגרעס", נאָך וועלכן עס איז פאר־
געקומען א ספעציעלע „איידזשענסי"־דעבאטע מיט דער באטייליי־
גונג פון אזש 35 רעדנערס פון אלע גרופירונגען, הגם אין דער גענע־
ראל־דעבאטע איז שוין די אגענץ־פראגע אלזייטיג דיסקוטירט געוואָרן.

עס וואָלט אונז צו פיל צייט און אָרט פארנומען, ווען מיר זאָלן
וועלן געגוי איבערגעבן די גרויסע אגענץ־דיסקוסיע אויפן קאָנגרעס.

מיר וועלן זיך דאַריבער באַגרענצן מיטן דערמאָנען די וויכטיגסטע רעדעס פון פאָרשטייער פון ביידע זייטן באַקעמפנדיגע צדדים. מיר וועלן אָנהייבן פון צד, וואָס האָט אונטערשטיצט ווייצמאַנס פּלאַן.

פּרעזידענט ווייצמאַן אַליין האָט פון זיין דערעפנונגס-רעדע אַ דריט-חלק געווידמעט דער פאַרברייטערונגס-פראַגע. זיינע ווערטער אויפן קאָנגרעס אונטערשיידן זיך אָבער שטאַרק פון זיין רעדע אין באַלטימאָר. דאָרט האָט גערעדט אַ פירער, וועלכער איז שוין מיד געוואָרן פון דער אַרבעט, איז אַנטוישט אין פאָלק און זעט נאָר די רעטונג אין צוציען אָרגאַניזאַציעס און יחידים, כדי וואָס שנעלער אויפבויען די נאַציאָנאַלע היים. אויפן קאָנגרעס רעדט שוין ווייצמאַן אַלס פּרעזידענט, וועלכער פילט די אחריות פאַר דער באַוועגונג, און מיט שטאַרקע ווערטער באַרעכטיגט ער זיין פאַרברייטערונגס-פּלאַן. אַ פּנים, אַז די גרויסע קעגנערשאַפט, די אָפּאָזיציע צו זיין באַלטימאָ-רער אויפפאַסונג, האָט איר השפּעה אויסגעאיבט. דער פּרעזידענט האָט עטוואָס נאָכגעגעבן. אַזוי הויבט ער אָן פון דעם, אַז די ציוניסטן זיינען שטענדיג אַרויסגעטראַטן אין נאָמען פון אויפלעבנדיגן יידישן פאָלק, אַז זיי האָבן ארץ-ישראל געפאָדערט אַלס אַ נאַציאָנאַלע היים פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, און דאַריבער געפינט זיך אין מאַנדאַט די „יידישע אַגענץ" און דער אויפטראַג צו זיכערן די מיטאַרבעט פון אַלע יידן ביים אויפבוי פון א"י. „דאָס איז געווען אונזער שטענ-דיגע שטרעבונג, צו פאַרברייטערן אונזערע קרייזן וואָס מער; און דאָס ציוניזירן די יידן אין גלות פאַרבלייבט אונזער וועזנטלאַכער פּראָגראַם". טראָצדעם אָבער פאָדערט, לויט ווייצמאַנס מיינונג, דער געבאָט פון דער שעה נים נאָר צו רעפּרעזענטירן, נאָר אויך צו מ אָ-ב י ל י ז י ר ן, קאָנצענטרירן און אויסנוצן אַלע דערגרייכבאַרע מאַטעריעלע און גייסטיגע כוחות פון פאָלק פאַרן אויפבוי-ווערק אין א"י. דאָס פאָדערט די לאָגיק פון יידישן לעבן. אַז דאָס איז ביי דעם מאָמענט אויספירבאַר, ווייזט אָן ווייצמאַן אויפן גרויסן נצחון, אַ חוץ די פּאָליטישע נצחונות, וועלכן די ציוניסטן האָבן אָפּגעהאַלטן אויף דער יידישער גאַס: יידן, וועלכע האָבן זיך אַמאָל גלייכגילטיג באַ-צויגן צו א"י אָדער האָבן אפילו באַקעמפט דעם ציוניזם, אינטע-רעסירן זיך היינט מיט א"י און וואָלטן אפילו געווען גרייט מיט-העלפן אין דער אַרבעט. דאָס האָט באַוויזן טיילווייז דער „קרן-

היסוד”. א פּראָ־פּאלעסטינא גייסט האָט באהערשט די ניט־ציוניסטן. פארוואָס זאָלן עס די ציוניסטן ניט אויסנוצן? מען טאָר ניט בלייבן קיין סעקטאַנטן! אויב אפילו דער פארברייטערונגס־פּלאַן איז א סכנותפולער, דאַרף מען זיך ניט אָפּשרעקן, ווייל עס וועלן זיך געפינען כוחות, כדי די סכנות בייצוקומען און ניט מותר זיין אויף דאָס קלענסטע פון ציוניסטישן פּראגראם. „ניט צוליב אונזער שוואכקייט און מוטלאָזיגקייט זוכן מיר די מיטהילף פון אַנדערע. מיר דופן די אַנדערע, אז זיי זאָלן צו אונז קומען, דוקא ווייל מיר זיינען גענוג שטאַרק, שטאַרק אין געפיל פון אונזער אחריות און אין אונזער גלויבן. ווען מיר וואָלטן פון שוואכקייט געבעטן הילף, וואָלט מען צו אונז ניט געקומען, אזוי ווי מען איז צו אונז ניט געקומען, ווען מיר און אונזער ארבעט האָט זיך זיי אויסגעדראַכט אלס קליינע און שוואכע”.

פון דער צווייטער זייט באַמערקט אָבער ווייצמאן, אז „מען וואָלט געווען פארבלענדעט, ווען מיר וואָלטן גערעכנט, אז מיטן צוציען די ווייטסטע ניט־ציוניסטישע קרייזן וועלן מיר שוין ברייגנען די גאולה. אויב אפילו מיר וועלן שוין מצליח זיין, וועט אונזער אויפגאבע זיין נאָך זייער א שווערע. אָבער די צוציאונג דאַרף געמאַכט ווערן, כדי צו פארלייכטערן אונזער ארבעט דורכן פארשטאַרקן אונזער פּאָליטישע שטעלונג, דורכן פארגרעסערן אונזערע מיטלען און דורכן קאָנצענטרירן די גאנצע יידישע ענערגיע אין דער אויפבוי־ארבעט פון א”י*)”.

צום סוף פאָרמולירט אָבער ווייצמאן פיר באדינגונגען, אויף וועלכע די פארברייטערונג דאַרף פאָרקומען. דער ערשטער תנאי איז די גאנצקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, וועלכע טרעט ארויס כלפי דעם צווייטן צד אלס פאָרשטייער פון אלע ציוניסטן און אלס קאָנטראהענט. זי פארבלייבט פאר די ציוניסטן די געמיינשאפט, וועלכע באשטימט פאר זיי געזעצן און באראָרדנונגען. דאָס איבערגעבן די ניט־ציוניסטן א טייל רעכט פון דער „יידישער אַגענץ” דאַרף אומבאדינגט זיין פארבונדן מיטן אי־

---

**) Stenographisches Protokoll der Verhandlungen des XIII. Zionisten-Kongresses vom 6. bis 18. August 1923 in Karlsbad. London 1924. s. 7.

בערנעמען דורך זיי א טייל פון דער אחריות פאר דער געמיינזאמער ארבעט. דאָס איז דער צווייטער תּנאי. דריטנס, וועלן איינגעלאדן ווערן אין דער יידישער אַגענץ ניט קיין יחידים, נאָר פאר־שטייער פון יידישע רעפרעזענטאַטיווע קערפערשאפטן אין באזונדע־רע לענדער. אזוי ארום וועט די פאראנטווארטלאכקייט זיך באזירן אויפן גאנצן יידנטום. און פערטנס, זאָלן דער נאַציאנאַלער כאראקטער און באַשטימונג פון אויפבוי־ווערק, אזוי ווי די ציוניסטן פארשטייען עס, געזיכערט ווערן אויף אייביג.

„אין דעם פלאן, ענדיגט וויצמאן, איז נאָר ניטאָ אזעלכעס, וואָס זאָל ניט זיין ווירדיג פארן גייסט פן דער יידישער דעמאָקראטיע, פאר דער אידייע פון זעלבסטבאַשטימונג פון פאָלק, פאר דער ריינ־קייט פון אונזער נאַציאָנאלן אידעאַל, פארן כבוד פון דער ציוניסטי־שער אָרגאניזאציע".

די דאָזיגע ווערטער באווייזן אונז גאנץ בולט די גרויסע ענדע־רונג פון וויצמאַנס געדאַנקען־גאנג פון באלטימאָר ביז קארלסבאד. געשען איז עס געוויס אונטערן דרוק פון דער ניי־אַנטשטאַנענער אָפּאָזיציע, אונטערן דרוק פון די עקזעקוטיווע־מיטגלידער, וועלכע האָבן אן אַנדער מיינונג געהאַט אין דער פארברייטערונגס־פראגע. די לאגע אין א"י ווידער האָט אויך ארויסגעוויזן סימפּטאָמען פון דער ליקווי־דאַציע פון שווערן קריזיס. וויצמאן איז דאַריבער געווען מער איינ־געהאַלטן, שטייפער, אזוי צו זאָגן. ער האָט שוין ניט גערעדט וועגן ברעכן דעם חומ־השדרה, וועגן הונגער־סכנה. נאָר מיט אַנדערע מאָ־טיוון ארגומענטירט די נויטווענדיגקייט פון פארברייטערן די אַגענץ. ער האָט געשטעלט וויכטיגע באדינגונגען.

ווי זאָל אָבער די פארברייטערונג פארקומען? אויף וואָס פאר א אָרגאניזאציאָנעלע יסודות זאָל זיך שטיצן די פארברייטערטע יידישע אַגענץ?

אויף דעם וועלן מיר א תּשובה געפינען אין שוין דערמאָנטן דר. סאָלאָווייטשיקס רעפעראט ביים איינלייטן די „איידזשענסי"־דעבאטע אויפן קאָנגרעס.

דר. סאָלאָווייטשיק גייט ארויס פון שטאַנדפּונקט, אז די פראגע פון צוציען ניט־ציוניסטן איז בכלל ניט קיין שטרייט־פראגע, ווייל זי איז פשוט א לעבנספראגע פאר ארץ־ישראל. די פארשידענע מיי־

גונגען, וואָס באַקעמפן זיך אין ציוניסטישן לאגער, זיינען נוגע נאָר דעם פּראָבלעם ווי זאָל די צוציאונג געמאַכט ווערן. און דאָ גייט מען זיך פונאנדער.

אויף דעם וועג פון צוציאונג שטעלט ווייטער סאָלאָווייטשיק פעסט אלס גרונט־פּרינציפּ, אז די פאַרברייטערונג פון דער אגענץ דאַרף אזוי דורכגעפירט ווערן, אז עס זאָל פון איין זייט ניט פאַר־לאָרן גיין דער כאַראַקטער פון א פאָלקס־באַוועגונג און פון דער צווייט־טער זייט זאָל די פאָלקס־באַוועגונג זיין צוזאַמענגעבונדן מיטן אויפ־בויענדיגן זיך ארץ־ישראל. דער יידישער וועלט־קאָנגרעס וואָלט אזוי ארום געקענט זיין די בעסטע און פּאַסיגסטע לייזונג פאַר דער גאנ־צער פראַגע. „ווען מיר וואָלטן אָבער געגאַנגען אויפן וועג צום פאַר־ווירקלאַכן דעם וועלט־קאָנגרעס, וואָלט עס געווען אזוי ווי מיט אַלע אידייען, ווען מען טרעט צו זיי צו רעאַליזירן. דער לעבן מאַכט זיי וואָס ווייטער אַלץ קלענער. די אידייע פון א וועלט־קאָנגרעס איז אונז צו טייער; ס'איז דאריבער א שאָד זי צונישט מאַכן*)". שטופנווייז וועט זי ערשט דערגרייכט ווערן. און דער ערשטער סטאַדיום צו דעם איז די פאַרברייטערטע „יידישע אַגענץ".

איצט דער צווייטער פּרינציפּ פון דער פאַרברייטערונג: „כל זמן מיר וועלן ניט האָבן די זיכערהייט, אז מיר וועלן קענען שאַפן אונטערן נאָמען פון אן אלגעמיינער יידישער פּאַלעסטינא־אָרגאַני־זאַציע אזא אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט פאַרטרעטן אונזער ציוניסטי־שע אָרגאַניזאַציע, קענען מיר ניט איבערגעבן די רעכט פון דער יידישער אַגענץ א גאנץ אנדערע אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט זיין נאָר א שפּיצן־אָרגאַניזאַציע און ניט האָבן אונטער זיך די עלעמענטן, פון וועמען זי זאָל איר ענערגיע שעפּן. די אגענץ מוזן מיר אַלזאָ באַזירן אויף דער סינטעזע, אין וועלכער די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז איין צד, און אַלע אַנדערע זיינען א צווייטער צד*)".

דער צווייטער צד דאַרף זיך שטיצן אויף אָרגאַניזירטע יידישע קבוצים פון פאַרשידענע לענדער. „די יידישע קבוצים דאַרפן זיין דער עלעמענט, וועלכער זאָל אויפבויען די יידישע אגענץ".

ווי זאָל עס קאָנסטרואירט ווערן? דר. סאָלאָווייטשיק לייגט פאָר

---

*) ibidem ז. 240-241.

אָרגאניזירן די נים־ציוניסטן אויף אן אנאלאָגישן וועג, ווי דער גע־בוי פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע. דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, אַקציאָנס־קאָמיטעט און עקזעקוטיווע זאָלן אַנטשפּרעכן פון נים־ציוניסטישן צד: א ק אָ נ פ ע ר ע נ ץ פון די יידישע קבוצים, א ק אָ נ ס י ל (ראט) פון די נים־ציוניסטן און א נים־ציוני־סטישע ע ק ז ע ק ו ט י ו ו ע. דער קאָנגרעס און די קאָנפערענץ, דער אַקציאָנס־קאָמיטעט און דער קאָנסיל זיינען אינגאנצן ספּע־ראטע קערפּערשאפטן פון צוויי טיילן פון יידישן פאָלק. דאקעגן ביי־דע עקזעקוטיוועס ווערן פאראייניגט אין איין: ע ק ז ע ק ו ט י ו ו ע פ ו ן ד ע ר י י ד י ש ע ר א ג ע נ ץ. „כל זמן די קאָנפערענץ וועט נים צושטאַנד קומען, דאַרף נים געשאַפן ווערן פון די נים־ציו־ניסטן א קערפערשאפט, וואָס זאָל זיין גלייכבארעכטיגט מיט דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. מען קען באשטימען א צוויי, דריי פאר־טרעטער פון די נים־ציוניסטן, וואָס זאָלן קאָנטראָלירן און מיט־ארבעטן, אָבער נים מיטווירקן אַלס גלייכבאַרעכטיגטע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע*)".

איך דעם וועג, האַלט דר. סאָלאָוויטשיק, וועט מען קענען מיט דער צייט צוציען צו דער אויפבוי־ארבעט דעם גאנצן פאָלק. א יידי־שע אַגענץ, וועמענס שאפונג זאָל זיך נים שטיצן אויפן דעמאָקראַ־טישן פּרינציפּ, אויפן יסוד פון פאראנטוואָרטונג, וועט זיך נים איינ־האַלטן. אַלזאָ: א פארטרעטונג פון די יידישע קבוצים פון דער גאנ־צער וועלט, און א בונד פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע מיט דער דאָזיגער פארטרעטונג — דאַרף זיין די פארברייטערטע יידישע אגענץ.

די קאָנצעפּציע פון דר. סאָלאָוויטשיק איז וויכטיג צוליב דעם, וואָס זי איז א פּראדוקט, א רעזולטאַט פון די פארשידענע מיינונגען אין דער עקזעקוטיווע, און וואָס דר. סאָלאָוויטשיק אַלס עקזעקוטיווע־מיטגליד האָט דאַריבער געבראכט צום אויסדרוק די אָפיציעלע מיי־נונג, הגם אין א סך הינזיכטן זאָגט ער ארויס זיין פערזענלאכן שטאַנד־פונקט. ער ווייזט אונז אָבער אַ געגויעם פלאן ווי די אַגענץ צו פאר־ברייטערן. דער דאָזיגער פלאן איז, ווען מיר וועלן עס פארגלייכן, זייער

*) ibidem ז. 244.

נאָנט צו גרינבוימס קאָנצעפּציע, וועלכע מיר האָבן אין פאָריגן קאַ־פּיטל אָנגעגעבן.

אַלנפאַלס איז די עזעקוטיווע ווייט ניט געווען איינהייטלאַך אין דער פּאַרברייטערונגס־פראַגע. מיר ווען זיך נאָך אָפּשטעלן אויף דער זייער אינטערעסאַנטער מיינונג פון אַן אַנדער עקזעקוטיווע־מיטגליד, פון 60־יעריגן מ. מ. אוסישקין. אַרויסגייענדיג פון פּאַר־ברייטערונגס־ציל, פון שטרעבן צו פאַרפעסטיגן די פּאָליטישע פּאָזי־ציעס און פאַרשטאַרקן די עקאָנאָמישע אַרבעט אין א"י, וועלכע זיי־נען איינע מיט די אַנדערע קעגנזייטיג פאַרבונדן, שטעלט אוסישקין פעסט, אַז דאָס זיינען דאָך צוויי באַזונדערע געביטן, וואָס נויטיגן זיך אין צוויי מינים מענשן. די יידישע „אַגענץ" איז נאָר אַ פּאָליטישע קערפּערשאַפט און ניט קיין אינסטיטוציע פאַר עקאָנאָמישע לייס־טונגען. דאָ שטעלט זיך די פראַגע: אויב מען וויל געווינען נייע כוחות, כדי צו פאַרגרעסערן דעם מאַסשטאַב פון דער אויפבוי־אַרבעט און דורכדעם פאַרשטאַרקן די פּאָליטישע סיטואַציע, טאָ צו ווען די צו־געצויגענע צו דער אַגענץ פאַרמערן די פינאַנסיעלע מיטלען און פאַרשטאַרקן די ווירטשאַפטלאַכע אַרבעט? אויף דעם ענטפערט אוסישקין קלאָר און דייטלאַך: ניין! ווייל די אַלע, וואָס ווילן זיך באַ־טייליגן אין דער אויפבוי־אַרבעט, אָדער באַטייליגן זיך אין איר, ווי דער באַראָן ראָטשילד, די יק"א, דער „דזשאָינט", די „אַליאַנס", בראַנדייסעס גרופּע און אַנדערע, ווילן גאָרניט אַריינטרעטן אין דער אַגענץ. און ווער עס גיט געלט פאַר א"י און איז ניט קיין ציוניסט, קען דאָך האָבן אַ השפּעה אויף דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט דורכן קרן־היסוד. „צי זאָלן מיר אַריינגעמען אין דער יידישער אַגענץ די יעניגע, וועלכע ווילן מיט אונז מיטאַרבעטן, אָבער זאָגן, אַז „אין דער אָרגאַ־ניזאַציע גיי איך ניט, אין קרן־היסוד גיי איך ניט?" אָבער וואָס זאָל מען טאָן, אַז די מיטלען רייכן ניט אויס און מען טאָר זיך ניט אָפּזאָגן פון מיטהילף? דאָ לייגט פאָר אוסישקין זיין אָריגינעלן אויסוועג: „אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען זיך עוסק מיט דער קאָלאָניזאַציע אין א"י אָדער ווילן זיך מיט דעם פאַרנעמען, שיקן זייערע פאָרשטייער אין אַ ראַט, וועלכער וועט האָבן די אויפגאַבע צו מיטאַרבעטן מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין בנין הארץ — אָבער נאָר אויפן עקאָנאָמישן געביט. דאָס וועט זיין דער ער־

שטער שריט פון פאראייניגן זיך מיט כוחות אויסערהאַלב דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע. ווייטער קענען מיר נאָך היינט ניט גיין*)".

„ווען איר רעדט אָבער וועגן פּ אָ ל י ט י ש ע ר ר ע פּ ר ע ז ע נ ט אַ צ י ע, זיינען די עלעמענטן, וואָס געפינען זיך מחוץ פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, פאר אונז אוממעגלאך... ווייל מענשן, וועלכע זאָגן בעת זיי גיבן געלט פארן א"י־אויפבוי, אז זיי זיינען ניט קיין ציוניסטן, זיינען ניט די מענשן, וועמען מיר קענען אָנפארטרויען אונזער פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ.

ענטשיידעט אויף דעם קאָנגרעס נאָר די העלפט פון דער פראגע, די פראגע פון פאראייניגן זיך אויפן עקאָנאָמישן באזיס! מיר וועלן צוויי יאר לערנען און דאַמאָלס זען, וואָס וועט אונז די מיטארבעט ברייננען. ערשט דאַמאָלס, נאָך צוויי יאר וועט איר מאַכן די ווייטערדיגע שריט! שפּרינגט ניט מיט איין מאָל אין דאָס אומבאוואוסטע**)".

דער דאָזיגער אָריגינעלער פאָרשלאג פון אוסישקינען איז ווערט אונטערגעשטראכן צו ווערן, ווייל אוסישקין איז געווען איינע פון די ציוניסטישע קאַרפּן־קעפּ און דער ציוניסטישער ביסמאַרק, זיין פאָרשלאג ווידער איז אין עטלאכע יאר ארום אונטערשטיצט געוואָרן דורך דער רעוויזיאָניסטישער פראקציע.

דאָס אלץ באווייזט אונז, ווי פארשידנאַרטיג זיינען געווען די מיינונגען אפילו אין דער עקזעקוטיווע אליין. אויפן קאָנגרעס אָבער האָבן זיך געשאפן צוויי לאגערן: די אָנהייננגערס פון דער פארברייטערונג, ווי ווייצמאן האָט איר פארשטאַנען און געוואָלט אדורכפירן, און די קעגנערס צום דאָזיגן פלאן. די ערשטע זיינען געווען די ל אַ נ ד ס מ אַ נ ש אַ פ ט ן, דאָס רוב אלגעמיינע ציוניסטן. זיי האָבן געהאַט פולן צוטרוי צו ווייצמאַנען און אים געגעבן זייער גאנצע אונטערשטיצונג, הגם ניט ווייצמאן און קיין אַנדערער האָט ניט אָנגעצייכנט קיין גענויעם פלאן ווי די אגענץ צו פארברייטערן. אַלנפאלס האָט עס באדארפט זיין אין גייסט פון ווייצמאַנס פלאן, וועלכן מיר האָבן אין פאָריגן קאַפּיטל געבראכט.

---

*) ibidem ז. 302.

**) ibidem ז. 303-304.

אין נאָמען פון די ענגלישע ציוניסטן טרעט ארויס מ אָ ר י ס מ יי ע ר, וועלכער ווייזט אָן, אז מען טאָר ניט דערוווייטערן די יידישע קרייזן, וועלכע ארבעטן מיט אין א״י־אויפבוי. ער רופט דעם קאָנגרעס צו גיין אויפן וועג, וועלכן ווייצמאַן האָט אָנגעוויזן, ווייל „מיר זיינען אַלע מחויב צו פאָלגן דר. ווייצמאַנען און מיט אים צוזאמען פארטיידיגן אונזערע אינטערעסן און אונזערע רעכט אין א״י*)״. דזשייקאָב פ י ש מ א ן און מאָריס ר א ט ע נ ב ע ר ג רעדן אין נאָמען פון די אמעריקאַנער דעלעגאטן און ווייזן אָן אויף ברייטע און איינפלוסרייכע אמעריקאַנער יידישע קרייזן (מארשאל, אָ. שטרויס א. א.), וועלכע מען וואָלט געקענט צוציען צו דער אויפ־בוי־ארבעט אין א״י. אזוי ארום וואָלט מען געקענט שאפן פארן אויפבוי־ווערק אזעלכע גרויסע געלט־מיטלען, ווי מען האָט געשאַפן פאר דער הילפס־אקציע אין מזרח־אייראָפּא (60 מיליאן דאָלאר אין 6 יאר). „ווען מיר וואָלטן צייט געהאַט, וואָלטן מיר זיך פארגונען דעם לוקסוס פון א דערציאונגס־פּראצעס. מיר האָבן אָבער קיין צייט ניט, א״י וועט אויף אונז ניט ווארטן!**)״.

דר. א. ה אַ נ ט ק ע (דיימשלאנד), דר. י. ג אָ ט ל י ב (פּוילן), דר. י. שאַ ל י ט (עסטרייך), דר. ל. ר יי ך (מזרח־גאליציען), דר. שמריהו ל ע וו י ן און פיל אַנדערע האָבן זיך ארויסגעזאָגט פארן פארברייטערן די יידישע אַגענץ, פאר ווייצמאַנס פּלאַן.

צום קעגנערישן לאגער האָבן געהערט אלע איבּריגע פראקציעס אויפן קאָנגרעס, פון „מזרחי״ ביז די פּועלי־ציון. ס׳האָט זיך דאַריבער געדוכט, אז ווייצמאַנס פּלאַן וועט דורכפאַלן, ווייל די לאנדסמאַנ־שאפטן צוזאמען האָבן קיין מערהייט אויפן קאָנגרעס ניט געהאַט. דער „מזרחי״, ווי מיר וועלן עס ברייטער שפּעטער ארומרעדן, האָט אין דער לעצטער מינוט אָבער געביטן זיין שטעלונג און אריבער אויף ווייצמאַנס זייט. די אָפּאָזיציע איז ניט געווען קאָנסאָלידירט און איינהייטלאך. יעדע פראקציע האָט געהאַט אירן א פּראיעקט ווי צו פארברייטערן די יידישע אַגענץ; יעדע פראקציע האָט פארטיידיגט

*) ibidem ז. 93.
**) ibidem ז. 215.

נאָר איר שטאַנדפּונקט. די שטאַרקסטע אין איכות גרופּירונג צווישן דער אָפּאָזיציע איז בלי ספק געווען די ד ע מ אָ ק ר א ט י ש ע פ ר א ק צ י ע, וואָס האָט זיך אויפן קאָנגרעס געשאַפן, און וועל־כע האָט געציילט אריבער 20 מיטגלידער מיט גרינבוימען בראש. די דעמאָקראטישע פראקציע איז באשטאַנען פון אלגעמיינע ציוניסטן פון פארשידענע לענדער, מערסטן טייל פון פוילן, וואָס האָבן ארויס־געטראָטן פון זייערע לאנדסמאַנשאפטן*). איר לידער י צ ח ק ג ר י נ ב ו י ם איז ארויסגעטראָטן אויפן קאָנגרעס מיט דער שטאַרקסטער אָפּאָזיציאָנעלער רעדע, וועלכע איז געווען די אייגנ־טלאכע טעמע און סבה פאר דער „איידזשענסי"־דעבאטע. אַלע רעד־נערס האָבן אין איר זייערע אויספירונגען אָנגעקניפּט. אָנהויבנדיג פון די סבות, וואָס האָבן דערבראכט צום פארברייטערונגס־פּלאַן, פרעגט גרינבוים: „האָט איר זיך דען פאַרגעשטעלט, אז דער ציוניזם וועט פארווירקלאכט ווערן אָן שווערינקייטן, אָן אומגעהויערע קרבנות, נאָר מיט קליינע אומאַנגענעמלאכקייטן, מיט קליינע צרות? ווען א פּאָר טויזנט חלוצים זיינען אין ארץ־ישראל ארבעטסלאָז, און א פּאָר הונדערט מענשן גייען אוועק פון פּאַלעסטינע, דאַן ענטשטייט שוין א פּאניק־שטימונג. וואָס וועט שוין געשען, ווען דער אויפבוי פון לאנד וועט פארלאַנגען פון אונז ווייטערע קרבנות, בלוט־קרבנות? וואָס פאר א דעפּעסימיסטישע שטימונג וועט דאַן קומען?" דאָס דער־פירט צו דעם, אז „ווען אונזערע פירער גופא זאָגן, אז מיר זיינען שוואך און קענען ניט אליין דערפילן אונזערע אויפגאבן, דאַן קומען די מאַסן און זאָגן, אז מיר זיינען באַנקראט, אז מיר וועלן קיינמאָל ניט קענען דערפילן אונזערע אויפגאבן; מיר טויגן ניט, די אָרגאני־זאציע טויג ניט, און די מאסן־באוועגונג איז ניט די פאָרם פון דער באוועגונג, וואָס זאָל בויען א"י". און כלפּי חוץ, „לגבי דער עפנט־לאכקייט, לגבי דער ענגלישער רעגירונג, לגבי דער גאנצער וועלט הייסט עס, אז מיר אליין זיינען ניט דערוואָקסן צו דער דאָזיגער ארבעט. און ווען די דאָזיגע מענשן וועלן אוועקגייז, און דאָס קען דאָך

---

*) אָן דער דעמאָקראטישער פראקציע האָבן זיך אויך אָנגע־שלאָסן די דעלעגאטן: דר. מאסינזאָן, דר. גליקסאָן און דר. ווילענ־סקי פון א"י, דר. וואלדמאן און דר. געלבער פון עסטרייך, דר. גאָלד־מאן פון דייטשלאנד, דר. מארגוליעס פון טשעכאָסלאָוואקיען א. אַ.

נעשעו, דאַן וועט מען ערשט רעכט זאָגן: איר זיינט ניט דערוואַקסן צו דער דאָזיגער אַרבעט"!

וואָס איז נוגע דער פֿאַרברייטערונג אַליין, דאָס אַריינציען אין דער אַגענץ דעם גאַנצן פֿאָלק, טאָ פֿרעגט גרינבוים: „צי וויל מען דעם פֿאָלק זוכן און געפֿינען אין די סאַלאָנען, אין די אָרגאַניזאַציעס פֿון די געלט-יידן?" און אַפֿילו פֿון די ניט-ציוניסטן „ווילן מיר ניט, אַז יעדער ניט-ציוניסט זאָל אַריינקומען אין דער אַגענץ, נאָר די פּראָמינענטע פּערזאָנען, די וועלכע באַזיצן אַ גרויסן אויטאָריטעט, גרויסן איינפֿלוס און גרויס רייכטום".

אַריבערגייענדיג צו די פֿאָלגן פֿון דער פֿאַרברייטערונג, ווענדעט זיך גרינבוים, אַלס דער געוועזן פֿון דער אַמאָליגער דעמאָקראַטישער פֿראַקציע, צו ווייצמאַנען, צום פֿירער פֿון דערזעלבער פֿראַקציע: „מיר בלייבן אומטריי דעם פּרינציפּ פֿון דער פֿאָלקס-באַוועגונג, דעם פּרינציפּ פֿון דער פֿאַראַנטוואָרטלאַכקייט פֿון די פֿירער... מיר שיידן אָפּ דעם פּראָצעס פֿון אויפֿבוי פֿון א"י פֿון אַלע אַנדערע פּראָצעסן פֿון יידישן לעבן, כדי צוציען אַזעלכע עלעמענטן, וואָס ווילן ניט דאָס ווידער-אויפֿלעבן פֿון יידישן פֿאָלק". דאָס ווידער-אויפֿלעבן פֿון יידישן פֿאָלק און די אויפֿריכטונג פֿון א"י זיינען דאָך נאָר צוויי זייטן פֿון דערזעלבער מטבע, איינס אָן דאָס צווייטע איז ניט מעגלאַך. דאַריבער וועלן „מיר די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און באַוועגונג פֿאַרוואַנדלען אין אַ קאָלאָניזאַטאָרישע אונטערנעמונג. דאָס רעדט זיך לייכט אַרויס: מוחל זיין אויף אונזער סוווערעניטעט... דער ציוניסטישער קאָנגרעס וועט ניט האָבן דעם דעצידירנדיגן וואָרט בנוגע דעם בודזשעט אין א"י".

וואָס וועט דערפֿון אַרויסקומען?

„מיר וועלן פֿאַרשטאָפּן אַלע קוואַלן, פֿון וועלכע מיר שעפּן, באַזונדערס דעם קוואַל פֿון ענטוזיאַזם. צי וועלן מיר דאַן האָבן נאָך חלוצים, יונגע אָפּפֿערווילינגע אַרבעטער, וואָס גייען קיין פּאַלעסטינע, כדי זיך דאָרט צו פּראָלעטאַריזירן? ווי אַזוי וועלן מיר קענען אַרבעטן, ווען מיר וועלן זיי ניט געבן דעם באַוואוסטזיין, אַז זיי אַליין האָבן זייער גורל אין זייערע אייגענע הענט, אַז זיי אַליין זיינען פֿאַראַנטוואָרטלאַך דערפֿאַר, וואָס נעשעט, און נאָר זיי אַליין קענען צוריסן זייערע קייטן?"

און גרינבוים ענדיגט: „אין נאָמען פון מיינע פריינט דערקלער איך אָבער, אז מיר מוזן און וועלן ווייטער גיין אויפן וועג, אויף וועלכן מיר זיינען ביז איצט געגאנגען, אויפן וועג פון וועקן און אָר־גאניזירן דעם יידישן פאָלק. ז ע ל ב ס ט ה י ל ף און ז ע ל ב ס ט אָ ר ג א נ י ז א צ י ע — דערמיט שטייט און פאַלט דער ציוניזם. אָן דעם פרינציפ פון ז ע ל ב ס ט ב א פ ר י י א ו נ ג איז קיין ציוניזם ניטאָ". און פון פרעזידענט פאָדערט גרינבוים: „עס זאָל קלאָר געזאָגט ווערן, וואוהין פירט מען אונז, עס האַנדלט זיך וועגן עיקר, וועגן לעבן פון אונזער באַוועגונג, וועגן דער נ ש מ ה פ ו ן צ י ו נ י ז ם*)".

גרינבוימס רעדע האָט געמאַכט זייער א שטאַרקן רושם אויפן גאנצן קאָנגרעס. די פרעזידענטן ווייצמאַן און סאָקאָלאָוו האָבן אין זייערע ענטפערן אויף דער דעבאַטע פּאָלעמיזירט כמעט ווי נאָר מיט גרינבוימס אויספירונגען. מיר וועלן זיך אין קורצן אויף דעם דאָ־זיגן ענטפער אָפּשטעלן.

נ ח ו ם ס אָ ק אָ ל אָ וו האַלט, אז אין דער פּאָלעמיק אין דער אגענץ־פראגע איז א סך איבערגעטריבן געוואָרן. דאָס האָט דערברואכט צו דעם, אז גרינבוים האָט געקענט האַלטן זיין שיינע רעדע, אויף וועלכער סאָקאָלאָוו שרייבט זיך אונטער מיט ביידע הענט, און שאפן די דעמאָקראטישע פראקציע. „על דפרקציונית פרקציונוך וסוף מפרקציוניך יפרקציונון" האָט סאָקאָלאָוו מיט אַ פסוק זיך „נוקם" געווען אָן ווייצמאַנען. לויט סאָקאָלאָווס מיינונג אָבער וועלן אין דער אַגענץ איינגעלאַדן ווערן נאָר פארשטייער פון אָרגאניזאציעס, וואָס וועלן זיין פאראַנטוואָרטלאַך פאר זייערע ווי־לער און פאר דעם אָרגאַן, וועלכער וועט פון די ציוניסטן און ניט־ציוניסטן געשאפן ווערן. אויב עס וועלן זיך געפינען פארשטייער פון יידישע אָרגאניזאציעס, וועלכע ווילן זיך באַטייליגן אין א"י־אויפבוי און זיינען מסכים, אז אָן דער שפּיץ פון דער יידישער אַגענץ זאָל שטיין דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע, און נעמען אויף זיך נאָך אַנדערע באוואָרענישן, ווי צ. ב., אַז זיי וועלן דעקן דעם בודזשעט, וואָס דער קאָנגרעס וועט באַשליסן, דאַן

*) ibidem ז. 117־124.

וויל ניט סאָקאָלאָוו נעמען אויף זיך די אחריות און זאָגן, אז מען דאַרף ניט די אַגענץ פאַרברייטערן, אז די ציוניסטן אליין וועלן דערפילן די ארבעט*).

ד ר. וו יי צ מ א ן האָט אין זיין קורצן און שיין־געבויטן ענטפער אָפּגעוואָרפן גרינבוימס באשולדיגונג, אז ער האָט געשאפן א נעפערלאכע דעפעטיסטישע שטימונג, און דאַקעגן אָנגעוויזן, אַז די שרעקלאכע לאגע אין א״י האָט אים געשטופּט צום פאַרברייטערונגס־געדאַנק. „ה׳ גרינבוים קען ווארטן. איך האָב געזען נאָך יידן, וואָס קענען ווארטן. איך האַלט אָבער, אז די לאגע איז אזא, אז מ י ר ק ע נ ע ן נ י ט וו א ר ט ן; יעדן טאָג אויב מיר רוקן זיך ניט פאראויס, גייען מיר צוריק, ווייל די אַנדערע כוחות גייען פאָראויס... די באדינגונגען, אין וועלכע דער ציוניזם ארבעט נאָך דער מלחמה, זיינען אזעלכע, אז די אויפגאבעס, וואָס זיינען פאר אונז אוועקגעשטעלט געוואָרן, זיינען גרעסער און שטאַרקער פאר דער אָרגאניזאציע. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס: אין דער צייט ווען די פּ ר א ב ל ע מ ע ן וואקסן פון טאָג צו טאָג מיט וואָס א גרעסערער אינטענסיוויטעט, פארגרעסערן זיך אָבער ניט אין דערזעלבער פּראפּאָרציע די כ ו ח ו ת פון א ו נ ז ע ר באוועגונג... און דאַריבער זיינען מיר געקומען צום באשלוס, ניט זייענדיג מותר אויף דאָס קלענסטע, אז מיר אליין וועלן ניט קענען לייזן די אלע גרויסע פראבלעמען מיט דער שנעלקייט, אין וועלכער זיי מוזן געלייזט ווערן... און אז מען קוקט און מען צים ארויס די לאָגישע מסקנות פון די אלע פאקטן, הערט זיך אַ געשריי אין ציוניסטישן לאגער: פלישתּים עליך! און א מומל ווערט ניט פאר די אראבער, נאָר פאר די יידן, וואָס ווילן מיט זייער געלט זיך באַטייליגן אין א״י־אויפבוי״.

וואָס איז נוגע דעם אופן פון פאַרברייטערן די אַגענץ, דערקלערט וויצמאן, אז „עס איז א לעגענדע, אז מיר זיינען געגאנגען צו איינצלנע מענשן און זיי געבעטן אונז ראטעווען. מיר האָבן אונטערהאַנדלט מיט אַזעלכע אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע ס, וואָס שטייען אין מיטל־פּונקט פון יידישן לעבן, לאָמיר זאָגן אין אַמערי־

*) ibidem ז. 222-224.

קע. און איך שטעל מיך די יידישע אגענץ פאָר א צוזאמענגעשטעל־טע פון פארטרעטער פון די אָרגאניזאציעס, וואָס מיינען ערנסט מיטן אויפבוי פון א"י און וואָס ווילן זייער דאָזיגע ערנסטע באַציאונג באווייזן מיט דעם, וואָס זיי זיינען גרייט נעמען אויף זיך צוגלייך מיט אונז די משא און אחריות פאר דער ארבעט. איך גלויב נישט, אַז מען וועט גלייך אַלע אָרגאַניזאַציעס צוציען. איך ווייס אָבער, אַז אין אַמעריקע זיינען דאָ אַזעלכע יידישע קרייזן, וועלכע מען קען היינט פאר אונזער זאך געווינען. איך וואָרן דאַריבער, אז מען זאָל זיי ניט אָפּשטויסן*)".

און ווייצמאַן קומט צום אויספיר, אז גרינבוימס שיטה איז א שאָוויניסטישע און דעם קאָנגרעס לאָזט ער איבער דעם אויסוואל פון זיין פּלאַן ביז גרינבוימס C'est à prendre ou à laisser!

די דאָזיגע שאַרפע ווערטער האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די דעלעגאַטן. ווייצמאַן האָט ארויסגעשטעלט אין קאַמף זיין גאַנצן אויטאָריטעט און פּערזענלאַכקייט. אָדער מען ווילט אויס זיין וועג און ער פאַרבלייבט פּרעזידענט, אָדער ער גייט אַוועק.

דאָך איז די אָפּאָזיציע נישט קיין סך אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אַ חוץ דער דעמאָקראַטישער פראַקציע איז קעגן ווייצמאַנס פּלאַן געווען דער גאַנצער לינקער פליגל. נאָך פאַרן קאָנגרעס האָבן די פראַקציעס „התאחדות", „הפועל־הצעיר" און „פועלי־ציון" אויף זייערע קאָנפערענצן פאָרמולירט זייער שטעלונג אין דער פארברייטע־רונגס פראַגע.

אזוי האָט דער ועד־הפּועל פון „התאחדות" אויף זיין סעסיע פון מאַי 1923 אין בערלין שוין פעסטגעשטעלט, אַז איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאבן פון XIII קאָנגרעס וועט זיין צוצופּאַסן די פאָרם פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו אירע נייע אויפגאַבעס אַלס „יידישע אַגענץ" דורכן פאַרברייטערן דעם פאָלקס־באַזיס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג מיטן אריינפירן אַ גרונטלאַכע ענדערונג אין די וואל־תקנות צום קאָנגרעס**). ווי דאָס זאָל געמאַכט ווערן, קלערט אונז אויף דער „התאחדות"־פירער ד ר. י ע ק ב ה ע ל־

---

*) ibidem ז. 225-231.

**) „העולם", גליון י"ח, מג' סיון תרפ"ג.

מ א ן*). די אגענץ=פראגע איז, לויט זיין מיינונג, א ריין אָרגאַני=זאַציאָנעלע פראַגע. די פאַרברייטערונג פון דער אַגענץ איז נאָר אייגנטלאַך אַ פאַרברייטערונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז די טרעגערין פון געדאַנק פון א"י=אויפבוי, אָדער זי באַדייט אַ שאַפונג פון אַ "נייער" מער ברייטערער אָרגאַניזאַציע — אַ אַלוועלטלאַכע פאַלעסטינע=אָרגאַניזאַציע און א וועלט קאָנגרעס אויפן אָרט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָס קען דערגרייכט ווערן דורך דעם, וואָס מען וועט ג ע ב ן י ע ד ן י י ד, וועלכער איז מסכים מיטן אויפריכטן די יידישע נאַציאָנאַלע היים אין א"י ש ט י ם=ר ע כ ט צום ק אָ נ ג ר ע ס. די ביזאהעריגע שקל=צענזוסן זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן. דאָס וועט אַריינציען וואָס ווייטער אַלץ ברייטערע מאַסן אין דער באַוועגונג, וואָס וועט אין רעזולטאַט צווינגען זיך צו באַטייליגן אין דער אויפבוי=ארבעט אויך די יחידים, די בעלי=השפעה. דער ציוניזם וועט אזוי ארום זיך ארויסברעכן פון זיינע פּאַרטייאישע ראַמען און ווערן אַ מעכטיגע פאָלקס=באַוועגונג.

אן אנדער שטעלונג אין דער פראגע האָט געהאַט דער „הפועל=הצעיר" אין ארץ=ישראל, וועלכער האָט אויף זיין קאָנפערענץ אין תמוז תרפ"ג אין נהלל באשלאָסן, אז „די יידישע אַגענץ קען און דאַרף אויסגעוויילט ווערן נאָר דורכן ציוניסטישן קאָנגרעס, פאר וועלכן זי דאַרף זיין פאַראַנטוואָרטלאַך פאר איר טעטיגקייט. די ציוניסטישע עקזעקוטיווע איז אזוי ארום די יידישע אַגענץ. אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאפטן, וואָס געפינען זיך היינט אויסערהאַלב דער ציוניס=טישער אָרגאַניזאַציע און ווילן זיך מיטבאטייליגן אין דער פּראַקטי=שער ארבעט פון א"י=אויפבוי — דאַרפן באַקומען די מעגלאַכקייט צו שיקן זייערע פאָרשטייער אין „ראַט פון דער יידישער אַגענץ", וואָס וועט געשאַפן ווערן, און וואָס וועט האָבן די רעכט צו קאָנטראָלירן און אינטערפעלירן אין די פראגן פון א"י=אויפבוי*)".

די פארשידענע מיינונגען זיינען אָבער ניוועלירט געוואָרן אויף דער וועלט=קאָנפערענץ פון „התאחדות" פארן קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד. דאָ האָט מען זיך ווידער ארויסגעזאָגט

*) „העולם", גליון כ"ז מי"ד אב תרפ"ג.
*) ibidem ז. 545.

פאר דעם, אז די פארברייטערונג פון דער אגענץ איז טאַקע נויטיג, אָבער זי דאַרף פאָרקומען דורכן פארברייטערן פון אינווייניג די ציוניסטישע אָרגאניזאַציע גופא. דער ציוניסטישער קאָנגרעס דאַרף פארוואנדלט ווערן אין א פאָרשטייערשאפט פון די ברייטססטע פאָלקסמאסן, וואָס ווילן אויפריכטן ארץ=ישראל. לסוף אָבער איז באַשלאָסן געוואָרן, אז „ביזן צונויפרופן דעם יידישן וועלט=קאָנגרעס אלס לעגאלע פאָלקס=אָרגאניזאציע פארן אויפבוי פון ארץ=ישראל פארבלייבט די ציוניסטישע אָרגאניזאציע די יידישע אַגענץ. די מיטהילף פון אַנדערע גרופן, וואָס שטייען אויסער דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, קען מען פארזיכערן דורכן שאפן א פאראייניגטע באראטנדע קערפערשאַפט*)". די „התאחדות"=פאָרשטייער אויפן קאָנגרעס, דר. ארלאזאראָוו, י. ווילקאַנסקי א. א. האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קאַטעגאָריש קעגן ווייצמאַנס פלאַן און ארייננגעטראגן א פארשלאַג, וועלכער אַנטשפרעכט זייער שטאַנדפונקט.

די שטעלונג פון דער „צעירי=ציון"=גרופע האָט פאָרגעשטעלט אויפן קאָנגרעס איר פירער י. מערעמינסקי. ער ווייזט אָן אויף דעם, אז „מיר זוכן ניט די רעטונג צווישן זיך אַליין. ניט דורכן אָרגאניזירן דעם ווילן פון די יידישע מאַסן צו געבן דעם לעצטן גראשן פארן אויפבוי פון א"י, נאָר מיר ציען צו אויסערלאכע כוחות, די קרייזן, וואָס שטייען מחוץ פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע... מיר גלויבן ניט אין פאָלק, און מיר ווענדן אונזער בליק צו די רייכע. דאָס איז א קורצער וועג, וועלכער איז אָבער לאנג, דאָס איז דער וועג פון צושטערן די נאַציאָנאלע היים... יעטווידער, וואָס וויל מיט אונז מיטאַרבעטן, זאָל קומען און זיין האַנט צולייגן צום קרן=היסוד. מיר קענען פארברייטערן אונזערע רייען און אונזערע כוחות, אויב מיר וועלן שטיצן אונזער אויפבוי=ארבעט אויף די פאראייניגטע קרעפטן פון די ציוניסטן און די תורמים פון קרן=היסוד**)".

פון די דאָזיגע ווערטער און פון דער ארייננגעטראגענער רעזאָלוציע פון „צעירי=ציון" איז צו זען, אז די גרופע איז געווען פארן

*) „העולם", גליון ל—ל"ב מה' אלול תרפ"ג.
**) Protokoll des XIII. Kongresses, s. 137—140.

פארבארייטערן די אגענץ ביזן צונויפרופן דעם וועלט־קאָנגרעס דורכן אריינגעמען אין דער לייטונג פון דער אגענץ פארטרעטער פון די קרן־היסוד־צאָלער. אלזאָ אזוי ווי דער XII קאָנגרעס האָט מיט צוויי יאר צוריק נאָך באשלאָסן.

נאָנט צום דאָזיגן שטאַנדפונקט זיינען געווען אויך די „פועלי־ציון". זייער פאָרשטייער א י נ ז ש. ש. ק אַ פ ל אַ נ ס ק י האָט דערקלערט, אז די פארבארייטערונג פון דער אַגענץ איז מעגלאך נאָר, ווען עס וועט אָפּגעהיט ווערן דער דעמאָקראטישער און אַל־וועלטלאכער כאַראקטער פון דער באוועגונג. דאַריבער דאַרף מען נים צוציען יידן נאָר פון די רייכע לענדער, נאָר אויך פארשטייער פון די לענדער, וואו יידן לעבן אין קאָמפּאַקטע מאסן. ביזן וועלט־קאָנגרעס זאָל די יידישע אַגענץ פּראוויזאָריש פארבארייטערט ווערן דורכן אריינציען די פארטרעטער פון קרן־היסוד־תורמים און דע־מאָקראטיש געוויילטע פאָרשטייער פון דער יידישער באפעלקערונג אין פארשידענע לענדער. גענוי ווי דאָס זאָל אדורכגעפירט ווערן, וועט באשטימען דער אַקציאָנס־קאָמיטעט.

מיר זעען אַלזאָ, אז די דריי ארבעטער־פּארטייען האָבן געהאַט דריי פארשידענע מיינונגען. אמת, אלע דריי שטייען אויפן שטאַנד־פּונקט פון א וועלט־קאָנגרעס, אָבער ווען עס גייט אין דער צייט ביז דעם צונויפרופן פון וועלט־קאָנגרעס, פאָדערט דער „התאחדות" א באראטנדע קערפערשאפט פון ציוניסטן און נים־ציוניסטן, די „צעירי־ציון" — א פּראוויזאָרישע געמיינזאמע לייטונג פון ציוניסטן און קרן־היסוד־צאָלער, און „פּועלי־ציון" גיט צו דעם נאָך צו פאָר־שטייער פון יידישע קבוצים. אלץ דאַרף אָבער זיך שטיצן אויף א דעמאָקראטישן באזים. ס'איז אלזאָ בולט דער אונטערשייד פון די שטאַנדפונקטן צו ווייצמאַנס פארבארייטערונגס־פּלאַן.

אויך דער רעכטער פליגל, דער „מזרחי", איז אין אַנהויב גע־ווען נים וויינגער אָפּאָזיציאָנעל. אויף דער ק אָ נ פ ע ר ע נ ץ פ ו ן „מ ז ר ח י" פארן XIII קאָנגרעס איז היים דעבאטירט געוואָרן די פראגע פון דער פארבארייטערנג. עס זיינען געווען אָנ־הייגעד פון ווייצמאַנס פּלאַן. די מערהייט אָבער מיט ה ר ב מ א י ר ב ע ר ל י ן, ה. פ א ר ב ש ט י ין, פ ר אָ פ. פ י ק און ד ר. ב אַ ר ט איז געווען קעגן, און עס איז באשלאָסן געוואָרן,

אז „מזרחי” אַנערקענט, אז דער אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער היים אין א”י דאַרף איבערגעגעבן ווערן דעם גאנצן פאָלק. כדי עס צו דערמעגלאכן, דאַרף מען צונויפרופן וואָס פריהער, אַלנפאַלס נים שפעטער ווי אין משך פון צוויי יאר, אַ יידישן וועלט־קאָנגרעס פארן א”י־אויפבוי. „מזרחי” איז אויך ארויסגעטראטן קעגן אַ פּראַווי־זאָריום פון א פארברייטערטער אַגענץ, וואָס זאָל געשאפן ווערן ביזן וועלט־קאָנגרעס, צוליב די מאָטיוון, אז די צוזאמענאַרבעט מיט די גרויס־יידן און גלעט־יידן איז א סכנה פארן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון אויפבוי־ווערק.

אויפן קאָנגרעס גופא האָט אָבער „מזרחי” געענדערט איר שטעלונג. דער בונד פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס האָט געבילדעט דעם צענטרום אויפן קאָנגרעס, און אויף וועלכן ווייצמאַן האָט זיך געשטיצט, האָט נים געהאַט קיין מערהייט. כדי אדורכצופירן זיינע רעזאָלוציעס וועגן דער אַגענץ, האָבן זיך די לאַנדסמאַנשאַפטן גע־מוזט פארבינדן מיט נאָך אַ פראקציע. מען האָט עס געמאַכט מיטן „מזרחי”.

פון די באַלטימאָרער „פּראָפּאָזעלס”, פון ווייצמאַנס פּלאַן און באַשלוסן פון „מזרחי” זיינען אזוי ארום ארויסגעקומען פאָלגנדע קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציעס:

א. דער קאָנגרעס באַשטעטיגט די באַשלוסן פון די פריהערדיגע ציוניסטישע קאָנפערענצן אין דער פראגע פון צונויפרופן א יידישן וועלט־קאָנגרעס פארן אויפבוי פון א”י אלס יידישע נאַציאָנאַלע היים און דערקלערט, אַז עס וועלן איבערגעגעבן ווערן דער יידישער אגענץ, וואס וועט אויסגעקליבן ווערן דורכן וועלט־קאָנגרעס, וועלכער וועט ווי נאָר מעגלאך צונויפגערופן ווערן אין משך פון די קומענדיגע דריי יאר, אלע רעכט, וועלכע די ציוניסטישע אָרגאניזאציע האָט דער־וואָרבן אויפן יסוד פון ארטיקל 4 פון א”י־מאַנדאַט.

ב. כדי אָבער צו געבן שוין איצט, ביז עס וועט צושטאַנדקומען דער יידישער וועלט־קאָנגרעס, א מעגלאכקייט די ברייטע שיכטן פון יידישן פאָלק אָנטיילצונעמען אין א”י־אויפבוי, זאָל די יידישע אַגענץ פארברייטערט ווערן דורך דער באַלד מעגלאכער

צוציאונג פון פארטרעטער פון אַזעלכע יידישע אָרגאניזאציעס און געזעלשאַפטן, וואָס שטייען אויפן באָדן פון א"י־מאַנדאט.

ג. צו דעם צוועק ווערט די עקזעקוטיווע באַפולמעכטיגט צו שאפן אין הסכם מיטן אַקציאָנס־קאָמיטעט א ראט, וועלכער זאָל באַשטיין פון פארטרעטער פון יידישע אָרגאניזאציעס און פאַרשטייער פון יידישע קבוצים פון פארשידענע לענדער, וואָס אַנערקענען די באלפור־דעקלאראציע און דעם מאַנדאַט איבער א"י; דער ראט וועט צוזאמענאַרבעטן מיטן אקציאָנס־קאָמיטעט. פאר א צוזאמענארבעט מיט דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אַלס מיט דער לייטונג פון דער „יידישער אגענץ" וועט דער ראט בילדן פון צווישן זיינע מיטגלידער א אויסשוס, וועמענס קאָמפּעטענצן עס וועלן רעגולירט ווערן מיט דער הסכמה פון אַקציאָנס־קאָמיטעט.

ד. די ציוניסטישע עקזעקוטיווע וועט אין שיכות מיטן אויבנדערמאָנטן ראט צונויפרופן פארטרעטער פון יידישע אָרגאניזאציעס און פאָרשטייער פון יידישע קבוצים אין פארשידענע לענדער צו א געמיינזאמער קאָנפערענץ, אויף וועלכער מען זאָל קומען צו א הסכם אין דער פראגע פון זייער באטייליגונג אין דער יידישער אַגענץ, וועלכע וועט אזוי ארבעטן ביזן צונויפקומען זיך פון וועלט־קאָנגרעס. עס ווערט אָבער פעסטגעשטעלט, אז אין דער אזוי געבילדעטער יידישער אגענץ וועט די צאָל פון די ניט־ציוניסטישע דעלעגאטן ניט איבערשטייגן א העלפט פון אלע מיטגלידער. די פארשטענדיגונגען מיט די ניט־ציוניסטן דארפן באשטעטיגט ווערן דורך דער יאר־קאָנפערענץ.

ה. דער קאָנגרעס פאָדערט אויף די עקזעקוטיווע און דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט צו טאָן אַלץ, וואָס עס איז מעגלאך, כדי

צונויפרופן דעם וועלט־קאָנגרעס אין באשטימטן טערמין.

די רעזאָלוציעס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין א נאָמענטלא־כער אָפּשטימונג מיט אַ מערהייט פון 163 שטימען פון צענטר און „מזרחי" קעגן 75 שטימען פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע, „התאחדות", „צעירי־ציון" און „פועלי־ציון", ביי דריי אָפּגעהאַל־טענע (צווישן זיי ל. מאָצקין). 78 דעלעגאַטן זיינען ניט געווען אַנ־וועזנד. מיטן אָננעמען די באשלוסן האָט זיך פארענדיגט דער העפטי־גער קאַמף אויפן XIII קאָנגרעס ארום דער פראַגע פון פארברייטערן די יידישע אַגענץ. די עקסטע אינסטאַנץ, דער קאָנגרעס, האָט קלאָר אָנגעצייכנט דעם וועג, וואָס פירט צו א פארברייטערטער יידישער אַגענץ.

פארן צומרעטן צו אַנאליזירן די קאָנגרעס־רעזאָלוציעס וועלן מיר זיי פאַרשטעלן אין ליכט פון זייער באגרינדונג דורכן רעפערענט ד״ר. יהושע טהאָן. דער אָפּזאַץ וועגן וועלט־קאָנגרעס דאַרף באטראכט ווערן אלס א מין דערקלערונג, דעקלאראציע וועגן א ערשטראנגיגער אנגעלעגנהייט, וואָס דאַרף אין דער ווירקלאכקייט ווערן די קרוינונג פון פארברייטערונגס־פּרוב, וועלכן דער קאָנגרעס באשליסט. דער פּרוב דאַרף געמאַכט ווערן שריט ביי שריט אזוי, אז עס זאָל פאראייניגט ווערן דאָס, וואָס עס איז אומבאַדינגט נוי־טיג, מיט דעם, וואָס עס איז מעגלאך און דערגרייכבאר. דעם וועלט־קאָנגרעס קען מען איצט ניט צונויפרופן, דער לעבן קען ניט ווארטן. דאַריבער מוז מען דערוויל שאפן א פּראָוויזאָריום און אים איבערלאָזן צו געפינען דעם ריכטיגן וועג אין לעבן, וואָס וועט ברייננען אין רעזולטאַט צום וועלט־קאָנגרעס.

דער קאָנגרעס איז בכן ווייטער געבליבן ביים שטאַנדפּונקט, אז די ציוניסטישע אָרגאניזאציע וועט אירע רעכט אלס „יידישע אַגענץ" איבערגעבן נאָר א קערפערשאפט, וואָס וועט געוויילט ווערן דורך א אלוועלטלאכן יידישן קאָנגרעס. דער קאָנגרעס דאַרף צושטאַנד קומען אין משך פון דריי יאר. דאָס איז געווים אריין אין די קאָנ־גרעס־באשלוסן א דאַנק דער שטעלונג פון „מזרחי". פון דער אַנדער זייט שטייען די דאָזיגע קאָנגרעס־באשלוסן אין א קעגנזאַץ צו די באַלטימאָרער „פּראפאזעלס" און ווייצמאַנס פּלאַן. ווייצמאַן האָט

דאָך שוין ניט געוואָלט הערן וועגן א וועלט־קאָנגרעס, און דער קאָנ־
גרעס האָט פיקסירט א טערמין פון 3 יאר.

די צוזאמענאַרבעט מיט די ניט־ציוניסטן ביזן וועלט־קאָנגרעס
וועט טראגן דעם כאַראקטער פון א פּראוויזאָריום. קעגן דעם פּראָ־
וויזאָריום איז דאָך „מזרחי" שאַרף ארויסגעטראטן אויף איר וועלט־
קאָנפערענץ, אָבער אין דעם פּרט האָט זי נאָכגעגעבן. דער קאָמפּראָ־
מיס־כאַראקטער פון די קאָנגרעס־באַשלוסן איז בכן בולט.

אין די באַשלוסן ג) און ד) וועגן אָרגאניזירן דעם פּראוויזאָר־
יום זעען מיר א גרויסע השפּעה פון דר. סאָלאָווייטשיקס פּלאַן: א
געמיינזאמע קאָנפערענץ פון פארטרעטער פון יידישע אָר־
גאַניזאציעס און פאָרשטייער פון יידישע קבוצים אין פארשידענע
לענדער, א ראט פון ניט־ציוניסטישן צד, וואָס זאָל מיטאַר־
בעטן מיטן אַקציאָנס־קאָמיטעט, און א אויסשוס, וואָס דער
ראט וויילט אויס, פאר דער מיטאַרבעט מיט דער ציוניסטישער עק־
זעקוטיווע. עס איז אָבער פון די באשלוסן ניט קלאָר די באַציאונג
פון דער קאָנפערענץ צום ראט און וואָס איז די נפקא־מינה צווישן
זיי — אלגפאלס האָט מען זיי שוין באַראַפט בילדן ביז דער יאר־
קאָנפערענץ, אין משך פון א יאר צייט. מען האָט גערעכנט, אז עס
וועט לייכט געלינגען דעם פּראוויזאָריום צו שאפן. די יאר־קאָנפערענץ
דאַרף ראטיפיצירן די פארשטענדיגונג מיט די ניט־ציוניסטן. די
עקזעקוטיווע קען ניט האַנדלען אויף אייגענער האַנט. זי מוז זיך אויך
פארשטענדיגן מיטן אַקציאָנס־קאָמיטעט בנוגע דער שאפונג פון ראט,
בנוגע די קאָמפּעטענצן פון אויסשוס. מיר זעען אזוי ארום, אז די
באַפולמעכטיגונג פאר דער עקזעקוטיווע, וואָס עס האָבן געפאָדערט
די באַלטימאָרער „פּראפּאזעלס", איז דורכן קאָנגרעס ניט געגעבן גע־
וואָרן. דער קאָנגרעס האָט די עקזעקוטיווע באַגרעניצט און געשטעלט
נאָך באַדינגונגען: די צוגעצויגענע פארטרעטער פון יידישע אָרגאַני־
זאציעס און קבוצים מוזן שטיין אויפן באָדן פון דער באַלפור־
דעקלאראציע און א"י־מאַנדאַט, די צאָל פון די ניט־ציוניסטישע
מיטגלידער פון דער פארברייטערטער אגענץ דאַרף ניט איבערשטייגן אַ
העלפט פון אלע מיטגלידער. דאָס איז דער פּרינציפּ פון fifty - fifty.
אָבער מער גאָרניט. עס ווערן ניט דערמאָנט די פיר תּנאים, וועגן
וועלכע עס האָט גערעדט ווייצמאן. די פראגע פון דער פאראנט־

וואָרטלאכקייט איז איננאנצן ניט באַרירט. דאָך מוז אָבער באַטאָנט ווערן, אז אין די אָנגענומענע אויפן קאָנגרעס באַשלוסן זעען מיר פון איין זייט א קליינע השפעה פון דער אָפּאָזיציע; פון דער צוויי־טער זייט איז ווייצמאַנס פלאַן, מיט וועלכן ער איז געקומען צום קאָנגרעס, ווייט איננאנצן ניט אַקצעפּטירט געוואָרן. פונדעסטוועגן איז ווייצמאַן פארבליבן, ווייל מען האָט די רעזאָלוציעס געקענט פאַרשידנאַרטיג אינטערפּרעטירן.

קעגן די אָנגענומענע רעזאָלוציעס איז ארויסגעטראָטן די אָפּאָ־זיציע מיט אירע פאַרשלאָגן. פון צווישן זיי וועלן מיר זיך אָפּשטעלן נאָר אויפן מ י נ ד ע ר ה י י ט ס ־ פ אָ ר ש ל א ג פון דער דע־מאָקראַטישער פראַקציע, וועלכן י. גרינבוים האָט אין א לייננערער רעדע באַגרינדעט. דער קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע פון דער מערהייט וואַרפט גרינבוים פאָר דאָס, וואָס זי שאַפט נאָר אַ שעדלאַכן פּראָווי־זאָריום, וואָס זי וויל אָרגאַניזירן די ציוניסטישע פּעריפעריע אין אַ פּאַראַלעל־אָרגאַניזאַציע צו דער ציוניסטישער, זי פאַרגעסט אָבער דערביי צו רעגולירן די באַציאונגען פון די צוויי אָרגאַניזאַציעס, און וואָס זי ענטהאַלט אייגנטלאך נאָר איין קאָנקרעטע זאַך: דאָס איז די איינלאַדונג צו פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס מיטצואַרבעטן ביים א"י־אויפבוי. די פּרינציפּן פון דער מערהייטס־רעזאָלוציע שטעלט ער אַנטקעגן זיין פּרינציפּ פון acheronta movebo, פון גיין אין פאָלק, אין אַלע גלות־לענדער, פון אָ ר ג אַ נ י ז י ר ן די ב ר י י ט ס ט ע מ אַ ס ן א י ן ל אַ נ ד ע ס ־ ק אָ נ פ ע ר ע נ צ ן, וועלכע זאָלן באַשליסן מיטצוקעמפן און מיטהעלפן אין אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער היים. „די פאַרטרעטער פון די יידישע ק ב ו צ י ם אין פאַרשידענע לענדער האָבן דעם רעכט, כל זמן דער וועלט־קאָנ־גרעס וועט ניט צושטאַנד קומען, צוזאַמענשליסן זיך מיט אונזער אַקציאָנס־קאָמיטעט און שאַפן דעם קאָנסיל, דעם ראַט פון דער יידישער אַגענץ, און אויסוויילן דעם אויספיר־אָרגאַן פון דער יידישער אַגענץ, וועלכער זאָל דאַמאָלס פאַרן ראַט זיין סאָלידאַריש פאַראַנט־וואָרטלאַך. וועט עס געלינגען, וועלן מיר האָבן אַ גרויסע אויטאָרי־טעטע קערפּערשאַפט, וועלכע וועט באמת קענען רעדן אין נאָמען פון יידישן פאָלק *)". ביז דאָס וועט אָבער אָרגאַניזירט ווערן פאַרבלייבט

*) ibidem ז. 418.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע די טרעגערין פון אַלע רעכט און פליכטן פון דער „דזשואיש איידזשענסי”. אַלזאָ ניט קיין פראוויזאָריום און ניט קיין אָרגאַניזאציעס, נאָר געוויילטע פארטרעטער פון יידישע קבוצים בילדן צוזאַמען מיטן א. ק. דעם ראַט פון דער יידישער אַגענץ. און ער, דער ראט, ווײלט אוים דעם אויספיר אָרגאן, די עקזעקוטיווע. דער דאָזיגער פלאַן איז אַ סך פשוטער און ניט אזוי קאָמפליצירט. זיין איינציגער פעלער אָבער פאר דער מערהייט איז באַשטאנען אין דעם, וואָס ער איז ניט גיך אויספירבאַר, מען מוז וואַרטן. און וואַרטן האָט די מערהייט ניט געוואָלט.

דאָס זיינען די רעזולטאַטן פון XIII ציוניסטישן קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד. זיי שליסן אָפּ אַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַגענץ, דעם קאַפּיטל פון זוכעניש פון פלאַנען, ווי די אַגענץ צו פארברייטערן. אָנגעהויבן האָט מען פון אַ וועלט־קאָנגרעס און פארענדיגט מיט אַ פראָוויזאָריום, איבערלאָזנדיג דעם וועלט־קאָנגרעס אויף דעם ווייטן עתיד. נאָכן XIII קאָנגרעס טרעטן מיר אריין אין אַ תקופה פון רעאַליזירן די קאָנגרעס־באַשלוסן, פון אונטערהאַנדלונגען, פון שאַפן די פאַרברייטערטע יידישע אַגענץ.

# IV

# די ערשטע שריט פון דער פאַרברייטערונג

## י״א.

## אראבישע אגענץ

נאָכן קאנגרעס — די פאַרברייטערונגס-ארבעט — דער דיחוי — ענגלישע פּאָליטיק לגבי די אראבער אין א״י — טשערטשיל-ווייס-בוך — געזעצגעבערישער ראט און באַראַטנדע קערפּערשאַפט — אראבישע פאָדערונגען — „ערעב איידזשענסי״ – אראבישע אַגענץ און יידישע אגענץ — די תשובה פון די אראבער — די אויפרע-קונג אין דער ציוניסטישער עפנטלאַכקייט — שטימען פון דער יידישער פּרעסע אין גלות און אין א״י — די ציוניסטישע אַרגו-מענטן — אויסעראָרדנטלאכע סעסיע פון אקציאָנס-קאָמיטעט און אירע באשלוסן — דער באשלוס וועגן דער אַגענץ פאַרברייטערונג — די ענטשפאנונג — 2-טע סעסיע פון 6-טן ציוניסטישן צוזאמענפאָר אין פוילן — ערשטער ענטפער פון יידישן פאָלק אויפן רוף פון XIII קאָנגרעס.

דער XIII קאָנגרעס האָט אין זיינע באַשלוסן וועגן דער אַגענץ אָנגעצייכנט אַ וועג, אויף וועלכן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געזאָלט גיין, כדי צו פאַרברייטערן די יידישע אַגענץ. דאָס איז געווען דער עפּילאָג פון דעם קאַמף, וועלכער האָט זיך אָפּגעשפּילט אין ערשטן יאָר פון זיבן-יעריגן-קריג ארום דער פאַרברייטערונגס-פראַגע. דער קאָנגרעס, די העכסטע אינסטאַנץ אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און באַוועגונג האָט איר וואָרט געזאָגט, אין אירע באַשלוסן אים אויסגעדריקט. און הגם די דאָזיגע רעזאָלוציעס זיינען געווען אַ פּועל-יוצא פון אַ שטרייט און זיינען פאַרבליבן קאָמפּראָמיסן, דאָך האָט זיי די עקזעקוטיווע געמוזט רעאַליזירן און נאָר לויט זיי זיך ריכטן. די קאָנגרעס-החלטות האָבן פאָראויסגעזען, אַז די פאַרשטענדיגונג מיט די ניט-ציוניסטן מוז געשאַפן ווערן אין משך פון א יאר צייט.

נאָכן XIII קאָנגרעס האָט זיך אָנגעהויבן די ארבעט ארום דער פאַרברייטערונג פון דער יידישער אַגענץ באַלד ביים אָנהויב אָבער איז די דאָזיגע ארבעט ווי איבערגעריסן געוואָרן, אין שטן פאַרבליבן צוליב א וויכטיגן עווענעמאַן אין פּאָליטישן לעבן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. עס זיינען נאָך ניט אַריבער קיין צוויי חדשים, ווי דער קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד איז געשלאָסן געוואָרן, דאָס

איז די צייט פון אַפּרו נאָך די שווערע קאָנגרעס־טעג און די צייט פון די יידישע יום־טובים, ווי א גייע געשעעניש האָט עלעקטריזירט די ציוניסטישע עפנטלאַכקייט און די גאַנצע באַוועגונג. דאָס איז די פראַגע פון דער „ערעב־איידזשענסי" — אראבישער אַגענץ, וועלכע האָט א געוויסע, אפילו א קורצע צייט איננאנצן אבסאָרבירט די ציוניסטישע עפנטלאכע מיינונג און די העכסטע ציוניסטישע אינסטאַנצן. די דאָזיגע פראגע שטייט אויך אין א נאָענטן שיכות צו דעם פראבלעם, וועלכן מיר באהאנדלען. די פארברייטע־רונגס־ארבעט איז צוליב דעם טאָקע דערווייל ווי אָן א זייט אַוועק־גערוקט געוואָרן, און דער פראבלעם פון דער „יידישער אַגענץ" אַלס אזא איז נאָך בולטער און מער באדייטנדער געשטאַנען ווידער אויפן סדר־היום פון די ציוניסטישע בעראטונגען. די יידישע אַגענץ איז געווען אין סכנה.

מיר וועלן כראנאָלאָגיש איבערגעבן די געשיכטע מיט דער „אראבישער אַגענץ", באַנוצנדיג זיך מייסטנטייל מיט אָפיציעלע דאָ־קומענטן, וועלכע זיינען שפּעטער פארעפנטלאכט געוואָרן אין א ווייס־בוך*).

די באלפור־דעקלאראציע איז געווען א דאָרן אין אויג די אראַ־בישע פירער און וואָרטזאָגער, באזונדערס די פון נאַציאָנאליסטישן לאגער, וועלכע האָבן באַקעמפט די יידן און צוגלייך די ענגלישע מאַנדאטאָר־מאַכט. די באלפור־דעקלאראציע, דער רעכטלאכער יסוד פאר דער אויפריכטונג פון דער יידישער נאַציאָנאלער היים אין א"י, איז געוואָרן א אבן־הנגף פאר אלע צוזאמענשטויסן און קאָמפּלי־קאַציעס אין א"י־דיגן לעבן און באזונדערס אין צוזאמענלעבן פון די יידן מיט די אראבער. ווען ענגלאנד האָט איבערגענומען דעם מאַנ־דאַט איבער א"י און איינגעשטעלט דאָרט א ציווילע מאַכט מיט הערבערט סעמועלן אלס נציב העליון בראש, האָט זי זיך אוועקגע־שטעלט אלס ציל דאָס באַרואיגן די אראבישע צוהיצטע געמיטער און געפינען א modus vivendi פאר דער באפעלקערונג פון ארץ־ישראל.

מען האָט באַדאַרפט איינהאַלטן און איינשטילן דעם צאָרן פון

---

*) „העולם", גליון מ"ג—מ"ד מכ"ג כסלו תרפ"ד.

די אראבער. און דאַריבער איז ענגלאַנד געגאַנגען אויף הנחות פאַר די אראבער, הגם זיי האָבן עס געמאַכט די פּאָגראָמען און אָנפאַלן אין די יאָרן 1920/21 אויף דער רואיגער יידישער באַפעלקערונג. אַלס אויפן פועל יוצא פון דער דאָזיגער ענגלישער פּאָליטיק קען אָנגעוויזן ווערן אין דער ערשטער ריי אויף דעם באַרימטן טשערטשיל־ווייס־בוך פון 1922, און ווייטער אויפן פּראָיעקט פון א געזעצגעבערישן ראט, א מין פּאַרלאַמענט פאַר א״י, אויפן פאָרשלאָג פון א נייער באַראטנדער קערפּערשאַפט מיט א איבערוויגנדיגער אראבישער מערהייט (8 מוזולמענער, 2 יידן און 2 קריסטן אָנשטאָט ווי ביזאהער: 6 מוזולמענער, 3 יידן און 3 קריסטן). דאָס אַלץ האָט ניט באַפרידיגט די אראבער. דער „ווייס־בוך" איז געווען פאַר זיי צו ווייניג, זיי האָבן געפאָדערט דעם בטול פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. בעת די וואַלן צום געזעצגעבערישן ראט האָבן זיי דערקלערט א באָיקאָט, וואָס האָט דערבראַכט צו דעם, אַז־פיל הונדערטער־טויזנטער אראבער האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען און אויפן אָרט פון 809 דעפּוטאַטן זיינען אויסגעוויילט געוואָרן 167 (68 מוזולמענער, 14 קריסטן, 79 יידן און 6 דרוזן); די רעגירונג איז געווען געצוואונגען שפּעטער די וואַלן מבטל מאַכן. אויך די באַראטנדע קערפּערשאַפט האָבן די אראבער ניט געוואָלט, און זייערע 8 נאָמינירטע פאָרשטייער האָבן געלייגט זייערע מאַנדאַטן. צווישן די אראבער האָט אזוי ארום געזיגט די פּאָליטיק פון די נאַציאָנאַליסטן. די ענגלישע פּרובן צופרידנשטעלן די אראבער האָבן דאַריבער קיין פעולה ניט געהאַט. דאָך האָט די ענגלישע מאַנדאַטאָר־מאַכט זיך ניט אָפּגעשראָקן און נאָך די ניט געלונגענע נסיונות איז זי געקומען מיט נאָך אַ פּרוב, מיט אַ נייעם פאָרשלאָג פון א „אראַבישער אַגענץ".

דער אויטאָר פון פּראָיעקט פון אן אראבישער אַגענץ, וועלכע זאָל זיין פאַר די א״י־דיגע אראבער א אַנאַלאָגישע קערפּערשאַפט צו דער יידישער אַגענץ, איז — ווי עס באַהויפּטעט מ. מרזיני*) — הערבערט סעמועל אליין. ער זאָל עס האָבן פאָרגעשלאָגן נאָך אין יאָר 1921 גלייך נאָך די אומרוהען אין א״י. דאָס איז אָבער דאַמאָלס

*) „עשר שנים של מדיניות ארץ־ישראלית" דף 238.

ניט באַטראַכט געוואָרן. נאָך די דורכפאַלן מיטן פּאַרלאַמענט און
דער באַראַטנדער קערפּערשאַפט איז די ענגלישע פּאָליטיק בנוגע
די אַראַבער אין א"י ווידער געבליבן אָפן און געוואַרט אויף אַ לײַ=
זונג. איצט איז שוין אָבער די סיטואַציע געווען א סך מער פאַר=
פּלאָנטערט. סעמועל איז געפאָרן אויף זומער קיין לאָנדאָן, און דאָן
איז עס אויסגעאַרבעט געוואָרן דער גאַנצער פּלאַן פון דער אַראַבי=
שער אַגענץ.

דעם 4=טן אָקטאָבער 1923 האָט דער ענגלישער קאָלאָניען=
מיניסטער איבערגעשיקט הערבערט סעמועלן א בריף, אין וועלכן
ער האָט צווישן אַנדערע געשריבן: די בריטישע רעגירונג, וועלכע האָט
זיך פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע פון איר פּאָליטיק אין א"י,
האָט אין דעם ענין באַשלאָסן, אז „דער שליסל צו דער בריטישער
פּאָליטיק אין א"י ליגט אין דער באַלפור=דעקלאַראַציע. זי איז געווען
איינער פון די וויכטיגסטע מאָמענטן, צוליב וועלכע גרויסבריטאַניען
האָט איבערגענומען דעם מאַנדאַט איבער א"י. די באַלפור=דעקלאַ=
ראַציע איז אזוי אַרום געוואָרן אן אינטערנאַציאָנאַלע התחיבות, פון
וועלכער גרויסבריטאַניען קען זיך ניט בשום אופן באַפרייען". די
אַראַבער זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער דעקלאַראַציע און
געפאָדערט זי מבטל מאַכן צוליב דער מורא, אז זי וועט דערברייגגען
צו א יידישער פאַרוואַלטונג אין א"י. די אויפגאַבע פון דער א"י=
אַדמיניסטראַציע איז געווען צו געפינען א גלייכגעוויכט פאַר ביידע
צדדים. מען האָט די אַראַבער געוואָלט נאָכגעבן און שאַפן א פּאַר=
לאַמענט, זיי האָבן זיך אָבער פון דעם אָפּגעזאָגט. דעריבער זוכט מען
אן אַנדער וועג, כדי צופרידנשטעלן די גערעכטע טענות פון די
אַראַבער. צווישן אַט די טענות פון דער אַראַבישער זייט געפינט זיך
איינע, וועלכע איז דער מקור פון דער קריגעריי. דאָס איז די פראַגע
פון דער יידישער אַגענץ, וועלכע פאַרנעמט א גאָר באַזונדערע שטע=
לונג אין דער פאַרוואַלטונג פון א"י לויטן אַרטיקל 4 פון מאַנדאַט.
„הגם די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, ד. ה. די יידישע אַגענץ, באַ=
טייליגט זיך ניט פאָרמעל אין דער א"י=אַדמיניסטראַציע, דאָך גע=
ניסט זי אָבער און מיט איר די יידישע איינוואוינער פון לאַנד, פון
מער רעכט ווי אַלע איבעריגע בירגער צוליב דעם, וואָס זי, די יידי=
שע אַגענץ, איז אן אָפיציעל אַנערקענטע קערפּערשאַפט און קען

שטעלן פאָרערונגען דעם נציב העליון. פון דעם איז געדרונגען, אז די ביזאהעריגע לאגע האָט ארײַנגעבראכט א נ י ט ־ ג ל ײ כ ה י י ט צ װ י ש ן ב ײ ד ע ט י י ל ן פ ו ן ד ע ר א ״ י ־ ב אַ פ ע ל ק ע ר ו נ ג. אמת איז, אז זײַן מאַיעסטעטס רעגירונג קען ניט באװײַזן, אז די עקזיסטירנדיגע לאגע האָט דערבראכט צו װאָס פאר עס איז עולה. דאָך אָבער איז קלאָר, אז די ניט־גלײַכהײַט דערװעקט א קעגנערשאפט. כדי די דאָזיגע קעגנערשאפט אויסמײַדן לײגט זײַן מאַיעסטעטס רעגירונג פאָר פאָלגנדעס: „צונעמען איצט בײַ דער ײדישער אַגענץ די רעכט, װעלכע זײַנען איר פאָרמעל גאראנ־טירט און פון װעלכע זי גענים שוין מער װי א יאָר, האָט קיין זין ניט. מיר קענען נאָר ד י ז ע ל ב ע ר ע כ ט א נ ע ר ק ע־נ ע ן א ו י ך א ן א ר א ב י ש ע ר אַ ג ע נ ץ״. דורך דעם װיל די ענגלישע רעגירונג ארויסװײַזן איר גוטע כונה און גרײטקייט צום אײַנשטעלן א פרידלאכע באציאונג צװישן ײדן און אראבער און צו אדמיניסטרירן אין א״י אויף גלײַכע פאר בײדע צדדים יסודות. „דעריבער איז גרייט זײַן מאַיעסטעטס רעגירונג מיט אַ גוטן װילן זיך באַציען צום פּראיעקט פון אן אראבישער אַגענץ אין א״י, װעמענס שטעלונג זאָל זײַן אַ נ אַ ל אָ ג י ש צ ו ד ע ר ש ט ע ל ו נ ג פ ו ן ד ע ר י ד י ש ע ר אַ ג ע נ ץ, װאָס איז באַשטימט אין ארטיקל 4 פון מאַנדאַט״. צום סוף פון בריף װערט נאָך געזאָגט, אז די אראבישע אַגענץ װעט אַנטשטײן נאָר מיט דער הסכמה פון בײדע צדדים, ד. ה. פון די אראבער און דער ציוניסטי־שער אָרגאניזאציע. מיט די אראבער זאָל פּערטראקטירן הערבערט סעמועל, מיט די ציוניסטן װעט זיך שוין פארשטענדיגן דער קאָ־לאָניען־מיניסטער אלײן.

װען הערבערט סעמועל האָט דעם דאָזיגן בריף באַקומען, האָט ער גלײַך צװױסן געגעבן די אראבישע פירער װעגן נײַעם פלאן פון שאפן אן „אראבישע אַגענץ״ און צונויפגערופן אויפן 11־טן אָקטאָ־בער צו זיך אויף א זיצונג די אראבישע בירגערמײַסטערס, די אראַ־בישע עקזעקוטיװע, דעם מוזולמענישן העכסטן ראט און פארטרע־טער פון אַנדערע אַראבישע אָרגאניזאציעס. אויף דער זיצונג האָט סעמועל אַנטװיקלט פאר די אראבישע פאָרשטײער דעם פּראיעקט פון שאפן אן אראבישע אַגענץ װאָרט בײַ װאָרט, װי ס׳איז געשריבן

געוועזן אין בריף פון קאָלאָניען־מיניסטער. צום סוף האָט סעמועל צוגעגעבן, אז ווען צוזאמענשטעל פון דער אראבישער אגענץ וועט ער זיך פארשטענדיגן מיט די אראבער אליין און זען, אז זי זאָל באמת זיין א פאָרשטייערין פון אלע אראבישע איינוואוינער אין א"י. אויב דער פראיעקט וועט אָנגענומען ווערן, דאַמאָלס וועט פאָרגע־שטעלט ווערן דעם פעלקער־בונד א פעטיציע צו שאפן דעם פאָר־מעלן באזיס פאר דער אראבישער אָגענץ. די „אראבישע אָגענץ" וועט נים זיין קיין געזעצגעבערישע קערפערשאפט, נאָר אַ פ א ר־ט ר ע ט ו נ ג, וועלכע זאָל זיין קעגנגעשטעלט און באגרענצן די רעכט פון דער יידישער אַ ג ע נ ץ. „איך האָב א אינסטרוקציע — האָט סעמועל פאר־ענדיגט — זאָגן אייך, אז זיין מאַיעסטעטס רעגירונג זעט אין שאַפן פון דער אראבישער אָגענץ אַ וויטגייענדיגע הנחה בנוגע צו די ארא־בישע פאָדערונגען. אויב דער פאָרשלאָג וועט נים אָנגענומען ווערן, וועט די בריטישע רעגירונג שוין מיט מער פאָרשלאָגן אין דער פרא־גע ווייטער נ י ט קומען".

נאָך סעמועלס רעדע האָבן זיך די אראבישע פאָרשטייער באַ־ראטן, און אין צען מינוט ארום האָט מ ו ס א ־ ק אָ ז י ם ־ פ אַ ש א, דער פירער פון די נאַציאָנאַליסטן, געמאָלדן דעם נציב אין נאָמען פון דער גאנצער אראבישער דעלעגאציע, אז זיי נ ע ־ מ ע ן נ י ט אָ ן ד ע ם פ אָ ר ש ל א ג פון אן אראבישער אגענץ, ווייל זי וועט נים באפרידיגן די אראבישע שטרעבונגען. די אראבער האָבן קיינמאָל נים אָנערקענט די שטעלונג פון דער יידישער אָגענץ און דאַריבער ווילן זיי נים שאַפן אויפן זעלבן באזיס אן ארא־בישע אָגענץ.

מיט דעם האָט זיך די קאָנפערענץ פארענדיגט, און ווען רע־זולטאַט האָט סעמועל גלייך צוווישן געגעבן דעם קאָלאָניען־מיניס־טער אין לאָנדאָן.

נאָך דעם אלעמען זיינען די אראבער געוואָרן נאָך מער שטיי־פער און זייערע פאָדערונגען ארויסגעשטעלט מיט נאָך אַ גרעסערן קאָמפּסלוסט. צווישן די דאָזיגע פאָדערונגען, וועלכע זיינען פאָרמו־לירט געוואָרן אין די באשלוסן פון דער אראבישער עקזעקוטיווע, וואָס זיינען איבערגעשיקט געוואָרן דעם נציב העליון, געפינען מיר נאָכ־

אַמאָל די שאַרפע אַראַבישע אַרגומענטן קעגן דער באַלפור־דעקלאַ־ראציע און מאַנדאַט. וואָס איז נוגע דער אַראַבישער אַגענץ ווערט געזאָגט, אַז דער ציל פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג איז ניט צו באַקומען אַן אַראַבישע אַגענץ, וועלכע זאָל אַנטשפּרעכן דער „דזשואיש אייזשענסי", נאָר צו באַקומען פולקאָמע פרייהייט. די „ערעב אייזשענסי" וויל אַוועקשטעלן אויף דער זעלבער מדרגה אַראַבער און יידן און אַזוי אַרום טראַקטירן די אַראַבער ווי פרעמדע אין זייער אייגן לאַנד. דאַריבער וואַרפן אָפּ די אַראַבער דעם פּלאַן פון שאַפן אַן אַראַבישע אַגענץ און נעמען ניט אין אַכט די דערקלערונג פון דער רעגירונג, אַז דער דאָזיגער פּלאַן איז דער לעצטער פּרוב פון אַ פאַר־שטענדיגונג*).

דאָס זיינען געווען די אונטערהאַנדלונגען פון דער ענגלישער רעגירונג מיט די אַראַבער און אַזאַ סוף האָבן זיי געהאַט. דער דאָזיגער עפּיזאָד האָט אַ גרויסע חשיבות פאַר דעם פּראָבלעם פון דער ענגליש־אַראַבישער פּאָליטיק אין א"י. ער האָט באַדאַרפט זיין דער לעצטער פּרוב פון וועלן געבן די אַראַבער אַ מעגלאַכקייט צו ווירקן אויף דער א"י־אַדמיניסטראַציע. פון דער אַנדער זייט האָט פאַר אונז דער עפּיזאָד אַ גרויסע וויכטיגקייט, ווייל ער האָט געשטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן די ספּעציפישע שטעלונג פון דער יידישער אַגענץ און זי באַדראָט מיט אַ גרויסער סכנה. מיר וועלן דאַריבער לייכט פאַרשטיין דעם גרויסן שטורם, וואָס דער פּראָיעקט פון אַן אַראַבישער אַגענץ האָט אַרויסגערופן אין די ציוניסטישע קרייזן. די פראַגע איז געוואָרן די הויפּט־טעמע פון אַלע עפנטלאַכע דיסקוסיעס. הגם עס איז באַלד באַוואוסט געוואָרן, אַז די אַראַבער האָבן אָפּגעוואָרפן די פאָרשלאָגן פון דער בריטישער רעגירונג, דאָך האָט עס קיין ווירקונג ניט געהאַט אויפן אָפּשוואַכן דעם טעמפּעראַמענט פון דער דע־באַטע אַרום דער פראַגע. די ציוניסטישע עקזעקוטיווע, ווי נאָר זי איז דורך דער רעגירונג אָנגעפרעגט געוואָרן וועגן איר שטעלונג צום פּלאַן פון אַן אַראַבישער אַגענץ, האָט גלייך באַשלאָסן צונויפרופן אַ אויסעראָרדנטלאַכע זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט אויפן 24־טן אָקטאָבער 1923.

---

*) „העולם", גליון מ"ה מכ"ב כסלו תרפ"ד.

די דאָזינע באאומרואיגונג און דענערווירונג אין דער ציוניס־טישער עפנטלאכקייט איז פארשטענדלאך, ווייל דער פארשלאג פון אן אראבישער אגענץ איז בלי ספק געווען אן אטענטאט אויפן א״י־מאַנדאַט, וועלכער איז נים לאנג ערשט אריין אין קראפט, און אויף די רעכט פון דער יידישער מינדערהייט אין לאנד, ווען עס איז גאראנטירט געוואָרן די מעגלאכקייט פון אויפצוריכטן איר נאַציאָנאלע היים.

דער אָפיציאָז פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, דער „העו־לם״, שרייבט*), אז „אין די באשטימונגען פון מאַנדאַט וועגן דער יידישער אגענץ קען מען זען נאָר דאָס, וואָס עס איז אומבאַדינגט נויטיג, כדי צו דערמעגלאכן דאָס אויפריכטן דער נאַציאָנאלער היים אין א״י. ד י אַ ר א ב ע ר, וועלכע זיינען אין לאנד זעקס מאָל אזוי פיל, ה אָ ב ן שוין מיט דעם אליין, וואָס זייער צאָל איז אזוי פיל מאָל גרעסער לגבי אונז, אַ פ א ק ט י ש ע ב ע ס ע ר ע פּ אָ ז י צ י ע. אונזער שטרעבונג צו שאפן א נאַציאָנאלע יידישע היים וואָלט באמת געוואָרן אן אוטאָפיע, ווען נים די גאראנטיעס פון מאַנדאַט... דער מאַנדאַט מיינט בכלל נים שטעלן די אראבער אויף א נידרינערער מדרגה פון די יידן, נאָר ער גיט די מעגלאכקייט צו שאפן די יידישע היים אין א״י״.

פון די ארגומענטן איז צו זען, אז דער „העולם״ טרעט ארויס קעגן הויפט־געדאַנק, אויף וועלכן עס שטיצט זיך די בריטישע רעגי־רונג ביים פראפאָנירן אן אראבישע אַגענץ — קעגן דער הנחה וועגן דער פריווילעגירטער שטעלונג פון די יידן אַ דאַנק דער יידישער אַגענץ.

א סך שארפער פארן „העולם״ זאָגט זיך ארויס די יידיש־ענגלישע „דזשואיש קראָניקל״, וועלכע באריכט הויפטזעכלאך די יורידיש־פּאָליטישע זייט פון ענגלישן פארשלאג צו די אראבער. זי ווארפט פאָר דער ענגלישער רעגירונג, אז זי טרעט דייטלאך אָפּ פון מאַנדאַט, אויף וועמענס יסוד זי הערשט אין א״י, און איגנאָרירט דעם גייסט פון מאַנדאַט. „די יידישע אַגענץ איז איינע פון די וויכ־טיגסטע באשטימונגען פון מאַנדאַט, וועלכער איז געשאפן געוואָרן

*) גליון ל״ט מט׳ מרחשון תרפ״ד.

נאָר צו דערמעגלאכן דעם אויפשטעל פון דער יידישער נאַציאָנאַ-לער היים און מאַכן א"י פאר א יידישן פּאָליטישן קבוץ. דער מאַנ-דאַט וויל גאָרנים שאפן קיין אראבּישע אַגענץ, פּשוט צוליב דעם, וואָס לויטן גייסט פון מאַנדאַט דאַרף נים אין א"י געשאפן ווערן אן אראבּישע נאַציאָנאַלע היים אָדער אן אראבּישער פּאָליטישער צענטר.

דער פאָרשלאג פון ענגלאנד איז דאַריבּער אינגאנצן אין סתירה צום גייסט פון מאַנדאַט און דאַריבּער קען ער נים האָבן קיין שום יורידישע בּארעכטיגונג".

דאָס זיינען געווען די וויכטיגסטע ארגומענטן פון ציוניסטישן צד קעגן דעם פאָרשלאג פון שאַפן אן אראבּישער אַגענץ. די בּא-אומרואיגונג, וואָס דער דאָזיגער פאָרשלאג האָט ארויסגערופן אין די ציוניסטישע רייען, באווייזט אונז דער ארטיקל*) פון י. גרינבוים, וועלכער טרעט צו צו דעם ענין פון אן אנדער שטאַנדפונקט: דאָס שאפן אן אראבּישע אַגענץ „וואָלט געקענט האָבן א דעצידירנדיגע באדייטונג פאר דער גאנצער אַנטוויקלונג פון ציוניזם. עס פרעגט זיך אלזאָ — פארוואָס איז עס געקומען פאר אונז אלע אזוי אומדערוואר-טעט? און צי איז עס אויך געווען אומדערווארטעט פאר אונזער פּאָ-ליטישער לייטונג? אין ביידע פאלן איז עס — לאָמיר עס זאָגן אָפן — גאָר א שלעכטער סימן פאר אונזער שטעלונג און ארבּעט אין לאָנדאָן". ארומרעדנדיג ווייטער די ענגלישע פּאָליטיק אין א"י, וועלכע שטיצט זיך אויף הנחות און פשרות לטובת די אראבּער, דריקט גרינבוים אויס די מיינונג, אז „בעל כרחו אַנטשטייט די מורא, אז פון דער עצם באלפור-דעקלאראציע וועט גאָרנים בלייבן". און דאַריבּער „וואו איז דער גרעניץ פון די דאָזיגע הנחות? מיר האָבן געמיינט, אז דער „ווייס-בוך" האָט דעם דאָזיגן גרעניץ באצייכנט. עס זיינען אָבּער געקומען ווייטערע טריט אויף דעם משופּע-וועג, אויף וועלכן די ענגלישע פּאָליטיק אין א"י האָט זיך געשטעלט, און מיר ווייסן שוין ווידער נים, וואו איז דער גרעניץ, ביי וועלכן דער דאָזיגער פּראצעס וועט זיך פארהאַלטן?... און אין דער זעלבּער צייט מוזן מיר זיך אויך שטעלן די פראגע: וואו איז דער גרעניץ פון אונ-זער נאָכגיביגקייט?".

---

*) „וואו איז דער גרעניץ?", אין „חבלי גאולה" ז. 107—104.

אויב די ציוניסטישע עפנטלאכע מיינונג אין גלות איז געווען שטאַרק באאומרואיגט צוליבן פּראיעקט פון דער אראבּישער אַגענץ, האָט די יידישע עפנטלאכקייט אין א"י ארויסגעוויזן אַ גרויסע דאָזע פון שטאַנדהאַפטיגקייט און בארואיגונג. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס דער יידישער ישוב איז פון איין זייט געווען צופרידן פון די האַרבּע ווערטער, וועלכע סעמועל האָט אריינגעזאָגט דער אראבּישער דעלעגאציע, און פון דער אַנדערער זייט האָט דאָך שוין די גאנצע פראגע ניט געהאַט קיין שום פּראקטישע באַדייטונג. דער „הארץ" ווייזט נאָר אויף, אז די אראבּישע אַגענץ וואָלט ניט געהאַט קיין שום רעאלן יסוד, קיין שום טעם און פארשטענדניש, ווען זי וואָלט באדארפט זיין די רעפּרעזענטאַנץ נאָר פון די אראבּישע איינוואוינער אין א"י, ווייל די יידישע אַגענץ איז דאָך א רעפּרעזענטאַנץ פון גאנצן יידישן פאָלק.

א גאנץ באַזונדערע שטעלונג צו דער גאנצער פראגע פאַרנעמט דער „הפּועל־הצעיר", וועלכער האָט שטענדיג זיין אייגענע שיטה. ער האַלט, אז די פראגע פון דער אראבּישער אַגענץ איז אין א געוויסן זין באַרעכטיגט. דאַריבּער טאָר זי בשום אופן ניט ווערן א קעגנשטאַנד פון א קאָנפליקט מיט די אראבּער. דער ישוב האָט דאָך מסכים געווען צו א געזעצגעבּערישער קערפּערשאפט, א פּארלאַמענט, וועלכער וואָלט געשאפן א פּרעצעדענס און דעם שווערן פּראבּלעם פון א מערהייט און מינדערהייט. איצט דאַרף מען געווים איינגיין אויף א קאָנצעפּציע, וואו די מערהייט און די מינדערהייט ווערן גלייכע עלעמענטן, גלייכע צדדים. די דאָזיגע שטעלונג אָבּער איז אינגאנצן אן איינזייטיגע

די ציוניסטישע עפנטלאכע מיינונג האָט שוין אזוי ארום ווי צוגעגרייט אין א געוויסער מאָס די באַשלוסן פון דער אויסעראָרדנטלאכער סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט. פּראָפ. ווייצמאַן האָט אין זיין דערעפנונגס־רעדע דערקלערט, אז אים איז געווען באַקאנט דער פאָרשלאג פון דער ענגלישער רעגירונג וועגן א „ערעבּ איידזשענסי" און אז זיין שטעלונג איז אינגאנצן א נעגאטיווע צו דעם דאָזיגן פּראיעקט. די דיסקוסיע איבּער דער פראגע איז געווען זייער אן ערנסטע און געשטאַנען אויף א הויכן ניוואָ. עס זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרן פארשידענע מיי־

נונגען, ווי עס זאָל לויטן דער ענטפער פון דער ציוניסטישער אָר־גאניזאציע צו דער ענגלישער רעגירונג. צום סוף איז מען אָבער גע־קומען צו אַ הסכם און ס'איז באשלאָסן געוואָרן:

,,נאָכן אויסהערן דעם באַריכט פון דער עקזעקוטיווע איבערן פּראיעקט פון דער שאפונג פון אן אראבישער אגענץ דערקלערט דער אַקציאָנס־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע פאָלגנדעס:

אַנערקענענדיג מיטן גאנצן כבוד די טענדענץ פון דער ענגלישער רעגירונג צו שאפן צווישן יידן און אראבער אין א"י א פאַרהעלטניש פון קעגנזייטיגן צוטרוי, דריקט אוים דער אַ. ק. זיין איבערצייגונג, אז די דאָזיגע פּאָליטיק קען דורכגעפירט ווערן נאָר אויפן באזיס פון פולקאָמען פארווירקלאכן פון דער באלפור־דעקלאראציע, ווי זי איז פעלקער־רעכטלאך אנערקענט געוואָרן אין מאַנדאַט.

ארויסגייענדיג פון דעם שטאַנדפּונקט האַלט דער אַק־ציאָנס־קאָמיטעט פאר נויטיג צו דערקלערן, טראָצדעם וואָס דער פּראיעקט פון דער אראבישער אַגענץ האָט שוין פארלאָרן זיין פּראקטישע באדייטונג צוליב דעם אָפּזאָג פון די אראבער, אז אויף וויפל די אראבישע אַגענץ האָט געזאָלט פארנעמען אזא שטעלונג ווי די, וועלכע איז באשטימט פאר דער יידישער אגענץ, איז דער פּראיעקט לגמרי ניט אין הסכם מיטן גייסט פון מאַנדאַט, וועלכער אַנערקענט די יידישע אַגענץ אַלס פאָר־שטייערין פון גאנצן יידישן פאָלק און וועמענס ציל עס איז צו זיין א ראטגעבערין און בייהילפערין דער א"י־אדמיני־סטראציע אין די פראגן, וואָס זיינען נוגע דער אויפריכטונג פון דער יידישער נאַציאָנאלער היים.

צוליב דעם דערקלערט דער א. ק., אַז ער **קען ניט געבן זיין צושטימונג** צו אזא מין פּראיעקט; פארבלייבנדיג אָבער טריי זיין מיינונג, וועלכע ער האָט שוין ניט איין מאָל ארויסגעזאָגט, איז ער גרייט צו באגריסן און אונטערשטיצן יעדן פּאָרשלאג, וועלכער צילט צו איינשטעלן א שלום, צו וועלכן ער שטרעבט, ביים צוזאמענלעבן פון אלע פעלקער אין ארץ־ישראל".

דאָס איז געווען דער ענטפער פון דער ציוניסטישער זייט. די ציוניסטן זיינען קעגן אן אראבישער אַגענץ, ווייל זי שטייט אין א בולטע סתירה צום גייסט פון מאַנדאַט. א פרידלאכער צוזאמענלעבן צווישן יידן און אראבער אין א"י, צו וואָס די ציוניסטן שטרעבן, קען דערגרייכט ווערן נאָר אויפן באזיס פון פארווירקלאכן די באַלפור-דעקלאראציע. דער דאָזיגער באשלוס פון א. ק. האָט א גרויסע חשי-בות, ווייל מען קען אין אים זען א געוויסע ענדערונג אין דער טאַקטיק פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע לגבי דער מאַנדאַטאָר-מאַכט. ס'איז אָנגעמערקט געוואָרן דער גרעניץ, ביז וועלכן די ציוניסטן קענען נאָכגעבן אין זייער פּאַסיוויטעט לגבי דער ענגלישער רעגירונג און איר פּאָליטיק אין א"י, אין דער צייט, וואָס ביזאהער האָט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע שטענדיג אַקצעפּטירט די שריט פון דער ענגלישער פּאָליטיק, אויב אפילו זיי זיינען געווען א ריקצוג פאר די ציוניסטישע אינטערעסן. און דאָס האָט ארויסגע-רופן א צופרידנהייט אין אלע קרייזן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג*).

* *

*

די דאָזינע צופרידנהייט איז אין די קרייזן פון דער אָפּאָזיציע געווען נאָך גרעסער צוליב די באשלוסן פון דער אויסעראָרדנטלאכער סעסיע פון אַקציאָנס-קאָמיטעט אין ענין פון צוטרעטן צו דער פאר-ברייטערונג פון דער יידישער אַגענץ. דער XIII קאָנגרעס האָט, ווי שוין באַוואוסט, באַשלאָסן צו שאפן א ראַט פון די נים-ציוניסטן, וועלכער זאָל מיטאַרבעטן מיטן א. ק. ביזן צוזאמענרופן דעם וועלט-קאָנגרעס. דר. בערטאָלד פ יי וו ל האָט אויף דער א. ק.-זיצונג דעפערירט דעם פּלאַן צו רעאליזירן די קאָנגרעס-באשלוסן. לויט אים דאַרף די פארברייטערונגס-ארבעט זיין געווענדעט אין צוויי ריכטונ-גען: פון איין זייט דאַרף מען צוציען די יידישע אָרגאניזירטע קבו-צים אין פארשידענע לענדער אויף אזא אופן, וואָס אַנטשפּרעכט די

---

*) זע דעם אַרטיקל פון י. גרינבוים: „מיט וואָס מען קען טאַקע צופרידן זיין!" אין „חבלי-גאולה" ז. 112—108.

באדינגונגען פון יעמווידער לאנד; פון דער אַנדער זייט זאָלן צו־נעצווינגן ווערן פאַרשטייער פון די קרן־היסוד־קאָמיטעטן אין די לענ־דער, וואו די נים־ציוניסטן זיינען ארייננעצווינגן געוואָרן אין דער טעטיגקייט פארן קרן־היסוד*). דאָס איז געווען דער גרונט־פּראיעקט פון דער צוקונפטיגער טעטיגקייט אויפן פארברייטערונגס־געביט, און אין דעם שטח איז געפירט געוואָרן די דיסקוסיע, אין וועלכער עס האָבן אנטיילגענומען פיל מיטגלידער פון אַקציאָנס־קאָמיטעט און פון דער עקזעקוטיווע. דער באשלוס איז א קורצער און זאָגט נאָר, אז „אין הסכם מיטן פונקט ג) פון די קאָנגרעס־באשלוסן אין דער פראגע פון דער יידישער אגענץ פאָדערט אויף דער אַקציאָנס־קאָמיטעט די עקזעקוטיווע גלייך צוצוטרעטן צו דער ביל־דונג פון ראט פון דער יידישער אַגענץ און צו אונטערנעמען די נויטיגע שריט אין דער ריכטונג אין גייסט פון די גרונט־פרינציפּן, וואָס זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרן אויף דער סעסיע פון א. ק."

וועלכע גרונט־פרינציפּן זיינען דאָס פעסטגעשטעלט געוואָרן דורכן אַקציאָנס־קאָמיטעט? צי זיינען די דאָזיגע גרונט־פרינציפּן גע־ווען איינהייטלאכע, נאָכדעם ווי אויפן קאָנגרעס האָבן זיך באַקעמפּט צוויי לאגערן?

אַ מיילווייזן ענטפער אויף דעם גיט אונז דער אויבן ציטירטער פלאן פון דר. פייוועל. עס איז דאָרט אונטערגעשטראכן די פראגע פון צוציען נים־ציוניסטן דורך פאָרשטייער פון די יידישע קבוצים. מען האָט אויך גערעדט וועגן ארייננעמען אין ראט פון דער אַגענץ פארטרעטער פון אזעלכע גרויסע אָרגאניזאציעס, וואָס אַנערקענען די נויטווענדיגקייט פון א יידישער נאַציאָנאַלער היים אין א"י און זיינען גרייט זיך צו באטייליגן אין איר אויפבוי־

---

*) דער XIII קאָנגרעס האָט אַלס דעזידעראט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון י. טערעטינסקי, אז אין ראט פון דער יידישער אַגענץ זאָלן ארייננעצווינגן ווערן קודם כל פארטרעטער פון קרן־היסוד, וועלכע דאַרפן געוויילט ווערן אויף פארזאמלונגען פון די קרן־היסוד־צאָלער אין יעטווידער לאנד, ווי אויך פאָרשטייער פון ועד הלאומי. אין שיכות מיט דעם דאָזיגן דעזידעראט שטייט געווים דער פלאן פון דר. פייוועל.

אזוי ווי עס איז א ספק, צי עס וועלן זיך געפינען א סך אזעלכע גרויסע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זאָלן אַנטשפּרעכן די באַדינגונגען*), גייט ממילא דער שווערפּונקט פון דער פאַרברייטערונגס-אַרבעט אַריבער אויף דעם פּראָבלעם פון אָרגאַניזירן די יידישע קבוצים. אַלנפאַלס זיינען אויף דער א. ק.-זיצונג כמעט ניט דערמאָנט געוואָרן די גרויס-יידן און די געלט-יידן מיט זייערע אָרגאַניזאַציעס.

וואָס איז ווידער נוגע דער צוציאונג פון א פּאַרטרעטונג פון די קרן-היסוד-תּורמים וועט עס די לאַגע ניט ענדערן. „מיט דעם וועט מען קענען נאָר אַריינפירן אין ראַט פון דער יידישער אַגענץ אייניגע מענשן, וואָס אַרבעטן פאַרן קרן-היסוד, און וואָלטן אויף קיין אַנדערן אופן ניט געקענט אויסגעוויילט ווערן צוליב דעם, וואָס אין זייערע לענדער (פראַנקרייך, האָלאַנד א. ד. גל.) קענען קיין קאָנפערענצן ניט צונויפגערופן ווערן**)".

דאָס איז דער גייסט פון די אַרויסגעזאָגטע אין אַקציאָנס-קאָמיטעט גרונט-פּרינציפּן וועגן פאַרברייטערן די אַגענץ, אַזוי זיינען אינטערפּרעטירט געוואָרן די קאָנגרעס-באַשלוסן, און לויט דער אָנווייזונג האָט באַדאַרפט האַנדלען די עקזעקוטיווע ביים בילדן דעם ראַט פון דער אַגענץ. דער איינציגער פעלער איז נאָר געווען, וואָס די דאָזיגע גרונט-פּרינציפּן זיינען ניט פאָרמולירט געוואָרן.

פון דעם אַלעמען איז צו זען, אז די שטימונג בנוגע דער פאַרברייטערונגס-פראַגע האָט זיך געביטן. זי איז געווען נאָנט צו די פּאָסטולאַטן פון דער אָפּאָזיציע און צו אירע פאָרשלאַגן אויפן XIII קאָנגרעס. פאַרוואָס איז עס אזוי געשען?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין משך פון די צוויי חדשים נאָכן קאָנגרעס, אז קיינער איז ניט געשטאַנען גרייט, וואַרטנדיג אויפן קאָנגרעס-באַשלוס, כדי צו קענען אַריינטרעטן אין דער אַגענץ. מען האָט בכן די פאַרברייטערונג גלייך ניט געקענט אַדורכפירן. ס'איז געוואָרן קלאָר, אז מען מוז ערשט אָנהויבן א קאָלאָסאַלע אַרבעט, וואָס

---

*) אזוי, למשל, האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער „אַליאַנס" באַשלאָסן אָפּצוּוואַרפן דעם האַלב-אָפיציעלן פאָרשלאַג וועגן איר אַריינטרעטן אין דער יידישער אַגענץ („העולם", גליון מ"א מכ"ג מרחשון תּרפּ"ד).

**) י. גרינבוים: „חבלי-גאולה", ז. 110.

ווערט זיך לאַנג פאַרציען. און אויב אזוי, האָט מען זיך שוין געשטעלט די פראַגע, פאַרוואָס זאָל מען שוין מאַכע ניט גיין צום גאַנצן פאָלק? דאַריבער האָט מען רעזיגנירט פון א פּראָוויזאָריום און זיך דערנעענטערט צו דער שטעלונג פון דער אָפּאָזיציע. די אויסעראָרדנטלאַכע סעסיע פון אקציאָנס־קאָמיטעט האָט אַזוי ארום געבראַכט אין א נעוויסער מאָס צו א ניוועלאַציע פון די מיינונגען, צו א הסכם צווישן דער מערהייט און דער אָפּאָזיציע. עס איז בכן געקומען א ענטשפּאַנונג נאָכן שאַרפן קאַמף אויפן קאָנגרעס. דאַריבער מאַכע האָט דער טאָן פון צופרידנהייט, שלום און אחדות באהערשט די ציוניסטישע באַוועגונג נאָך דער סעסיע פון א. ק.

דעם בעסטן אויסדרוק האָט די פרידלאַכע שטימונג געפונען אין פּוילן אויף דער צווייטער סעסיע פון 6־טן ציוניסטישן לאַנדעס־צוזאַמענפאָר אין נאָוועמבער 1923 אין וואַרשע. ווי מיר ווייסן שוין, האָט זיך די ערשטע סעסיע פון דעם צוזאַמענפאָר נאָך פאַרן קאָנגרעס פאַרענדיגט מיט א קריזיס, מיט אַ שפּאַלטונג. עס איז ניט אויסגעווײלט געוואָרן קיין נייער צענטראַל־קאָמיטעט און פינף חדשים איז געווען אין דער אָרגאַניזאַציע א צייט פון interregnum. אויף דער צווייטער סעסיע האָבן שוין געבלאָזן אַנדערע ווינטן. א סך פון די שטרייט־פראַגן זיינען פּשוט פאַרשוואונדן אָדער האָבן פאַרלאָרן זייער שאַרפקייט. עס איז אויפסניי אויסגעווײלט געוואָרן א צענטראַל־קאָמיטעט מיט יצחק גרינבוימען בראש. דער שלום אין דער פּוילישער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז צוריק אַיינגעשטעלט געוואָרן.

און ניט מיט דעם האָט זיך עס פאַרענדיגט. אויף דעם זעלבן צוזאַמענפאָר איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, אין הסכם מיט די באַשלוסן פון א. ק., דער לאָזונג פון א יידישער קאָנפערענץ אין פּוילן אויף צו וויילן די פּאַרטרעטער פון פּוילישן יידנטום אין דעם ראַט פון דער יידישער אַגענץ. מיר זעען עס פון די באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר:

1. אויפן יסוד פון באַשלוס פון א. ק. מכח דעם ראַט פון דער יידישער אַגענץ, וואָס דאַרף באַלד געשאַפן ווערן, דערקלערט דער 6־טער צוזאַמענפאָר, אז די פאָרשטייערשאַפט פון פּוילישן יידנטום אין דעם ראַט קען זיין בלויז א געווײלטע און, אז צו די וואַלן

מוזן צונעצויגן ווערן אלע שיכטן פון יידישן פאָלק אין פוילן.

2. צו דעם צוועק דאַרף צונויפגערופן ווערן אַ יידישער צוזאמענפאָר אויף צו ווײַלן די דאָזיגע פאָרשטייערשאפט. דער צ. ק. ווערט אויפגעפאָדערט צוצוטרעטן צו דער ארבעט תּכף ומיד, פארשטענדיגענדיג זיך מיט אלע ציוניסטישע פעדעראציעס, ווי אויך מיט יענע אלגעמיינע יידישע קערפערשאפטן, וועלכע וואָלטן וועלן זיך באַטייליגן אין דעם צונויפרופן דעם דאָזיגן צוזאמענפאָר און שאפן אַ געמיינזאמען אָרגאניזיר־קאָמיטעט, וואָס זאָל זיך ווענדן צו אלע יידן אין פוילן און אויפפאָדערן זיי צו דעם יידישן צוזאמענפאָר פאר ארץ־ישראל.

3. ווי נאָר די הכנות צו די וואלן וועלן פארענדיגט ווערן, דאַרפן איינגעאָרדנט ווערן פּראָפּאָרציאָנעלע וואלן פון דעלעגאטן צום צוזאמענפאָר, וועלכער דאַרף באטראכטן אלע פראגן, וואָס שטייען אין צוזאמענהאַנג מיט דעם אויפבוי פון דער יידישער נאַציאָנאלער היים אין א"י און מיט דער יידישער אַגענץ, ווי אויך דאַרף ער ווײַלן די פאָרשטייער פון די פוילישע יידן אין דער יידישער אַגענץ.

4. דער צוזאמענפאָר דריקט אויס זיין פעסטן גלויבן, אז אויף דעם וועג קען מען צוציען צו מיטאַרבעט אלע שיכטן פון יידישן פאָלק און ארויסרופן זיינע גרויסע כוחות, וואָס זיינען נויטיג צו פארווירקלאכן דאָס אייביגע שטרעבן פון די יידן אויפלעבן אַלס פאָלק אין זיין היים*).

ווען מיר וועלן נאָך אונטערשטרייכן, אז די החלטות פון 6־טן פוילישן לאנדעס־צוזאַמענפאָר שטיצן זיך פון איין זייט אויף די באשלוסן פון א. ק. און פון דער צווייטער זייט זיינען זיי פארגעלייגט געוואָרן דורכן פירער פון דער קאָנגרעס־אָפּאָזיציע, יצחק גרינבוים,

*) צו די דאָזיגע באשלוסן איז אויך צוגעשטאַנען די ציוניסטישע אָרגאניזאציע אין מערב־גאליציען און שלעזיען.

אין הסכם מיט זיינע אָנשויאונגען מכּח דער פאַרבּרייטערונג פון דער אַגענץ — זעען מיר בּפרוש, אז די פאַרשטענדיגונג אויף דער לעצטער א. ק.-סעסיע האָט אַפילו שוין דערבּראַכט צו פּראַקטישע מעשים, צו קאָנקרעטע בּאשלוסן וועגן ווײַלן די פאַרשטייער פון פּוילישן יידנטום אין ראַט פון דער יידישער אַגענץ.

און ווען אין ליטא איז ניט נאָר פאַרבּליבּן ביי א ציוניסטישן בּאשלוס, נאָר די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג פון די ליטווישע יידן האָט בּאשלאָסן צו שיקן נאָך א פאַרשטענדיגונג מיט דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע איר פאַרטרעטער אין ראַט פון דער יידישער אַגענץ, איז עס דורך אַלעמען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס צופרידנהייט. דער אָפיציעלער „העולם" שרייבּט אין א לייט-אַרטיקל*): „די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אין קאָוונע האָט פאַרשטאַנען, אז זייער קליינע נאַציאָנאַלע פעסטונג וועט ניט האָבּן קיין קיום, אויבּ זי וועט זיך ניט שטיצן אויף דער גרויסער פעסטונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין א"י; און די אַנערקענונג פון דעם אמת האָט זי בּאוויזן אין וויכטיגן בּאַשלוס פון בּאטייליגן זיך אין נאָמען פון ליטווישן יידנטום אין דער אַרבּעט פון דער יידישער אַגענץ. דאָס איז דער ערשטער פּאָזיטיווער ענטפער פון יידישן פאָלק אויפן רוף פון XIII קאָנגרעס".

די קליינע ליטא איז בּכן געווען די ערשטע. צי האָט זי אָבּער געדינט אַלס בּיישפּיל פאַר די יידישע קבוצים אין אנדערע לענדער? וועגן דעם אין ווייטערדיגן קאַפּיטל.

---

*) גליון מ"ו מכ"ט כסלו תרפ"ד.

## י״ב.

# אין אַמעריקע

דריטע רייזע פון פּראָפ. ווייצמאַן נאָך אַמעריקע — דער הויפּט-ציל פון דער רייזע — די יידן אין אמעריקע און די ציוניסטישע באַוועגונג — ערשטע פאַרבינדונג — אמעריקאנער ניט-ציוניסטן און די אויפבוי-אַרבעט אין א״י — באַנקעט אין האָטעל אַסטאָר — ערשטע פאַזע פון די אונטערהאַנדלונגען — די איינלאדונג — דער שטאַנדפּונקט פון די ניט-ציוניסטן — אומפּאַרטייאישע קאָנפערענץ אין אַסטאָר-האָטעל דעם 17-טן פעברואר 1924 — רעדע פון מאַרשאַלן און אנדערע — די שטעלונג פון ד״ר ל. ק. פרענקעל — צוויי רעדעס פון ווייצמאַנען — רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ — באַדייטונג און אָפּשאַצונג פון דער קאָנפערענץ — צווייטע פאַזע פון די אונטערהאנדלונגען און די נייע שטערונג.

אין א גענויעם חודש נאָך דער אויסעראָרדנטלאכער סעסיע פון אַקציאָנס-קאָמיטעט, דעם 24-טן נאָוועמבער 1923 איז אָפּגעפאָרן פון לאָנדאָן קיין אַמעריקע אין זיין 50-יעריגן געבורטסטאָג דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פּראָפ. חיים ווייצמאַן. די דאָזיגע דריטע*) רייזע פון ווייצמאַנען נאָך אַמעריקע איז געווען פאַרבונדן מיטן קרן-היסוד-קאַמפּיין אין די פאַראייניגטע שטאַטן, וואָס האָט געזאָלט אַדורכגעפירט ווערן מיט ווייצמאַנס באַטייליגונג, און באַזונדערס איז די רייזע געווען פאַרבונדן מיטן פּלאַן פון פאַרברייטערן די יידישע אַגענץ. צוזאמען מיט ווייצמאַנען איז מיטגעפאָרן דר. אַרטור רופּין, וועלכער האָט געהאַט א ספּעציעלע אויפגאבע פון פּראפּאגירן אין אַמעריקע דעם געדאַנק פון אינוועסטירן פּריוואַט-קאַפּיטאַלן אין דער ארץ-ישראל-ווירטשאַפט.

נאָך די באַשלוסן פון XIII קאָנגרעס און דער לעצטער זיצונג פון א. ק. האָט מען באַדאַרפט צוטרעטן צו זייער רעאַליזירונג, צו דער ממשותדיגער פאַרברייטערונגס-אַרבעט. די גרעסטע האָפנונגען

*) די ערשטע רייזע אין יאר 1921 פארן XII קאָנגרעס אין שיכות מיטן ענין בראַנדייס, די צווייטע רייזע אין יאר 1923 פארן XIII קאָנגרעס צו דעם קרן-היסוד-קאַמפּיין אין אמעריקע.

האָט מען געלייגט אויפן אַמעריקאַנער יידנטום, וועלכן עס האָט ניט אָנגערירט די פאַרניכטנדע האַנט פון דער וועלט־מלחמה, וועלכער איז געווען דער גרעסטער און שטאַרקסטער יידישער קבוץ אין אַלע הינ־זיכטן. האָבן דאָך די אַמעריקאַנער יידן צענדליגער מיליאָנען דאָלאַרן געגעבן אויף צו העלפן זייערע אָרימע ברידער אין מזרח־אייראָפּאַ, זיינען דאָך די אמעריקאַנער יידן געווען די, וועלכע האָבן מיט זייער פּאָליטישן איינפלוס געווירקט אויף דער פאַרבעסערונג פון דער שלעכ־טער לאַגע פון די יידישע מאַסן אין די מזרח־אייראָפּייאישע לענדער. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין אמעריקע איז געווען א זיכע־רע, פעסטע. פיל פון זיי זיינען געווען גרויס אין זייער רייכטום און א קאָלאָסאַלע ראָל געשפּילט אין דעם האַנדל און אין דער אינדו־סטריע פון לאַנד. זייער השפעה אויפן פּאָליטישן לעבן איז געווען זייער א באַדייטנדע.

און נאָר א קליינער טייל פון אמעריקאַנער יידנטום איז באהערשט געווען פון ציוניסטישן באפרייאונגס־געדאַנק. ס'איז געשטאַנען די אויפ־גאבע פון געווינען די איינפלוסרייכע אַמעריקאַנער יידישע קרייזן, די ברייטסטע יידישע מאַסן פארן ציוניסטישן אידעאַל, פאר דער ציו־ניסטישער באוועגונג. ווען נאָך א שטאַרקער אַגיטאַציע און פּראָפּאַ־גאנדאַ אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה און נאָך איר איז אמת געלונגען אריינציען אין דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע נאָך ברײ־טערע שיכטן, דאָך זיינען נאָך ווייט פון איר געשטאַנען די אסימי־לירטע „יאהודים” און די רעפאָרמירטע „ראַבביים”, די שטריינגע אָר־טאָדאָקסיע און די סאָציאַליסטישע יידישע ארבעטער־מאַסן. די דאָ־זיגע קרייזן האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך בלי ספק א שטאַרקן כח אויף דער יידישער ווי אויך ניט־יידישער גאס אין אמעריקע. מיט דעם כח האָבן זיך די ציוניסטן געמוזט רעכנען. געווינען אים, אויב ניט פארן ציוניזם, איז פארן א"י־אויפבוי, פאר דער גרוסצוגיגער און שווערער אויפגאבע פון יידישן פאָלק — דאָס איז געווען איינע פון די סבות, און שפּעטער איינע פון די אויפגאבעס פון דער פארברײ־טערונג פון דער יידישער אַגענץ.

די דאָזיגע אחריותפולע מיסיע האָט גענומען אויף זיך ווייצ־מאַן, ווען ער האָט זיך דעצידירט דעם דריטן מאָל איבערשווימען דעם אַטלאַנטיק. ער איז געפאָרן, כדי צו אונטערהאַנדלען און זיך

צו פארשטענדיגן מיט די איינפלוסרייכע יידישע פערזענלאכקייטן אין אַמעריקע, מיט די פירער פון די גרויסע יידישע אָרגאניזאציעס אין די פאראייניגטע שטאַטן וועגן זייער אריינטריט אין דער פארברייטער־טער יידישער אגענץ. ווייצמאן האָט זיך גענומען צום רעאליזירן דעם פארברייטערונגס־פלאן און אָנגעהויבן פון וויכטיגסטן אָרט, פון אַמע־ריקע.

נאָך בעת ווייצמאן איז אין פרילינג 1923 געווען אין אַמעריקע אין שיכות מיטן קרן־היסוד־קאַמפּיין האָט ער זיך שוין פארבונדן מיט די יידישע קרייזן, וועלכע מען האָט געוואָלט צוציען צו דער יידי־שער אגענץ. אויף אַ באַנקעט לכבוד ווייצמאנען, וואָס איז איינגע־אָרדנט געוואָרן דורך דער פרוי פרידמאן, זיינען אויך אָנוועזנד גע־ווען אַ סך גרויסע פערזענלאכקייטן פון אַמעריקאַנער יידנטום, צווישן זיי פיל ניט־ציוניסטן, ווי לואי מאַרשאַל, אָסקאַר שטרויס און אַנדערע. ווייצמאן האָט געהאַלטן אַ שיינע רעדע, וועלכע האָט אויף אַלע אָנוועזנדיגע געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. דאָס איז, דוכט זיך, געווען די ערשטע פארבינדונג פון ווייצמאנען מיט די אַמעריקאַנער ניט־ציוניסטן. זי איז טאַקע ניט גע־בליבן אָן רעזולטאַטן. די ניט־ציוניסטן זיינען דערנענטערט געוואָרן צום געדאַנק פון א"י־אויפבוי. אמת, אז דער דאָזיגער געדאַנק איז געווען פאר זיי אָננעמבאר צוליב דעם, וואָס מיט זיין הילף וועט מען קענען געבן א רעטונג מיליאָנען אונטערדריקטע יידן אין מזרח־איי־ראָפּא. די טויערן פון אַמעריקע פאר דער יידישער עמיגראציע זיינען דאָך געשלאָסן געוואָרן. ארץ־ישראל איז בכן געוואָרן די איינציגע האָפנונג פון די אלע יידן, וואָס מוזן אויסוואנדערן פון זייערע וואוין־לענדער און האָבן ניט וואוהין צו אימיגרירן. ארץ־ישראל דאַרף דאַריבער אויפגעבויט ווערן ניט צו־ליבן ציוניזם און ניט נאָר דורך ציוניסטן, נאָר צוליב פּשוט מענשלאכע טעמים און מיט דער הילף פון אלע יידן. שטייענדיג אויף דעם שטאַנדפונקט — האָט שוין דאַמאָלס מארשאל דערקלערט א פאָרשטייער פון „מאָרגן־זשורנאל" — וועט ער אָנ־ווענדן זיין השפעה, כדי צו פאראינטערעסירן די רייכע אַמעריקאַנער יידן מיטן פראבלעם פון א"י־אויפבוי.

ווייצמאן האָט זיך נאָך עטלאכע מאָל צונויפגעטראָפן מיט

מאַרשאַלן, דעם פּאָרזיצער פון ייִדיש=אַמעריקאַנישן קאָמיטעט. עס איז נאָך ביז היינט ניט באַקאַנט דער עפנטלאַכקייט אָט דער פּאָרפּעריאָד פון די אונטערהאַנדלונגען. ס'איז אָבער באַוואוסט, אַז פון דער צייט אָן נעמען עס זיך די האָפנונגען פון וויצמאַנען אויף די גרויסע לייסטונגען פון די מאַרשאַלס און וואַרבורגס, אַז דאָ ליגט אין אַ געוויסער מאָס דער מקור פון וויצמאַנס פאַרבריימערונגס=פּלאַן, אַז פון דאַנען קומען עס די קלאַנגען וועגן געזעלשאַפטן פון ניט=ציוניסטן מיט ריזיגע קאַפּיטאַלן אויף צו אויפריכטן און אַנטוויקלען די חרובע ארץ=ישראל. דאָס האָט געווירקט אויף דער ציוניסטישער עפנטלאַכקייט און אויף דער געשטאַלטונג פון איר באַציאונג צום פאַרברייטערונגס=פּראָבלעם.

ווען וויצמאַן איז סוף 1923 ווידער געקומען קיין אַמעריקע — דאָסמאָל שוין מיט דער אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן און אַריינציען די אַמעריקאַנער ניט=ציוניסטן אין דער ייִדישער אַגענץ — האָט ער גלייך צוגעטראָטן צו די אונטערהאַנדלונגען, וועלכע ער האָט שוין אומאָפיציעל געפירט פאַרן קאָנגרעס. אַ וואָך נאָך זיין אויסשטייגן אין ניו=יאָרק, דעם 10=טן דעצעמבער, האָט ער זיך שוין געטראָפן אויף אַ באַנקעט אין האָטעל אַסטאָר מיט די פאָרשטייער פון צווייטן צד, מיט די ה"ה: לואי מאַרשאַל, אָסקאַר שטרויס, שמואל אונטערמייער, ריכטער לעהמאַן און פּראָפ. ריטשאַרד גאָטהייל. דאָס איז געווען דער קבלת=פּנים. די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן.

אויף דעם דאָזיגן באַנקעט האָט זיך וויצמאַן געווענדעט מיט אַ רוף צו אַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניגטע שטאַטן, צו די אַרבעטער=שיכטן, צו די גבירים, צום מיטלשטאַנד, אַז זיי זאָלן זיך באַטייליגן אין דער ייִדישער אַגענץ. ער האָט זיך פאַררופן אויף דעם, אַז אין אייראָפּאַ וועלן צו דער אַגענץ צושטיין אַלע וויכטיגסטע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, די גרעסטע ייִדישע פּערזענלאַכקייטן, ווי סער אַלפרעד מאַנד און פּראָפ. אַלבערט איינשטיין. וויצמאַן האָט פאַרגעשטעלט די שרעקלאַכע לאַגע פון ייִדישן פאָלק אין אייראָפּאַ, וועמענס איינציגע האָפנונג און טרייסט איז ארץ=ישראל. דער וויכטיגסטער און גרעסטער טייל פון דער אַרבעט צו מקים זיין די האָפנונג פון די 8 מיליאָן אונטערדריקטע ייִדן אין אייראָפּאַ ליגט אויף די

יידן פון אַמעריקע. און דאָריבער דריקט ווייצמאַן אויס זיין זיכערקייט, אז די אונטערהאַנדלונגען מיט די פירער פון אַמעריקאַנער יידנטום פון אָנהויב יאר 1923 וועלן איצט געקרוינט ווערן מיט א דערפאָלג.

דאָס איז געווען דער ערשטער ארויסטריט. באלד נאָך דעם האָבן זיך טאַקע אָנגעהויבן די אונטערהאַנדלונגען. עס איז נעגאַנגען וועגן דעם ווי אזוי צו פאָרמולירן דעם באזיס פון אנטייל פון די אמעריקאַנער נים־ציוניסטן אין דער יידישער אַגענץ און ווי די דאָזיגע באטייליגונג צו אָרגאַני־זירן. מען האָט אויך גערעדט וועגן א פלאַן פון שאַפן א גרויסע פינאַנסיעלע קערפערשאפט פאר דער אויפריכטונגס־ארבעט אין א״י.

די אונטערהאַנדלונגען זיינען דערהויפט געפירט געוואָרן מיט די פארטרעטער פון יידיש־אמעריקאַנישן קאָמיטעט*), מיט זיין פאר־זיצער לואי מאַרשאל. אויך האָט ווייצמאַן אין סינסינאַטי זיך צונויפ־געטראָפן אויף א קאָנפערענץ וועגן דער יידישער אַגענץ מיט די פי־רער פון די „רעפאָרמירטע״. פון צווישן זיי זיינען אָנוועזנד געווען דער פאָרזיצער פון „אַמעריקען יוניאָן קאלעדזש״, דר. דז. מאָרגענ־שטערן, דער ארויסגעבער פון „אַמעריקען איזראעליט״, דר. לעאָ וויז, ריכטער ראָבערט מאַרקס, הרב דזשאָרזש צפין, דער פאָרזיצער פון די בני־ברית־לאָזשעס, פיליפ כהן און אַנדערע.

אין רעזולטאַט פון די אונטערהאַנדלונגען זיינען ביידע צדדים געקומען צו א הסכם: צונויפצורופן אויף דעם 17־טן פעברואר אין ניו־יארק א קאָנפערענץ פון די חשובסטע נים־ציוניסטישע פערזענ־לאכקייטן אין אַמעריקע. די קאָנפערענץ האָט געדאַרפט זיך פארנעמען מיט דער פראגע פון דער באטייליגונג פון די אַמעריקאַנער יידן אין

---

*) דער יידיש־אַמעריקאַנישער קאָמיטעט, „אַמעריקען־דזשו־איש קאָמיטי״, איז געגרינדעט געוואָרן אין יאר 1906 צום שוץ פון די יידן אין דער גאנצער וועלט. זיין כאַראַקטער אנטשפּרעכט דעם דייטשן הילפס־פאריין און דער „אַליאַנס״, מיט וועלכע ער האָט מיט־געארבעט. דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס — א דעמאָקראַטישע פאָרשטייערשאַפט פון די יידן אין אַמעריקע געשאַפן א דאַנק דער איניציאַטיוו פון די ציוניסטן — האָט דער יידיש־אַמעריקאַנישער קאָמיטעט באטראַכט אַלס א פראָוויזאָרישע קערפערשאַפט, פון וועל־כער ער איז נאָך דעם ווערסאַלער טראַקטאַט ארויסגעטראָטן.

דער יידישער אַגענץ און מיט דער פראגע פון גרינדן א אינוועסטיציע־געזעלשאפט פארן א״י־אויפבוי, א „אינוועסטמענט באַנק״.

און ווירקלאך איז סוף יאנואר 1924 ארויסגעשיקט געוואָרן צו די פירער פון אמעריקאַנער יידנטום פאָלגנדיגע איינלאדונג:

„עס איז געקומען לויט אונזער טיפער איבערצייגונג די שעה פאר די יידן אין אַמעריקע, וועלכע געהערן ניט צו דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, אז זיי זאָלן זיך פארטראכטן מיטן געהעריגן ערנסט וועגן זייער באציאונג צו די ווירטשאפטלאכע פראגן פון א״י און איר קולטורעלער און אינדוסטריעלער אַנט־וויקלונג. גרויס־בריטאַניען אַלס מאַנדאַטאָר־מאַכט פון דער הייליגער לאנד האָט ארויסגעשפרייט אין א״י איר ממשלה, וואָס האַלט נאָך אָן ביז היינט. אין די פאָרשריפטן פון אָפמאך אין לאָזאן ווערט גערעדט וועגן שאפן א יידישע אַגענץ, וועלכע זאָל זיין א באראטנדע קערפערשאפט פאר דער רעגירונג. ביז איצט האָט די ציוניסטישע אָרגאניזאציע דערפילט די אויפ־גאבעס פון דער דאָזיגער אַגענץ. אָבער די ציוניסטישע אָרגא־ניזאציע האָט געפונען פאר צוועקמעסיג צו איינפירן נויטיגע שינויים אין דעם צוזאמענשטעל פון דער אַגענץ, כדי זי זאָל באמת זיין א יידישע אַגענץ, פריי פון איטלאכס פארטייאישן פרצוף. צו דעם צוועק האָט זי ארויסגעארבעט א פּלאַן, וועלכער באשטימט א געהעריגן אָרט אין דער דאָזיגער אַגענץ פאר די פאָרשטייער פון נים־ציוניסטן.

א חוץ דעם איז קלאָר געוואָרן, אז בכדי צו פארשטאַרקן די אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל און געבן א מעגלאכקייט א גרויסער צאָל יידן אויפצוריכטן זיך דאָרטן א היים — מוזן זיך פאראייניגן די יידן פון אַמעריקע און פון פארשידענע לענ־דער אין אייראָפּא און אזוי ארום צו שאַפן א פינאַנסיעלע גע־זעלשאפט אויף צו אינוועסטירן קאַפּיטאַלן, וואָס זאָל זיין אינ־גאנצן געבויט אויף געשעפטלאכע פרינציפּן, און וואָס זאָל געבן אַ מעגלאכקייט פון א ביליגן קרעדיט פאר די פארשידענע אונטערנעמונגען פון דער אינדוסטריע, אַקערבוי און האַנדל, וועלכע עקזיסטירן שוין אָדער וועלן נאָך אין א״י געגרינדעט ווערן. צוליב דעם איז ניט נאָר וויכטיג צו פאראייניגן אלע באַ־

מיאונגנען פון דער ריכטונג אין איין קערפערשאַפט (כדי אויס־צומיידן א צושפּליטערונג פון די ענערגיעס), נאָר אויך, אז עס זאָל צונויפגעזאמלט ווערן דער קאַפּיטאַל צו דער צייט, ווען ער איז נויטיג און אין דער געהעריגער מאָס דורך די, וואָס אינ־טערעסירן זיך אָדער דאַרפן זיך פאראינטערעסירן מיטן אויפ־ריכטן די לאַנד פון אונזערע אבות אויף אַ ריכטיגן און זיכערן ווירטשאַפטלאכן באזים.

גלויבנדיג, אז עס איז זייער נעוואונטשן א דיסקוסיע וועגן די דאָזיגע ענינים צווישן די מענשן, וואָס ווען צו זיי צוטרעטן אָן פּארטייאישע פּניות, נאָר מיט אַ ווילן זיי צו באַהאנדלען לויט זייער ווערט און נוצן — דערלויבן זיך די אונטערגעשרי־בענע אייך איינצולאדן אויף א קאָנפערענץ, וועלכע וועט פאָר־קומען דעם 17־טן פעברואר אין אסטאָר־האָטעל אין ניו־יארק, אויף צו באהאנדלען די פראגן. מיר בעטן אייך זייער אונז צו באעהרן מיט אייער קומען, כדי די ווירקונג פון דער קאָנפע־רענץ זאָל זיין ראוי צו דעם גרויסן ווערט פון די ענינים, וואָס שטייען אויף איר סדר־היום.

לואי מאַרשאַל, כורש אַדלער,
האָראַץ שטערן, הערבערט ה. לעהמאַן.

די דאָזיגע איינלאדונג איז בלי ספק געווען א רעזולטאַט פון לאַנגע באַטראכטונגען און אונטערהאַנדלונגען, זי ווייזט אונז אַזוי ארום דעם יסוד, אויף וועלכן די ניט־ציוניסטן זיינען גרייט געווען מיטאַרבעטן אין דער יידישער אַגענץ. פון דעם ווען מיר קודם כל אונטערשטרייכן, אז די אונטערגעשריבענע פאָרשטייער פון דער ניט־ציוניסטישער זייט האָבן זיך געשטעלט אויפן באזיס פון א"י־מאַנדאַט, וואָס עס האָבן פארלאַנגט די באשלוסן פון XIII קאָנ־גרעס. אמת, אז אין טעקסט פון דער איינלאדונג ווערט ניט דער־מאָנט דער וואָרט מאַנדאַט נאָר דער אָפּמאַך אין לאָזאן*), וועלכער שטייט אין א נאָנטער פארבינדונג מיטן א"י־מאַנדאַט. עס ווערט

*) די טערקישע רעגירונג האָט ניט ראַטיפיצירט דעם פרידנס־אָפּמאַך פון סעוור (1920), דער שלום מיט טערקיי איז ערשט גע־שלאָסן געוואָרן אין לאָזאן אין יולי 1923.

דאָך גערעדט וועגן דער יידישער אַגענץ, וועלכע דער מאַנדאַט זעט פאָר און וועגן וועלכער עס האַנדלט זיך. עס זיינען אָבער אין דער איינלאַדונג ווי אויסגעמיטן געוואָרן די ווערטער „יידישע נאַציאָנאַלע היים״, וואָס די באַלפור-דעקלאַראַציע און דער מאַנדאַט שטרייכן אונטער. אָנשטאָט דעם ווערט גערעדט וועגן א היים, סתם א היים, וואָס א גרויסע צאָל יידן, וועלכע אימיגרירן קיין א״י, ווילן זיך דאָרט אויפריכטן. און אין דער פראַגע פון דער דאָזיגער היים, אין די אינטערעסן פון די דאָזיגע יידן, דאַרפן זיך עס פאַראייניגן די יידן פון אַמעריקע און פון פאַרשידענע לענדער אין אייראָפּא, כדי זיי העלפן אין דער אַרבעט. צוליב דעם, וואָס ארץ-ישראל איז געוואָרן א לאַנד פון יידישער איינוואַנדערונג, אַן אָרט, וואו עס שמידט זיך און בויט זיך א נייער יידישער ישוב, דאַרפן די אמעריקאַנער ניט-ציוניסטן באַטראַכטן זייער באַציאונג צו די ווירטשאַפטלאַכע פראַגן פון א״י, איר קולטורעלער און אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. דעריבער דאַרף אויך באַטראַכט ווערן דער פאָרשלאַג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע וועגן אַנטייל פון די אַמעריקאַנער ניט-ציוניסטן אין דער יידישער אַגענץ.

דאָס איז די שטעלונג פון די קרייזן, מיט וועלכע וויצמאַן האָט אונטערהאַנדלט. פון איין זייט זעען מיר זייער גרייטקייט מיטצוהעלפן אין דער אַנטוויקלונג פון א״י, און אין דער אַרבעט דאַרפן אַלע באַמיאונגען קאָנצענטרירט ווערן אין איין קערפּערשאַפט; די אויפבוי- און הילפס-אַרבעט דאַרף זיך שטיצן אויף ריין ווירטשאַפטלאַכע און געשעפטלאַכע יסודות. פון דער אַנדער זייט איז די באַציאונג פון די דאָזיגע קרייזן צו דער א״י-אַרבעט ניט אזא, וועלכע עס פאָדערט די אויפגאַבע פון אויפריכטן א נאַציאָנאַלע היים פאַרן יידישן פאָלק, נאָר פונקט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן א הילפס-אַקציע פאַר די יידישע מאַסן פון מזרח-אייראָפּא, וועגן שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע, א קאָמיטעט פון דעם „דזשאָינט״-טיפּ. דאָס איז פאַר די ציוניסטן די נעגאַטיווע זייט פון דער ערשטער עפנטלאַכער ענונציאַציע פון די אַמעריקאַנער ניט-ציוניסטן. אויף דער קאָנפערענץ אין אַסטאָר-האָטעל איז ערשט געקומען צום אויסדרוק אַלזייטיג די ריכ-

טיגע שטעלונג פון די צוקונפטיגע ציוניסטישע „שותּפים" אין דער אַגענץ.

אַ דאַנק דער אָנגעשטריינגטער אַרבעט פון דר. ווייצמאַן זיינען אויף דער איינלאַדונג פון מאַרשאַלן און די אַנדערע דעם 17־טן פּעבּרואַר 1924 זיך צונויפגעקומען אויף אַ אומפּאַר־טייאישער קאָנפערענץ*) אין אַסטאָר־האָטעל אין ניו־יאָרק 150 פון די וויכטיגסטע און פּראָמינענטסטע פּערזענלאַכקייטן פון אַמעריקאַנער יידנטום. לואי מאַרשאַל האָט געפירט דעם פּאָרזיץ. דער גרעסטער טייל רעדנער האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַרן אַריינטריט אין דער יידישער אַגענץ, פאַר דער מיטאַרבעט אין דער א"י־אויפ־בוי־אַרבעט. נאָר אַ קליינער טייל דעלעגאַטן האָבן געהאַט זייערע ספקות, אויסגעדריקט זייערע חששות און אפילו אַ קעגנערשאַפט צום ציוניסטישן פאָרשלאָג.

צו די ערשטע האָט געהערט לואי מאַרשאַל. אין זיין דערעפ־נונגס־רעדע האָט ער ברייט אַנגעצייכנט דעם וועג, אויף וועלכן די ניט־ציוניסטן קענען גיין אין דער צוזאַמענאַרבעט מיט די ציוניסטן און פאַרוואָס זיי באַדאַרפן עס טאָן. ער גייט אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די באַציאונג פון די ניט־ציוניסטן צו א"י דאַרף און מוז זיין אַ באַציאונג פון געטרייע יידן. „מ'קען איצט ניט באַטראַכטן די פראַגע, צי האָבן מיר באַדאַרפט אַ באַלפור־דעקלאַ־ראַציע, צי ניט. מיר שטייען פאַר געשעענע פאַקטן, מיט וועלכע מיר מוזן זיך רעכנען". דאָס איז איינס. פון דער אַנדער זייט ווייזט מאַר־שאַל אָן, אַז די עמיגראַציע־באַגרענצונגען אין אַמעריקע וועלן וואָס ווייטער אַלץ גרעסער. די יידן פון מזרח־אייראָפּאַ וועלן אַזוי אַרום ניט האָבן פאַר זיך קיין אַנדער עמיגראַציע־לאַנד ווי נאָר ארץ־ישראל. ארץ־ישראל איז בכן אַ פּראָבלעם אין יידישן לעבן, זי איז די לאַנד, וועלכע טראָגט מיט זיך אַ בעסערן מאָרגן פאַר די אונטערדריקטע און עלנטע יידישע מאַסן פון מזרח־אייראָפּאַ. „מיר טאָרן דאַריבער ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, און אויב ניט פאַר אונז, מוזן מיר עס טאָן פאַר די מיליאָנען אונזערע ברידער אין אייראָ־

---

*) אַ באַריכט פון דער קאָנפערענץ געפינט זיך אין „העולם", גליון י' מא' אדר ב' תּרפּ"ד.

פא... ווען די אַמעריקאַנער יידן וואָלטן אין אזא צייט געשוויגן און נים צוגעלייגט זייער האַנט צום א״י־אויפבוי, דאַמאָלס וואָלט די דאָזיגע צרה געווען פיל גרעסער ווי די צרה פון „קו־קלוקס־קלען״ און טויזנטער פאַרדן צוזאַמען. די נים־ציוניסטן האָבן איצט די מעגלאכקייט זיך צו באַטייליגן אין דער ארבעט דורך דער יידישער אַגענץ. צי וועלן מיר אַדורכלאָזן די געלעגנהייט? צי וועלן מיר נים לאָזן הערן אונזער וואָרט בנוגע ארץ־ישראל, וועלכע איז אונז אלעמען באַנט צום האַרצן? לאָמיר איצט אין א זייט איבערלאָזן די ווערטער און שטרייטן און זיך נעמען צוזאַמען צו ארבעט און שאַפונג״.

מיט נאָך א גרעסערער איבערצייגונג, אז די נים־ציוניסטן מוזן צושטיין צו דעם אויפבוי־ווערק אין א״י זיינען ארויסגעטראָטן א סך אַנדערע רעדנערס. ר י כ ט ע ר ל ע ה מ אַ ן האָט באַזונדערס אָנגעוויזן אויף דעם, אז „די גאַנצע וועלט וועט אונז צו חרפה מאַכן, אויב מיר וועלן ארץ־ישראל נים אויפבויען... מיר מוזן דעריבער באַווייזן דער גאַנצער וועלט, אז מיר אָנערקענען דאָס, וואָס די וועלט האָט אונז אָנערקענט״. ד יי וו י ס ב ר אַ א ו ן, וועלכער איז געקומען פון א רייזע אין א״י, דערציילט, אז דער אינוועסטירטער קאַפּיטאַל אין א״י איז אזוי זיכער ווי אין ניו־יאָרק. מען וואָלט אין א״י פיל געקענט אויפטאָן, נאָר עס פעלט קאַפּיטאַל. ער זאָגט זיך דעריבער ארויס פאַרן שאַפן אַ „אינוועסטמענט־באַנק״.

קענן אָנגענומען א באַשלוס אריינצוטרעטן אין דער יידישער אַגענץ האָט זיך אויף דער קאָנפערענץ שאַרף ארויסגעזאָגט ד ר. ל. ק. פ ר ע נ ק ע ל. ער איז אמת מסכים מיטן געדאַנק פון שאַפן אין א״י א גייסטיגן און רעליגיעזן צענטער, ער באַציט זיך מיט ליבע צו דער אויפבוי־ארבעט, אָבער ער האָט נים קיין צוטרוי צו די ציוניסטן. „כל זמן מיר ווייסן נים, וואָס פאַר א פּלאַן די ציוניסטן האָבן אויף דער צוקונפט, קענען מיר מיט זיי נים צוזאַמענגיין. אויב זיי האַלטן זיך נאָך היינט ביי זייער פּאָליטישער פּראָגראַם*), קענען מיר מיט זיי זיך נים פאַרשטענדיגן״. ער לייגנט דעריבער פאָר, אז די קאָנפערענץ זאָל זיך באַנוגנען מיטן א ו י ס וו יי ל ן אַ ק אָ־

*) געמיינט די באַזעלער פּראָגראַם און דעם ענדע־ציל פון ציוניזם — די יידישע מלוכה.

מ י ס י ע, וועלכע זאָל דעם גאַנצן פּראָבלעם אויספאָרשן און קו־מען נאָכדעם מיט פאָרשלאָגן.

אים האָט געענטפערט פּרעזידענט ווייצמאַן אין זיין צווייטער רעדע אויף דער קאָנפערענץ. די רעדעס פון דר. ווייצמאַן דאַרפן דאָ באַזונדערס דערמאָנט ווערן. זיי זיינען געווען א מייסטערווערק פון וואָרט און האָבן ברייט פאַנאַנדערגעוויקלט די ציוניסטישע אידייע, די ציוניסטישע ארבעט אין א"י. ווייצמאַן האָט דאָסמאָל הויך גע־האַלטן די ציוניסטישע פאָן און אין נאָמען פון די יידישע מאַסן, וואָס זיינען צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, אָנהויבנדיג פון לאָרד ראָטשילד, איינשטיין און אַלפרעד מאָנד און ענדיגענדיג מיטן אָרימן יידן אין די פּאַרוואָרפענע שטעטלאך אין פּוילן און ליטא, האָט ער זיך געווענדעט צו די אַמעריקאַנער „גדולים": „עס ווערט געמאַכט און געשאַפן א גרויסער ווערק. צי איר וועט העלפן, צי ניט, צי די קאָנ־פערענץ וועט צושטיין צו דער יידישער אַגענץ, צי ניט, די ארבעט וועט אויסגעפירט ווערן. א י ר ז י י נ ט נ י ט ב כ ח א י י נ־צ ו ה אַ ל ט ן ד ע ם ב ר ו י ז נ ד י ג ן ש ט ר אָ ם". וואָס איז נוגע דער בּרייטער פראַגע פון ענדע־ציל פון ציוניזם האָט ווייצמאַן מיט שטאָלץ געענטפערט, אַז ער אליין געהערט צו די ציוניסטן, וואָס ווילן זוכה זיין צו זען א יידישע מלוכה אין א"י. „מיין גאַנץ לעבן האָב איך פאַר דעם געמקריבט, און טויזנטער מענשן אַחוץ מיר האָבן זיך אליין אלס קרבן געבראַכט פאַר דעם הויכן ציל... ארץ־ישראל איז אונז טייער און מ י ר וו ע ל ן א ו נ־ז ע ר ע פּ ר י נ צ י פּ ן נ י ט ב י י ט ן א ו י ף א י י ע ר ע מ י ל י אָ נ ע ן. מיר זאָגן אייך: נעמט די יידישע אַגענץ ווי זי איז, אָדער לאָזט זי צורו".

די ווערטער האָבן געמאַכט אויף די פאַרזאַמלטע דעלעגאַטן א שטאַרקן רושם. די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן:

„היות ווי דער מאַנדאַט אויף א"י זעט פאָר אין ארטיקל 4, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועט זיכערן די מיטאַרבעט פון אלע יידן ביים פאַרווירקלאַכן די מאַנדאַט־באַשטימונגען, און היות ווי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט פאַרגעלייגט די ניט־ציוניסטן זיך צו באַטייליגן אין דער יידישער אַגענץ — ווערט באַשלאָסן, אַז ד ע ר פּ אָ ר ז י צ ע ר וו ע ט

נאָמינירן אַ קאָמיסיע פון זיבן פּערזאָן, וואָס וועט קענען צוקאָפּטירן צו זיך נאָך אַנדערע מענטשן, פארן אויספאָרשן דעם פּראָבלעם פון דער יידישער אַגענץ, און אויב זי וועט איינגעפינען, אַז די פראגע האָט אַ פּראַקטישע באַדייטונג, וועט זי צונויפשטעלן אַ פּלאַן, לויט וועלכן די אַמעריקאַנער יידן וועלן זיך קענען באַטייליגן אין דער אַגענץ. די קאָמיסיע האָט די פולמאַכט צו אונטערהאַנדלען מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און מיט אַנדערע קערפּערשאַפטן, כדי צו פעסטשטעלן א פלאַן, וועלכער זאָל דערמעגלאַכן דעם ציל צו דערגרייכן. די קאָמיסיע וועט אָפּגעבן א באריכט פון איר ארבעט פאר א צווייטער סעסיע פון דער קאָנפערענץ אָדער אויף אן אנדער וועג, וועלכן זי וועט האַלטן פאר נויטיג".

די קאָנפערענץ האָט אויך באַשלאָסן באַפולמעכטיגן דעם פאָרזיצער צו נאָמינירן א קאָמיסיע פאר דער גרינדונג פון א געזעלשאַפט צו אינוועסטירן קאַפּיטאַל און צו אַנטוויקלען די ווירטשאַפטלאַכע מעגלאַכקייטן פון א"י.

דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דער קאָנפערענץ. זי האָט ניט געבראַכט דאָס, וואָס מען האָט פון איר דערוואַרטעט. זי האָט ניט אָנגענומען קיין דייטלאַכן באשלוס, אז זי באַטייליגט זיך אין די ארבעטן פון דער יידישער אַגענץ. עס האָט דאַקעגן געזיגט די מיינונג פון דר. ל. ק. פרענקעל. דער פאָרזיצער וועט נאָמינירן א קאָמיסיע, וועלכע וועט ערשט די גאנצע פראַגע פון דער אַגענץ סטודירן, אונטערהאַנדלען מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און אויב די קאָמיסיע וועט איינזען, אז די אַגענץ איז א „זאַך" פאר די אַמעריקאַנער ניט-ציוניסטן, וועט זי קומען מיט אַ באריכט צו א צווייטער קאָנפערענץ. מיט איין וואָרט די פראגע פון דער באַטייליגונג פון די אַמעריקאַנער יידישע קרייזן איז נאָך ניט געלייזט געוואָרן, זי האָט געמוזט האָבן געדולד, מען האָט געמוזט וואַרטן.

טראָץ דעם איז די קאָנפערענץ אין אַסטאָר-האָטעל אויפגענומען געוואָרן דורך א באַדייטנדיגן טייל פון דער ציוניסטישער

עפנטלאכקייט אַלס א גרויסע היסטאָרישע גע־שעעניש. מען האָט אין איר געזען די ווירקונג פון דער זיך בויענדיגער נאַציאָנאַלער היים אין א"י, די השפּעה פון דער באַוועגונג, וואָס האָט פאראייניגט אין זיך אלע טיילן פון פאָלק אין אלע טיילן פון דער וועלט פאר דער אויפגאבע פון אויפריכטן די יידישע היים אין א"י, אויף די גרויס־יידן און געלט־יידן, וועלכע זיינען ביז־אַהער ווייט געשטאַנען פון ציוניסטישן געדאַנק און ציוניסטישער ארבעט, אין וואָס זיי האָבן א סך מאָל אַפילו באַקעמפט. „אַ גרויסן שריט פאָראויס האָט געמאַכט אונזער באַוועגונג אין איין דור: פון פּאלאַץ פון באראָן הירש ביזן האָטעל „אַסטאָריא"! אַ שמייכל פול מיט ביטול האָט זיך צוגאָסן אויף די ליפּן פון ערשטן „נאָטאַבל", ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו די באַגייסטערטע ווערטער פון ווינער זשורנאַליסט, און איצט זיינען געקומען הונדערט און פופציג פּערזאָן, די זין און אייניקלאַך פון דעם „נאָטאַבל", און אַפּלאָדירן די ווערטער פון די תּלמידים פון יענעם זשורנאַליסט*)".

די אָפּשאצונג פון דער קאָנפערענץ, הגם זי איז געווען בלי ספק איבערטריבן, האָט זי דאָך אָבער פון דער אַנדערער זייט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג, טראָץ דעם וואָס זי איז געווען א קאָנפערענץ פון נאָר פּראמינענטע „נאָטאַבלען" און ניט פון געוויילטע פאָרשטייער פון די ברייטסטע יידישע מיליאָנען־מאסן אין די פאראייניגטע שטאַטן. דעם וויכטיגסטן מאָמענט איז צו פארדאַנקן דעם גרויסן פּאַרדינסט פון פּרעזידענט ווייצמאַן, וועמען עס איז דאָך געלונגען צו פאַראינטערעסירן השפעה־פולע קרייזן פון אַמעריקאַנער יידנטום מיטן פּראבלעם פון א"י־אויפבוי און צונויפרופן זיי אויף אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ געווידמעט דער פראגע.

די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ, הגם זיי זיינען ניט געווען באַפרידיגענדע, האָבן דאָך באַרעכטיגט צו האָפן, אז סוף כל סוף וועט מען אין דער אַגענץ אריינציען די קרייזן. די פּראקטישע באַדייטונג פון דער קאָנפערענץ האָט זיך ארויסגעוויזן ביים קרן־היסוד־

---

*) אליעזר צ'ריקובר: „הוטל אסטוריה", „העולם", גליון ט' מכ"ד אדר א' תרפ"ד.

קאַמפּיין, וועלכער איז אין דערזעלבער צייט געפירט געוואָרן אין אַמעריקע. עס האָבן זיך אין אים באַטייליגט צום ערשטן מאָל לואי מאַרשאַל און דייוויס בראַון. דאַריבער האָט דער קרן־היסוד־קאַמפּיין, אויך אַ דאַנק דער אומדערמידלאַכער אַרבעט פון דר. ווייצמאַן, געבראַכט דעם יאָר מיט 20% מער ווי דעם פאָריגן יאָר. לסוף מוז נעזאָגט ווערן, אַז די קאָנפערענץ פון 17־טן פעברואַר דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס א אָ נ ה ו י ב פון די אונטערהאַנדלונגען מיט די אַמע־ריקאַנער ניט־ציוניסטן, אַלס דער אָנהויב פון פּראָצעס פון שאַפן די פאַרברייטערטע יידישע אַגענץ. די ציוניסטן זיינען פּנים אל פּנים אוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר א שותּף, וועלכער וויל נעמען אויף זיך אַ טייל פון דער אַחריות און האָבן אויך אַ טייל פון דער דעה. און דאָס איז דאָך געווען דער וויכטיגסטער שותּף. די אונטערהאַנדלונגען מיט אים האָבן זיך אָנגעהויבן, ווי נאָר מאַרשאַל האָט נאָמינירט די קאָ־מיסיע צו פאָרשן די פראַגע פון דער יידישער אַגענץ. אין איר זיינען אַריין: דר. כורש אַדלער, א. דז. בעקער, י. ביליקאָפף, דייוויס בראַ־און, דר. ק. ל. פרענקעל, א. מ. פרידמאַן, דר. א. סימאָן, האָראַץ שטערן און ש. אונטערמייער.

די „איידזשענסי״־פראַגע איז געוואָרן אין דער יידישער עפנ־טלאַכקייט אין אַמעריקע אַ א ק ט ו ע ל ע ר פּראָבלעם, און אַ סך קרייזן האָבן זיך מיט איר פאַראינטערעסירט. אזוי האָט די קאָנ־פערענץ פון די אָרטאָדאָקסישע רבנים אין אַמעריקע באַהאַנדלט צווישן אַנדערע אויך די פראַגע פון איר באַטייליגונג אין דער יידישער אַגענץ און באַשלאָסן זיך פאַרשטענדיגן וועגן דעם מיטן „מזרחי״ און דער „אגודה״. די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער האָבן אין דער זעלבער צייט אַדורכגעפירט אַן אַקציע פון צונויפזאַמלען 150 טויזנט דאָלאַר פּאַר די יידישע אַרבעטער־אינסטיטוציעס אין א״י. דאָס איז געפירט געוואָרן אונטער דעם לאָזונג צו אונטערשטיצן דאָס שאַפן א יידישן אַרבעטער־צענטר אין ארץ־ישראל.

עס האָט זיך געדוכט, אַז שוין אין א קורצער צייט וועט געלינ־גען צו מאָביליזירן די אַלע ווירקנדיגע כּוחות אין אַמעריקאַנער יידנ־טום פאַר דער היסטאָרישער אויפגאַבע פון אויפריכטן די יידישע נאַציאָנאַלע היים אין א״י. מען האָט געהאָפט, אַז די יידישע אַגענץ וועט זיין די בעסטע פאָרם פאַר דעם צוועק. ביני לביני איז אָבער

געקומען א שטערונג: דער פּלאַן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין קרים, וואָס די סאָוויעטישע רעגירונג האָט באַשלאָסן אַדורכצופירן. מען האָט מיט דעם פּלאַן פאַראינטערעסירט די איינפלוסרייכע יידישע קרייזן אין אַמעריקע, די זעלבע, וועלכע מען האָט גערעכנט אריינציען אין דער אַגענץ. דער „דזשאָינט״ איז אין אַמעריקע געוואָרן דער וואָרטפירער פון נייעם געדאַנק, וועלכער האָט געזאָלט ברענגען ישועות די דעקלאַסירטע יידישע מאַסן אין רוסלאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן ארץ־ישראל און קרים, וואָס האָט אויך אַ באַדייטנדיגע ראָל געשפּילט אין דער געשיכטע פון דער יידי־שער אַגענץ.

## י״ג.

# באשלוסן און טענדענצן

דעמיסיע פון ד״ר סאלאָוויטשיק — נייער קריזיס — די סבות פון דער דעמיסיע — דער שטורם אין דער ציוניסטישער עפנטלאכקייט — דער אַרויסטריט פון 45 מיטגלידער פון ציוניסטישן פארטיי־ראט אין פוילן — די א. ק.־ססיע אין מערץ 1924 — די אמעריקאנער דעלעגאטן און זייער פלאן — דער קאמף — דזשוּאיש קאָנסיל — איינשטימיגע החלטות — באשלוסן און טענדענצן — דער פארשארפטער קריזיס אין דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אין פוילן — די הכנות צום צוזאמענפאָר פון פוילישן יידנטום פאר א״י — די אונטערהאנדלונגען מיט די ניט־ציוניסטן אין פארשידענע לענדער — סוף פון א תקופה.

אין דער צייט, ווען אין אַמעריקע זיינען דורך ווייצמאַנען נעפירט געוואָרן די אונטערהאַנדלונגען וועגן שאפן די פארברייטערטע יידישע אַגענץ און עס איז פאָרגעקומען די ערשטע אומפאַרטייאישע קאָנפערענץ פון די ניט־ציוניסטן, איז אין אייראָפּא אויסגעבראכן אַ קאָנפליקט אין דער עקזעקוטיווע און אלס פּועל יוצא א קריזיס אין דער באוועגונג. דער שלום און די אלגעמיינע צופרידנהייט נאָך דער אויסעראָרדנטלאכער סעסיע פון א. ק. האָבן לאנג ניט אָנגעהאַלטן. דעם 20־טן דעצעמבער 1923 האָט דער עקזעקוטיווע־מיטגליד דר. מ. סאָלאָווייטשיק זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע. דאָס איז געווען א אָנזאָג פון א קריזיס אינערהאַלב דער אָרגאניזאציע און א אָפּפרישונג פון קאַמף צווישן דער מערהייט מיט דער אָפּאָזיציע. די אוממיטלבארע סבה פון סאָלאָווייטשיקס דעמיסיע איז געווען דאָס אָפּווארפן דורך דער עקזעקוטיווע זיין פאָרשלאג צו דערווייטערן דעם פּאָליטישן סעקרעטאַר, דעם ה׳ לעאָנאַרד שטיין. ריכטיגער איז דאָס געווען נאָר א אויסערלאכע סבה, אַנדערע א סך וויכטיגערע מאָמענטן האָבן דערבראכט צום שריט פון דר. סאָלאָווייטשיק.

וואָס פאר א סבות זיינען דאָס געווען?

דער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט אָנגענומען דעם שוין אונז באַ־קאַנטן באַשלוס אין דער פראַגע פון דער אראַבישער אַגענץ, הגם ווייצמאַן האָט פאָרגעלייגט אַן אַנדער אויסוועג. דעם דאָזיגן באַשלוס האָט מען באַדאַרפט איבערשיקן דער ענגלישער רעגירונג אַלס תשובה פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין מיטן נאָוועמבער איז דער־שינען א „ווייס־בוך" וועגן דער פראַגע פון דער אראַבישער אַגענץ, וואו ס'זיינען געווען פאַרעפנטלאַכט אַלע דאָקומענטן אין דער פראַ־גע. עס האָט צווישן זיי געפעלט דער ציוניסטישער ענטפער — דער באַשלוס פון אַקציאָנס־קאָמיטעט. דאָס האָט ארויסגערופן א גרויסע קאָנסטערנאַציע און א אויפרעגונג. עס איז אויסגעקומען, אַז די יידי־שע אַגענץ, וועלכע עקזיסטירט אויפן יסוד פון מאַנדאַט און וועמען עס איז דורך דער ענגלישער רעגירונג אָנגעפרעגט געוואָרן וועגן איר מיינונג בנוגע דעם פראַיעקט פון אַן אראַבישער אַגענץ, האָט איר מיינונג נים ארויסגעזאָגט. מען האָט פאַרזיכערט די מיטגלידער פון א. ק., אַז זייער רעזאָלוציע וועט געדרוקט ווערן צוזאַמען מיט די אָפיציעלע דאָקומענטן אין א „ווייס־בוך". וואָס איז דאָ בכן געשען?

דעם באַשלוס פון אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט די עקזעקוטיווע נים איבערגעשיקט אָפיציעל דעם קאָלאָניען־מיניסטעריום, און דער מעמאָראַנדום אין דער פראַגע אין אינגאַנצן בטל געוואָרן*). דאָס איז געטאָן געוואָרן דורכן פּאָליטישן סעקרעטאַר פון דער עקזעקוטי־ווע, לעאָנאַרד שטיין, געווים לויט א אויפטראַג פון פּרעזידענט ווייצ־מאַן**). דר. סאָלאָווייטשיק איז געווען אויפגעבראַכט אויף ל. שטיינען און געפאָדערט זיין דערווייטערונג פון דער ארבעט אין דער עקזעקוטיווע. וועגן דעם נייעם פּאָליטישן סעקרעטאַר, לעאָנאַרד שטיין, שרייבט אויך מ. מדזיני און כאַראַקטעריזירט אים אַזוי: „עס איז שווער צו וויסן, צי איז אין אים שטאַרקער דער ציוניסט, צי דער ענגלענדער".

די דאָזיגע האַנדלונג בנוגע די באַשלוסן פון א. ק. איז אויך צו

---

*) מ. מדזיני: „עשר שנים של מדיניות ארץ־ישראלית". דף 244.

**) אָפיציעלע דערקלערונג פון דער עקזעקוטיווע אויף א אָנ־פראַגע פון „העולם" אין שיכות מיטן ארטיקל פון י. גרינבוים: „לשאלות שאין להן תשובה", גליון מ"ט מכ' טבת תרפ"ד.

פאַרדאַנקען דער באַציאונג פון פּאָליטישן „אַפּאַראַט” פון דער עקזע־קוטיווע צו דער גאַנצער באַוועגונג. דער „אַפּאַראַט” איז זיך גע־גאַנגען זיין וועג, און זייער אָפט זיך ניט גערעכנט מיט דער מיינונג פון דער אָרגאַניזאַציע און אירע באַשלוסן און אפילו געטאָן דעם היפּוך פון די באַשלוסן פון די ציוניסטישע אינסטאַנצן. אין דעם דאָזיגן „אַפּאַראַט” האָבן א גרויסע ראָל געשפּילט די סעקרעטאַרן פון דער עקזעקוטיווע, באַזונדערס ווען ווייצמאַן און סאָקאָלאָוו זיינען צוליב פאַרשידענע טעמים (קאַמפּיינס פון קרן־היסוד) ניט געווען אַנוועזנד אין לאָנדאָן. קעגן אַזאַ באַציאונג צווישן „אַפּאַראַט” און דער אָרגאַניזאַציע איז עס ארויסגעטראָטן דר. סאָ־לאָווייטשיק.

די עקזעקוטיווע האָט צוויי מאָל נאָכאַנאַנד אָפּגעוואָרפן סאָלאָ־ווייטשיקס פאָרשלאָג וועגן באַזייטיגן שטיינען און מיט דעם געוואָלט יוצא זיין און פאַרבלייבן אין דער אָרדנונג. דאָס איז אָבער לויט אונזער מיינונג ניט באַפרידיגנד, ווייל אין דעם פאַל איז ניט געווען אַזוי וויכטיג די פּערזאָן פון שטיינען, עס איז דאָך געגאַנגען אין סי־סטעם פון איגנאָרירן די באַשלוסן פון אַקציאָנס־קאָמיטעט.

די פאַרענטפערונג פון „העולם” איז אויך ניט ווייט קיין גע־רעכטע, הגם דער „העולם” שרייבט*) שוין, אַז „וועגן דעם אַלעמען מוז די עקזעקוטיווע אָפּגעבן א דין וחשבון פאַרן אַקציאָנס־קאָמי־טעט און געבן דערקלערונגען. אָבער מיר זיינען זיכער, אַז נאָר וויכ־טיגע מאָטיוון, נאָר א פאַראַנטוואָרטלאַכע דאגה פאַר דער טובה פון אונזערע אינטערעסן און אַ קלאָרע אָריענטאַציע אין דער פּאָליטישער לאַגע האָבן געקענט ווירקן אויף ווייצמאַנען, אַז ער זאָל באַגיין אַזאַ שריט”. מען האָט ניט געטאָרט די זאַך ארויסברייינגען אין דער עפנטלאַכקייט, מען האָט באַדאַרפט וואַרטן אויף א זיצונג פון אַק־ציאָנס־קאָמיטעט, און דאַמאָלס האָט סאָלאָווייטשיק באַדאַרפט ארויסטרעטן מיט זיינע „רעוועלאַציעס” און ציען די געהעריגע קאָנ־סעקווענצן.

א חוצדעם האָט נאָך א סבה דערבראַכט צו סאָלאָווייטשיקס דעמיסיע. אין די אונטערהאַנדלונגען מיט די ענגלישע ניט־ציוניסטן

---

*) „המשבר ההסתדרותי”, ibidem.

וועגן זייער אנטייל אין דער יידישער אַגענץ — וואָס זיינען באַנייט געוואָרן נאָכן XIII קאָנגרעס — האָט די עקזעקוטיווע, אזוי צו זאָגן, א ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס און זיך ניט געהאַלטן ביי די באַשלוסן פון קאָנגרעס און אַקציאָנס־קאָמיטעט. ווען דר. סאָלאָווייטשיק האָט קעגן דעם פּראָטעסטירט, איז ער געווען אין דער עקזעקוטיווע איינער קעגן אלע, און דאַריבער האָט ער אויך געמוזט אָפּטרעטן.

די דעמיסיע פון דר. סאָלאָווייטשיק האָט ארויסגערופן א אויסערגעוויינלאכן שטורם אין דער ציוניסטישער עפנטלאכקייט, באַזונדערס האָט ער זיין אויסדרוק געפונען אין דער פּוילישער אָרגאַניזאציע, וועלכע קען באַטראַכט ווערן אלס באַראָמעטער פון דער אַטמאָספער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דעם 3־טן יאנואר 1924 איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פון פּארטיי־ראַט, וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן אויף דער צווייטער סעסיע פון 6־טן פּוילישן צוזאמענפאָר. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געפאָדערט פון פּארטיי־ראַט, אז ער זאָל אָננעמען א שטעלונג בנוגע דער דעמיסיע פון דר. סאָלאָווייטשיק. דער צ. ק., וועלכער האָט אין דער דאָזיגער דעמיסיע געזען א סימן, אז די עקזעקוטיווע רעכנט זיך ניט מיט די באַשלוסן פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, האָט אָבער אליין אין דעם ענין ניט געוואָלט באַשליסן און עס איבערגעלאָזן דעם פּארטיי־ראַט. דער פּארטיי־ראַט ווידער האָט נאָך א לאנגער דעבאַטע באַפולמעכטיגט דעם צ. ק. ארויסזאָגן זיין מיינונג וועגן סאָלאָווייטשיקס דעמיסע, אין נאָמען פון די פּוילישע ציוניסטן. דער צ. ק. האָט טאַקע אויף זיין זיצונג פון 13־טן יאנואר באַשלאָסן:

1) דער אופן, ווי די עקזעקוטיווע האָט רעאליזירט די באַשלוסן פון אקציאָנס־קאָמיטעט באַווייזט, אז ביי דער איצטיגער לאַגע איז ניטאָ קיין שום גאראנטיע, אז דער א. ק. וועט להבא קענען זיין די העכסטע אינסטאַנץ פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע.

2) דער באַשלוס פון קאָנגרעס לויט וועלכן אלע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע זיינען פאראנטוואָרטלאך פאר דער פּאָליטישער טעטיגקייט, האָט קיין שום ווערט ניט, מחמת דער פּאָליטישער רעסאָרט איז אינגאַנצן אָפּהייננגיג

נאָר פון פרעזידענט פון דער אָרגאניזאציע און אויך מחמת דעם, וואָס ניט אַלע מיטגלידער פון דער עקזעקו־טיווע נעמען ניט קיין אָנטייל אין דער פּאָליטישער ארבעט, אפילו ווען זי איז נוגע זייער וויכטיגע פראגן.

3) די דעמיסיע פון דר. סאָלאָווייטשיק איז א רעזולטאט פון דעם מצב און פון פאַקט, אז די פּאָליטישע טעטיגקייט פון דער עקזעקוטיווע אַנטשפּרעכט ניט אין דער גערעהעריגער מאָס די באשלוסן פון קאָנגרעס און א. ק., וואָס עס רופט ארויס גרויס באאומרו־איגונג אין די אַקטיווע ציוניסטישע קרייזן.

צוליב די אלע טעמים ווענדעט זיך דער צ. ק. צו די מיטגלידער פון אַקציאָנס־קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אין פּוילן מיט דער בקשה צו פאָדערן פון דער עקזעקוטיווע, אז זי זאָל באַלד צונויפרופן א זי־צונג פון אַ. ק. און אָננעמען די געהעריגע שרים, כדי אויסצובעסערן דעם מצב, וועלכער אַנטהאַלט א גרויסע געפאַר פאַר דער ציוניסטישער באוועגונג.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער עסטרייכישער ציוניסטישער אָרגאניזאציע האָט אויך אָנגענומען א באשלוס, וועלכער פאָדערט אויף דעם פרעזידיום פון א. ק. צונויפרופן וואָס גיכער אַ זיצונג אויף צו באהאנדלען די געשעפענע לאגע אין דער עקזעקוטיווע.

די קאָנגרעס־אָפּאָזיציע האָט זיך גלייך אָנגעהויבן צו מאָביליזירן צו דער סעסיע פון א. ק. און אין מיטן יאנואר איז אין בערלין פאָרגעקומען די ערשטע באראטונג פון די פירער פון דער דעמאָקראטישער פראקציע, צו וועלכער עס איז אויך צוגעשטאַנען דר. מ. סאָלאָווייטשיק.

פון דער אַנדער זייט האָט די אמעריקאַנער ציוניסטישע אָרגאַניזאציע גלייך נאָכן דערהאַלטן די ידיעה וועגן דער דעמיסיע פון ד"ר סאָלאָווייטשיק אויך אויפגעפאָדערט דער עקזעקוטיווע צונויפרופן דעם א. ק., אָבער זי האָט גלייכצייטיג אויסגעדריקט צוטרוי דער האַנ־דלונג פון דער עקזעקוטיווע.

צווישן די פארטיידיגער פון דער עקזעקוטיווע האָט זיך באַלד געפונען אויך די מערהייט פון דער פּוילישער ציוניסטישער אָרגאַ־

ניזאציע. 45 מיטגלידער פון פארטיי-ראט (אויף דער אלגעמיינער צאָל פון 75) זיינען אין פעברואר ארויסגעטראטן קעגן די באשלוסן פון זייער צענטראל-קאָמיטעט און דערקלערט, אז הגם זיי האָבן אליין אויסגעוויילט דעם צ. ק. און געהאָפט, אז ער וועט די ארבעט פירן אָביעקטיוו, זיינען דאָך זייערע האָפנונגען ניט דערפילט געוואָרן. „א גאנצע ריי פון ענונציאציעס פון די מיטגלידער פון צ. ק. און דער גאנצער קאמף, וואָס זיי פירן אין גייסט פון דער קאָנגרעס-אָפּאָזיציע, זיינען ניט אין הסכם מיט דער הערשנ-דער מיינונג אין דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אין פוילן*)".

דער ארויסטריט פון די 45 מיטגלידער פון פארטיי-ראט האָט צושטערט דעם שלום אין דער פוילישער אָרגאניזאציע און ווידער ארויסגערופן א קריזיס, וואָס האָט גרויס שאָדן געבראכט דער ציו-ניסטישער זאך.

דערווייל איז זיך צונויפגעקומען דער אַקציאָנס-קאָ-מיטעט אויף זיין סעסיע דעם 4-טן מערץ 1924 אין לאָנדאָן. צווישן די וויכטיגסטע פראגן, מיט וועלכע די זיצונג פון א. ק. האָט זיך באשעפטיגט, האָבן זיך געפונען די ענינים פון סאָלאָווייטשיקס דעמיסיע און פון דער פארברייטערונג פון דער יידישער אַגענץ.

די דאָזיגע א. ק.-סעסיע האָט זיך אונטערשיידעט פון די ביז-אַהעריגע מיט דעם, וואָס די אַמעריקאַנער מיטגלידער פון א. ק. זיי-נען צום ערשטן מאָל ספעציעל געקומען צופאָרן צו אירע באראטונ-גען און געוואָלט אַדורכפירן זייערע פארשלאָגן. איבערהויפט האָבן די אַמעריקאַנער ציוניסטן אָנגעהויבן צו שפילן א גרעסערע ראָל אין דער אַלוועלטלאכער באוועגונג און זיינען געוואָרן אין דער אָרגאני-זאציע איינער פון די דעצידירנדיגע פאקטאָרן. אין אַמעריקע האָט מען אָנגעהויבן צו קוקן מיט א ביטול אויפן „אייראָפּייאישן ציוניזם", וועלכער שפילט זיך אין טעאָריעס און אָפּאָזיציעס און פארנאַכלע-סיגט די פראקטישע ארבעט פארן אויפבוי-ווערק*). די סבה פון דעם

---

*) דין וחשבון של הועד המרכזי להסתדרות הציונית בפולניה, כסלו תרפ"ד—כסלו תרפ"ה.

*) זע די ארטיקלען אין „דאָס אידישע פאָלק" אין אמעריקע

צושטאַנד האָט געשטעקט דערין, וואָס אין די פאַראייניגטע שטאַטן פון אַמעריקע זיינען דורך די ציוניסטן צונויפגעזאַמלט געוואָרן די גרעסטע סומעס פאַרן קרן=היסוד, וואָס האָבן געדעקט דעם א"י=בודזשעט. אזוי איז אויף דער אלגעמיינער סומע פון 1.276.557 פונט, וואָס איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן ביזן 1=טן מערץ 1924, אויסגעפאַלן אויף די פאַראייניגטע שטאַטן 807.983 פונט שטערלינג. פון דער אַנדער זייט האָט דאָך די פאַרברייטערונג פון דער אגענץ איר וויכטיגסטן אָרט און איר אייגנטלאכן זין געהאַט אין אַמעריקע.

די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן זיינען טאַקע געקומען צו דער א.ק.=סעסיע מיט זייערע פאַרשלאַגן אין דער פאַרברייטערונגס=פראגע. זיי זיינען געווען אָן שום ספק אונטער דער השפּעה פון די אונטערהאַנדלונגען, וואָס זיינען געפירט געוואָרן דורך דר. ווייצמאַן מיט די ניט=ציוניסטן אין אַמעריקע. אב. גאָלדבערג האָט באריכטעט וועגן דער קאָנפערענץ פון 17=טן פעברואר אין האָטעל אַסטאָר. דער אַמעריקאַנער עקזעקוטיווע=מיטגליד לואי ליפסקי האָט פאָרגעלייגט א פלאן פון דער צוזאמענאַרבעט מיט די ניט=ציוניסטן. די וויכטיגסטע פונקטן פון דעם פאַרשלאַג זיינען: די ציוניסטישע אָרגאַניזאציע דערפילט אויף ווייטער די אויפגאבעס פון דער יידישער אגענץ, א חוץ די אינסטאַנצן פון דער יידישער אגענץ, וואָס עקזיסטירן שוין (דער ציונ. קאָנגרעס, דער אַקציאָנס=קאָמיטעט און די עקזעקוטיווע), ווערט געשאפן א יידישער ראט, א קאָנסיל, וועלכער וועט באשטיין אין דער העלפט פון די ניט=ציוניסטן. די אויפגאבע פון קאָנסיל וועט זיין: בּאראטן זיך אין אלע פּאָליטישע פראגן, געמיינזאמע טעטיגקייט אין ווירטשאַפטלאכע פראגן דורכן שאפן די נויטיגע געלטער, באַשטימען דעם בודזשעט און קאָנטראלירן זיין אויספירונג.

דער ראָזיגער פלאן איז געווען א געגנשטאַנד פון דער דעבאטע ארום דער „איידזשענסי"=פראגע.

קודם כל וועלן מיר ציטירן דעם בריף, וועלכן דר. ווייצמאַן

---

קעגן דעם „אייראָפּייאישן ציוניזם" און דעם ענטפער פון י. גרינבוים אין ארטיקל „די גבעונים פון אַמעריקע" אין „נייעם הייַנט".

האָט צוגעשיקט פון אַמעריקע צו דער זיצונג פון א. ק., ווייל ער באַ־לויכט דעם נייעם פּלאַן. ווייצמאַן ווייזט אָן, אז הגם עס וועט געשאפן ווערן א „אינוועסטמענט קאָרפּאָריישן”, וועט דאָך דער קרן־היסוד פאר־בלייבן, און די ניט־ציוניסטן וועלן אין אים מיטאַרבעטן. דאַמאָלס וועט דער קאָנגרעס שוין ניט זיין די איינציגע אינסטאַנץ, וואָס באַ־שטימט דעם גאנצן בודזשעט. די דאָזיגע רעכט וועט אויך געהערן די ניט־ציוניסטן. מען דאַרף אָבער ניט מיינען — שרייבט ווייצמאַן — אז די באדייטונג פון קאָנגרעס וועט פארמינערט ווערן; ער וועט זיך קענען פארנעמען א סך מער מיט די פּראָבלעמען, וועלכע ער האָט פארנאַכלעסיגט אין די לעצטע יארן ווי די קולטורעלע טעטיגקייט, ציוניסטישע פּראָפּאַגאנדע, פארשטאַרקן די אָרגאניזאציע און קרן־קימת.

אָט די פראגע פון די קאָמפּעטענצן און די רעכט פון ציוניס־טישן קאָנגרעס איז געוואָרן דער שווערפּונקט פון נייעם פּלאַן און דער אָביעקט פון קאַמף צווישן דער מערהייט און דער אָפּאָזיציע.

הגם ווייצמאַן שרייבט אין זיין בריף, אז אים איז אזוי טייער דער ריינער גייסט און די צוקונפט פון דער ציוניסטישער אָרגאני־זאציע ווי די אלע, וואָס האַלטן זיך פאר די שומרים פון דער ציוֹ־ניסטישער טראדיציע, אז ער האָט ניט בדעה צו שטעלן די ציוניס־טישע אָרגאניזאציע פאר געשעענע פאקטן, נאָר איר איבערלאָזן דעם דעצידירנדיגן וואָרט אין די אונטערהאנדלונגען מיט די ניט־ציוניסטן, דאָך איז ער גרייט צו באצאָלן א גרויסן פּרייז אין שווערן פּראצעס פון צופּאסן די אָרגאניזאציע צו די נייע באדינגונגען, אויב ער וועט זיך איבערצייגן, אז דורך דעם וועט די ציוניסטישע אָרגאניזאציע קענען דערפילן די אויפגאבע פון אויפריכטן די יידישע נאַציאָנאלע היים.

דער גרויסער פּרייז איז דאָס אָפּזאָגן זיך פון בודזשעט־רעכט פון קאָנגרעס. צו וואָס פאר א קאָנסעקווענצן דאָס וואָלט דערבראכט, האָט אין א צוויי שעהדיגער רעדע אָנגעוויזן יצחק גרינבוים. ער שטעלט זיך אָפּ אויף דער באדייטונג פון קאָנגרעס, פון פארלאַמענט פון יידישן פאָלק, אין דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, אין דער יידי־שער מלוכה אונטערוועגס. דער דאָזיגער כאראקטער פון קאָנגרעס „גיט אַ מעגלאכקייט אלע פארטייען מיט גאנץ שארף פאָרמולירטע

און קענגזעצלאכע אידעאָלאָגיעס און שטרעבונגען צו באַטייליגן זיך אין דער אָרגאניזאציע און אין קאָנגרעס. אין דעם ליגט דער צוואנג, וואָס צווינגט זיי צו בלייבן אין קאָנגרעס, הגם זיי אונטערליגן אָפט־מאָל אין קאַמף מיט זייערע קעגנער. וואָרום ארויסגיין פון קאָנגרעס הייסט ארויסגיין פון פאָלק, וואָס בויט זיין לאנד, הייסט אָפּזאָגן זיך פון דער מעגלאכקייט צו באאיינפלוסן די גרויסע ארבעט, וואָס ווערט געשאפן, באַנוגנען זיך מיט דעם, וואָס מען קען אליין טאָן אָדער בלויז מיט ווערטער". דאָס האָלט איין אין קאָנגרעס דעם „מזרחי" און די סאציאַליסטישע פארטייען. דער קאָנגרעס צעמענטירט אַזוי ארום די גרויסע באפרייאונגס־באוועגונג פון יידישן פאָלק. „און שטעלט מען אן אַנדער אינסטיטוציע העכער ווי דעם קאָנגרעס, גיט מען יענער אינסטיטוציע די בודזשעט־רעכט, דאַן צושטערט מען דעם קאָנגרעס. עס מאַכט ניט אויס, וואָס אין יענער אינסטיטוציע קען דער קאָנגרעס פארטראטן זיין, און אז די דאָזיגע פארטרעטער קענען אַפילו זיין אין דער מערהייט. דער עיקר איז, וואָס זייער סאָלידאַריטעט קען זיך בשום אופן ניט האַלטן, וואָרום די פארשידענע טיילן פון דער דאָ־זיגער פארטרעטונג וועלן דאָך מוזן פרובן דורכפירן אין דער העכערער אינסטיטוציע דאָס, וואָס זיי האָבן ניט געקענט דורכפירן אין קאָנגרעס. די, וואָס וועלן בלייבן אין דער מינדערהייט אויפן קאָנגרעס — ווער זיי זאָלן ניט זיין — וועלן אַפּעלירן צו דער העכערער אינסטאַנץ, אויב זיי וועלן האָבן די מינדעסטע שאַנסן צוצי־ען אויף זייער זייט די ניט־ציוניסטישע מיטגלידער*)". צוליב דעם וועט דער קאָנגרעס פארלירן זיין גאנצן אינטערעס פאר די באזונ־דערע פארטייען, זיי וועלן דאָך דאַרפן פירן א דאָפּעלטן קאַמף. דאָס קען דערברייינגען צו דעם, אז די פארטייען וועלן זיך ניט וועלן אונ־טערוואַרפן דעם קאָנגרעס, ארויסטרעטן פון אים און פארבלייבן נאָר אין דער העכערער אינסטאַנץ. די ציוניסטישע אָרגאניזאציע וועט זיך צוברעקלען, צושפליטערן. אמת, אז דאָס „וועט אפשר ניט קומען מיט איין מאָל, וואָרום די אינערציע פון קאָנגרעס איז גרויס, אָבער עס וועט מוזן קומען".

אין דער וויטערער קאָנסעקווענץ וואָלט די באַגרענצונג פוי

---

*) „חבלי־גאולה" ז. 146—145.

די קאָנגרעס־רעכט דערבראַכט, אַז דער באַגריף פון א ײ ד י ש ן
ב י ר ג ע ר, וואָס דער ציוניזם האָט באַשאַפן אויף דער יידישער
גאַס, פון אַ ייד, וואָס באַטייליגט זיך אין די שטרעבונגען, אין דעם
שאַפן און שמידן דעם עתיד פון יידישן פאָלק, וואָס דעצידירט וועגן
גורל פון דער אומה, אַז די דאָזיגע יידישע בירגערשאַפט וועט פאַר־
לירן איר בולטסטן אויסדרוק, וואָס עס איז די ס ו ב ע ר ע נ ע
פ א ר ט ר ע ט ו נ ג פון אויפלעבנדיגן פאָלק, דער קאָנגרעס. דאַ־
מאָלס וואָלט דער ייד ניט געהאַט צו וואָס זיך צו אָרגאַניזירן, די
ציוניסטישע געמיינשאַפט וואָלט פאַרלאָרן איר עקזיסטענץ־באַרעכ־
טיגונג. און דאַריבער, קומט גרינבוים צום אויספיר, טאָר מען ניט
אויפגעבן דעם פרינציפ פון פאָלקס־הערשאַפט פאַרן געדאַנק פון א
וואָס שנעלערן אויפבוי פון א"י דורך דער אַגענץ־פאַרברייטערונג.

די רעדע האָט איר השפעה געהאַט. אין פראַגראַם פאַר די אונ־
טערהאַנדלונגען פון דער עקזעקוטיווע מיט די ניט־ציוניסטן, וואָס עס
איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך א ספּעציעלע קאָמיסיע פון אַקציאָנס־
קאָמיטעט, זיינען געווי פאָרמולירט געוואָרן די בודזשעט־רעכט פון
קאָנגרעס און פון ראַט אזוי, ווי גרינבוים האָט עס פאָרגעלייגט.
א חוצדעם איז די קאָמיסיע געקומען צו א פולקאָמען הסכם בנוגע די
רעזאָלוציעס, וואָס עס האָט באַדאַרפט אָננעמען דער א. ק. אין דער
פראַגע פון דער יידישער אַגענץ. זיי זאָגן:

1. דער א. ק. באַגריסט מיט פרייד די גרייטקייט, וואָס עס האָבן אויסגעדריקט גרויסע יידישע קרייזן אין פאַרשידענע לענדער, מיטצואַרבעטן אין אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער היים פאַרן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל.

2. מיט גרויס באַפרידיגונג נעמט דער א. ק. צו קענטניש דעם באַ־שלוס פון דער קאָנפערענץ פון אמעריקאַנער יידן פון 17־טן פעברואַר, די החלטה, וועלכע נעמט פון איין זייט אין באַטראַכט די גרינדונג פון א „אינוועסטמענט קאָרפּאָריישן" פאַר א"י, און דריקט אויס פון דער אַנדערער זייט די גרייטקייט פון די אַמעריקאַנער יידן צו מיטאַרבעטן אין דער יידישער אַגענץ אין הסכם מיטן אַרטיקל 4 פון מאַנדאַט. גלייכצייטיג באַגריסט דער א. ק. דעם באַשלוס פון די יידישע געווערקשאַפטן אין אַמע־ריקע צו באַטייליגן זיך אַקטיוו אין דער א"י־אַרבעט.

3. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זעט אין די עובדות א גרויסן שריט פאָרווערטס אויף דעם וועג פון דער צוציאונג פון כלל־ישראל צו דער מיטאַרבעט אין אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער היים, וועלכע דאַרף איר ערשטע אויסדרוקס־פאָרם געפינען אין דער שאפונג פון א יידישן ראט פאר א״י. דער א. ק. פאָדערט בכן אויף די עקזעקוטיווע ממשיך צו זיין מיט דער גאַנצער ענערגיע אירע באַמיאונגען צו שאַפן דעם יידישן ראט.

4. זייענדיג איבערצייגט, אז גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק זיינען גרייט צו ווידמען זייערע מאַטעריעלע און מאָראַלישע כוחות פאר דער דורכפירונג פון דעם ווערק, איז די ציוניסטישע אָר־גאַניזאַציע גערן צו טאָן אלץ, כדי דערגרייכן צו א האַרמאָ־נישן צוזאמענווירקן אויפן יסוד פון א געמיינזאמער אחריות.

די דאָזיגע רעזאָלוציעס זאָגן ניט קיין סך און האָבן אויך פיל ניט מחדש געווען. עס איז פארבליבן דער פרינציפ פון די קאָנגרעס־באשלוסן וועגן פראוויזאָרישן כאראקטער פון דעם ראט, וואָס דאַרף געשאפן ווערן מיט דער באַטייליגונג פון די ניט־ציוניסטן. עס האָט ווייטער פארפליכטעט די החלטה פון קאָנגרעס, אז אין משך פון דריי יאר דאַרף צונויפגערופן ווערן דער וועלט־קאָנגרעס, וועלכער דאַרף זיין די קרוינונג פון דער פארברייטערונגס־ארבעט. מען האָט אויך ניט געענדערט די שטעלונג, וואָס די פאריגע א. ק.־סעסיע האָט אָנגענומען בנוגע דעם אופן פון צוציען די ניט־ציוניסטן. עס איז נאָר אָקצעפּ־טירט געוואָרן דער פּלאַן פון לואי ליפסקי, מחמת די אונטערהאַנ־דלונגען מיט די ניט־ציוניסטן האָבן זיך אין פארשידענע לענדער, באַ־זונדערס אין אַמעריקע, אָנגעהויבן, האָט מען בכן באַראַפט פאר־שטעלן דעם ניט־ציוניסטישן קאָנטראַהענט א קאָנקרעטן פארשלאג. דאָס האָט געזאָלט זיין דער דזשואיש קאָנסיל, א אינ־סטאַנץ פון דער יידישער אַגענץ צוגלייך מיטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אקציאָנס־קאָמיטעט און עקזעקוטיווע. אין דאָזיגן ראט זאָלן א העלפט ערטער פארנעמען די ניט־ציוניסטן, און זיי וועלן אויך דעצידירן אין פּאָליטישע און ווירטשאַפטלאַכע פראגן, באשטימען דעם בודזשעט און קאָנטראָלירן זיין אויספירונג. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, די טרעגערין פון דער פאָלקס־סובערעניטעט, פארבלייבט אויף ווייטער

בלפי חוץ די יידישע אַגענץ. זי האָט אזוי ארום אַליין באַנרעניצט אין א געוויסער מאָס אירע רעכט דורכן שאפן א ראט פון ציוניסטן און ניט-ציוניסטן, מיט וועמענס מיינונג זי וועט זיך מוזן רעכנען. דער צושטאַנד דאַרף אַנהאלטן ביזן צונויפרופן דעם יידישן וועלט-קאָנ-גרעס.

דאָס איז געווען דער ציוניסטישער פאָרשלאָג און דער באַזיס פאר די אונטערהאַנדלונגען פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע מיט די פאָרשטייער פון ניט-ציוניסטישן יידנטום. די דאָזיגע קאָנצעפּציע, וועלכע איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרן, האָט ארויסגערופן אַ צו-פרידנהייט אין אלע קרייזן און א סוף געמאַכט צו דער אנדרלמוסיה, וואָס האָט געהערשט אין דער באַוועגונג פאר דער א. ק.-סעסיע. עס איז אלזאָ קלאָר אָנגעצייכנט געוואָרן די באַציאונג פון קאָנסיל צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אירע אינסטאַנצן. מער בפרוטרוט איז די באַציאונג פאָרמולירט געוואָרן אין די אינ-סטרוקציעס פאר דער עקזעקוטיווע, וואָס די א. ק.-קאָמיסיע האָט אויסגעארבעט.

דער ענין סאָלאָווייטשיק, וועלכער האָט ארויסגערופן אַזאַ שטורם אין דער ציוניסטישער עפנטלאכקייט, האָט אָבער אין א. ק. ניט געפונען דעם נעהעריגן אָפּקלאַנג. די עקזעקוטיווע האָט גע-געבן דערקלערונגען, זיי האָבן אָבער אינגאנצן ניט באַפרידיגט. די דעבאַטע ארום דער פראַגע איז ניט געשטאַנען אויף דער געהעריגער הויך, זי האָט ניט געטראָגן קיין זאכלאַכן כאראקטער, נאָר איז נעפירט געוואָרן אויף א ריין פערזענלאכן באָדן. דאַריבער איז זי געווען ווייַ-ניג אינטערעסאַנט. די עקזעקוטיווע האָט געמענהט, אז זי האָט גוט געהאַנדלט; די אָפּאָזיציע ווידער האָט געפאָדערט צו באַשליסן, אז די עקזעקוטיווע מוז דערפילן די החלטות פון אַקציאָנס-קאָמיטעט, און אז דר. סאָלאָווייטשיק זאָל צוריק אריינגיין אין דער עקזעקוטיווע. אָבער נאָך עטלאכע דערקלערונגען פון סאָקאָלאָוו איז דער פארשלאָג צוריקגעצויגן געוואָרן, און אין דעם ענין איז קיין באַשלוס ניט אָנ-גענומען געוואָרן.

דאָס זיינען געווען די רעזולטאַטן פון דער אַקציאָנס-קאָמיטעט-זיצונג אין מערץ 1924. זי האָט צוריקגעשטעלט דעם שלום אין דער באַוועגונג און צוזאמענגעפאַסט די כוחות פאר דער גרויסער ארבעט,

וואָס האָט דערוואַרטעט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די צו־פרידנהייט איז אָבער ניט געווען קיין פולע. די אָפּאָזיציע האָט גע־ספקט, צי וועלן אויף די אָנגענומענע באַשלוסן ניט געמאַכט ווערן ווייטגייענדיגע פּירושים, „וואָרום א חוץ באַשלוסן זיינען נאָך פאַראַן מ ע נ ד ע נ צ ן, וואָס קומען ניט אַזוי באַלד צום אויסדרוק אין החלטות. און אויב די מענדענצן גייען ווייטער ווי די החלטות — דאַן העלפט קיין שום פאָרמולירונג און זאָל זי זיין אַזוי קלאָר און אונ־צווייידייטיג, דאַן וועלן די מענדענצן ברעכן יעדן באַשלוס ווי געגווי ער זאָל ניט זיין, מען וועט אים אויספירן אין הסכם מיט די מענ־דענצן. און די מענדענצן זיינען געבליבן כמעט דיזעלבע ווי זיי זיינען געווען. דער קאַמף פון דער אָפּאָזיציע האָט בלויז געפירט דערצו, אַז אין די באַשלוסן האָט מען גענומען אין אכט אירע פאָדערונגען, ווייל מען האָט געוואָלט אָ פּ ש וו א כ ן ד ע ם ק אַ מ ף, אויס־מיידן אים, אום ניט געשטערט צו זיין*).“

אַזוי האָט געשריבן גרינבוים נאָך דער סעסיע פון א. ק. און האָט אָנגעזאָגט, אז ער וועט ניט אָפּשטעלן דעם קאַמף קעגן די הערשנדיגע מענדענצן, קעגן דער אַלגעמיינער שטימונג, וואָס מוז ברייינגען צו א אומגליק, צו א קאַטאַסטראָפע. „און זאָל עס אפילו קאָסטן דאָס פולשטענדיגע פאַרלירן דעם צוטרוי פון די ציוניסטישע מאַסן אין פוילן, וואָס איז מיין איינציגער אוצר און מיין גרעסטער שטאָלץ**)“.

דער ערשטער עטאַפּ פון דעם אָנגעזאָגטן קאַמף האָט זיך אָפּ־געשפּילט אויף דער צווייטער זיצונג פון ציוניסטישן פאַרטיי־ראַט אין פוילן, דעם 16־טן מערץ. כדי צו צושרייבן א גרעסערע חשיבות די לעצטע החלטות פו א. ק. און אַזוי ארום זיך קעגנשטעלן די הערשנ־דיגע מענדענצן, האָט גרינבוים פאַרגעלייגט דעם פאַרטיי־ראַט אָנ־נעמען א באַשלוס, וועלכער זאָל אויסדריקן די צופרידנהייט פון די איינשטימיג אָנגענומענע רעזאָלוציעס אין א. ק. וועגן דעם יידישן ראַט פאַר א״י, וואָס זיכערן די סובערענימעט פון ציוניסטישן קאָנ־גרעס, פון דער איינציגער געוויילטער פאַרשטייערשאַפט פון דער

---

*) ibidem ז. 141.
**) ibidem ז. 142.

יידישער אַגענץ ביזן צונויפרופן דעם וועלט־קאָנגרעס. דער באַשלוס האָט אויך געזאָלט אונטערשטרייכן, אז די החלטות פון א. ק. האָבן אָנגעצייכנט דעם גרעניץ פאר די אונטערהאַנדלונגען מיט די ניט־ציוניסטן, און האָט געזאָלט אויפפאָדערן דעם צענטראל קאָמיטעט צו שטיין אויף דער וואך פון די החלטות.

די מערהייט פון פארטיי־ראט האָט אָבער ניט געוואָלט דעם באַשלוס אקצעפטירן, ווייל זי האָט געהאַלטן, אז דורך דעם וועט ווייצמאַן געשטערט ווערן אין זיין ארבעט אין אַמעריקע. דער צ. ק. האָט דאַריבער זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע. דאָס אלץ איז געווען פארבונדן מיטן ארויסטריט פון די 45 מיטגלידער פון פארטיי־ראט, וועגן וואָס מיר האָבן אויבן גערעדט. די מערהייט פון פארטיי־ראט האָט ניט געוואָלט אָננעמען די דעמיסיע און טראגן די אחריות פאר דער ווייטערדיגער ארבעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע אין פוילן. אויפן פאָרשלאג פון דר. גאָטליב איז בכן דער פארטיי־ראט דורכן צ. ק. אויפגעלייזט געוואָרן, און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפרופן א צוזאמענפאָר אויף זומער 1924. דער קריזיס אין פוילן האָט זיך אזוי ארום נאָך מער פארשארפט.

דאָס האָט אָבער ניט געשטערט דעם צ. ק. צו אויספירן די באַשלוסן פון 6־טן צוזאמענפאָר וועגן אריינציען די יידישע מאַסן אין פוילן אין דער פארברייטערטער יידישער אַגענץ*). דאָס האָט באַדארפט געשען דורכן אָרגאַניזירן א צוזאמענפאָר פון פוילישן יידנטום פאר ארץ־ישראל. עס איז אויסגעארבעט געוואָרן א ארבעטס־פלאן, ווי אזוי עס צו רעאַליזירן. לויט דעם פלאן דאַרפן זיך באַטייליגן אין די וואלן צום דאָזיגן צוזאמענפאָר אלע יידן: א) וואָס קויפן אוים דעם ציוניסטישן שקל, ב) וואָס זיינען תורם פארן קרן־היסוד, אָדער ג) וואָס שרייבן אונטער א ספעציעלע דעקלאראציע, אין וועלכער זיי זאָגן זיך ארויס פאר דער אויפריכטונג פון א״י. אויף אַזאַ אופן, האָט מען גערעכנט, וועט די צאָל יידן, אין וועמענס נאָמען דער צוזאמענפאָר פאר א״י וועט רעדן, דערגרייכן ביז איין מיליאָן.

אין דער גאנצער פראגע איז געקומען צו א הסכם צווישן דעם

*) זע אויבן זייט 155—154.

צ. ק. פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע מיט די באזונדערע ציוניסטישע פעדעראציעס און עס איז ארויסגעשיקט געוואָרן א איינלאַדונג צו באטייליגן זיך אין א אָרגאניזיר=קאָמיטעט, אונטערגעשריבן דורך דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, „מזרחי”, „התאחדות”, „צעירי ציון”, „פועלי=ציון” און „דרור”, צו 28 אָרגאניזאציעס, פארטייען, פארבאנדן און געזעלשאפטן*).

מיט דעם איז געוואָרפן געוואָרן אין די יידישע מאַסן אין פוילן דער לאָזונג צו באטייליגן זיך אין דער פארברייטערטער יידישער אַגענץ. ער האָט אָבער אין פוילן ניט געקענט געפינען אזא אָפקלאנג און האָבן אזא באדייטונג ווי אין אַמעריקע אָדער אין אנדערע לענדער. די ציוניסטישע באוועגונג איז אין פוילן געווען דער וויכטיגסטער און דעצידירנדיגער פאקטאָר אין יידישן לעבן, זי האָט איר השפעה אויסגעאיבט אויף די ברייטסטע יידישע מאַסן און מיט זיי אָנגעפירט. אלס באוויז דערצו וועלן מיר אָנגעבן די איבערוויגנדיגע מערהייט ציוניסטישע דעפוטאַטן און סענאַטאָרן אין יידישן „קאָלאָ” פון פוילישן סיים און סענאַט און די סומע פון 40.720 פונט שטערלינג וואָס דער פוילישער יידנטום האָט געגעבן, טראָץ זיין שלעכטן ווירטשאפטלאכן מצב, פארן קרן=היסוד אין די יארן 1921—1924 אויפן רוף פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע. קיין אנדער אקציע, קיין אַנדער אָרגאניזאציע האָט אַזאַ גרויסע סומע ניט צונויפגעזאמלט. און דאַריבער האָט די פארברייטערונגס=ארבעט אין פוילן ניט געקענט האָבן אזא גרויסע חשיבות. דאָ האָט דער גאנצער פארברייטערונגס=

*) 1) „שלומי אמוני ישראל”, 2) פאָלקס=פארטיי, 3) „בונד”, 4) „פועלי ציון” (לינקע), 5) יידישער סוחרים=פאריין, 6) יידישער קליינהענדלער=פאריין, 7) יידישער האַנטווערקער=פאריין, 8) קאָאָפּעראטיוון=פארבאנד, 9) קולטור=אמט ביי דער צענטראלע פון די פראַפעסיאָנעלע פארייניגען, 10) פראפעסיאָנעלער פאריין פון דרוק=ארבעטער, 11) פאריין פון יידישע קינסטלער, 12) יידישער ליטעראטן און זשורנאליסטן=פאריין, 13) לערער=פאריין, 14) פארבאנד פון מיטל=שול=לערער, 15) אינזשיניערן=פאריין, 16) דאָקטוירים=פאריין, 17) אגודת הרבנים, 18) „טאָז”, 19) „אָרט”; 20) „בני=ברית=לאָזשע, 21) „מכבי”, 22) „בר=כוכבא”, 23) פרויען=פאריין, 24) צייטוו. יידישער נאַציאָנאל=ראַט, 25) „תרבות”, 26) „החלוץ”, 27) „השומר הצעיר”, 28) סקויטן=אָרגאניזאציע ע"ש הקפיטן טרומפלדור (דו"ח הועה"מ להסתדרות הציונית בפולניה, דף 12).

פּראָבלעם געטראָגן מער א טעאָרעטישן כאראקטער — וואָס עס האָט אויך געהאַט א ווירקונג אויפן קאַמף, וועלכער איז געפירט געוואָרן מיט אזא אייפער אין דער פּוילישער ציוניסטישער עפנטלאכקייט — ווי געהאַט א וואָס פאר עס איז פּראַקטישן זין. דאָך האָט דער גרעס־טער יידישער קבוץ אין אייראָפּא געמוזט האָבן זיין פארטרעטונג אין דער פארברייטערטער יידישער אַגענץ, און צוליב דעם איז מען צוגעטראָטן צו אָרגאניזירן דעם צוזאמענפאָר פון פּוילישן יידנטום פאר ארץ־ישראל.

אין דער זעלבער צייט זיינען אַנגעקניפּט געוואָרן באַציאונגען מיט די נים־ציוניסטן אין אנדערע לענדער, ווי אין ע נ ג ל א נ ד, ד ײ ט ש ל א נ ד, ה אָ ל א נ ד און ק אַ נ א ד ע*). די אונטער־האַנדלונגען וועגן זייער ארייַנטריט אין דער פארברייטערטער יידי־שער אגענץ האָבן זיך אַנגעהויבן. זיי זיינען אָבער נים געפירט געוואָרן אויף דעם פלאַך ווי אין פּוילן, ד. ה. אין דער ריכטונג צונויפצורופן לאַנדעס־קאָנפערענצן, אין וועלכע עס זאָלן זיך באטיילינן אלע יידן, וואָס ווילן מיטאַרבעטן אין א"י־אויפבוי, און וועלכע זאָלן אויסקלייבן די פאָרשטייער פון דעם געגעבענעם יידישן קבוץ אין דער פארברייַ־טערטער אגענץ. מען האָט דאַקעגן זיך פארשטענדיגט מיט אָרגאני־זאציעס, מיט פּערזענלאכקייטן, וועלכע מען האָט געוואָלט צוציען צום אויפבוי־ווערק. די אלע פארבינדונגען זיינען אָבער געוואָרן אָפּהייַנ־גיג פון פארלויף פון די אונטערהאַנדלונגען, וואָס זיינען געפירט גע־וואָרן מיט די נים־ציוניסטן אין די פאראייניגטע שטאַטן פון אַמערי־קע. זיי האָבן געהאַט די גרעסטע השפעה אויף דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון דער פארברייטערונגס־ארבעט און די גרעסטע באַ־דייטונג פארן פּראָבלעם פון פארברייטערן די יידישע אַגענץ.

---

דער לאָזונג פון שאַפן א פארברייטערטע יידישע אַגענץ, וועל־כע זאָל ארומנעמען אלע שיכטן פון פאָלק, וואָס זיינען גרייט מיט־צואַרבעטן לטובת דעם אויפבוי אין ארץ־ישראל, איז דורך די ציו־

---

*) Bericht der Executive der Zionistischen Organisation an den XIV. Zionistenkongress. London 1925, s. 23.

ניסטן געוואָרפן געוואָרן אויף דער יידישער גאס, אין די יידישע קבוצים. דער געדאַנק איז אויפגענומען געוואָרן דורך די ניט־ציוניסטן, ד. ה. דורך די יידן, וואָס געהערן ניט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע אָבער וואָס ווילן מיטווירקן אין אויפריכטונגס־פראצעס פון דער אין מאַנדאַט אַנערקענטער יידישער נאַציאָנאַלער היים. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אונטערהאַנדלונגען צווישןביידע פאראינטערעסירטע צדדים וועגן דעם אופן; ווי אזוי צו אָרגאַניזירן די צוזאמענאַרבעט פון די ביידע טיילן פון יידישן פאָלק.

אויף דער קאַרלסבאַדער יאר־קאָנפערענץ, ווען עס איז צום ערשטן מאָל באשלאָסן געוואָרן צו פארברייטערן די יידישע אַגענץ, איז אנערקענט געוואָרן אן אלוועלטלאכער יידישער קאָנגרעס פאר ארץ־ישראל אלס די בעסטע פאָרם פון דער דאָזיגער פארברייטערונג. דעם לאָזונג פון א וועלט־קאָנגרעס האָבן אָבער די ציוניסטן ניט געוואָרפן אין פאָלק אוים מורא, אז דער פרוב וועט ניט געלינגען, אז אין בעסטן פאל וואָלט מען באדארפט אויף דעם לאַנג ווארטן, ווייל דער פאָלק איז נאָך צו דעם ניט געווען צוגעגרייט. עס איז געקומען דער XIII קאָנגרעס און האָט באשלאָסן דעם וועלט־קאָנגרעס אָפלייגן אויף דריי יאר און ביז דער צייט אָרגאַניזירן אַ קאָנפערענץ פון די ניט־ציוניסטן, פון פאָרשטייער פון יידישע קבוצים און פארטרעטער פון יידישע אָרגאַניזאציעס, און שאפן א ראט פאר דער צוזאמענאַרבעט מיטן אַקציאָנס־קאָמיטעט. די א. ק.־סעסיע אין מערץ 1924 האָט דעם ראט פארביטן אויף א דזשוּאיש קאָנסיל, וועלכער זאָל באשטיין פון אַ העלפט ציוניסטן און ניט־ציוניסטן און וועלכער זאָל זיין אן אינסטאַנץ (א חוץ די שוין עקזיסטירנדיגע) פון דער יידישער אַגענץ מיט ברייטע קאָמפּעטענצן. דאָס האָט געזאָלט זיין דער ציוניסטישער קאָנגרעסער פארשלאַג אין די אונטערהאַנדלונגען מיטן צווייטן צד.

די דאָזיגע אונטערהאַנדלונגען עפענען א צווייטע תקופה אין דער געשיכטע פון דער פארברייטערונג פון דער יידישער אַגענץ. דער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט, אמת, גערעכנט, אז אין משך פון א יאר וועט די פארברייטערטע אַגענץ זיין א טאַטזאך, און האָט דאַריבער באשלאָסן, אז די יאר־קאָנפערענץ זאָל באַשטעטיגן די פארשטענדיגונג מיט די ניט־ציוניסטן. אין דער ווירקלאכקייט, אין רעאַליזירונגס־פראצעס האָבן זיך אָבער די ציוניסטן אָנגעשטויסן אויף גרוי־

סע שווערינקייטן און שטערונגען הן פון אָביעקטיווער נאַטור, הן מצד די „שותּפים" און הן פון אינווייניג. די פאַרברייטערונגס־אַרבעט האָט בכן זיך פאַרצויגן מער ווי פינף יאר און זיך געענדיגט מיט דער ער־שטער סעסיע פון ראַט פון דער יידישער אַגענץ אין מיטן אויגוסט 1929 אין ציריך. אין משך פון דער דאָזיגער צייט האָבן די ציוניסטן ניט איינמאָל געמוזט אָפּטרעטן פון זייער אָנגעצייכנטן פּלאַן ווי די פאַר־ברייטערטע אגענץ צו שאפן און אָפּזאָגן זיך פון פּרינציפּן, פאַר וועלכע זיי האָבן געקעמפט. דאָס האָט זיך טאַקע באַלד ארויסגעוויזן, ווען די קאָמיסיע פון די אַמעריקאַנער ניט־ציוניסטן, וואָס איז נאָמינירט געוואָרן דורך מאַרשאַלן, האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג פון די ציוניסטן וועגן פּראָוויזאָרישן כאַראַקטער פון דער פאַרברייטערטער אַגענץ.

אין דער צווייטער תּקופה זיינען שוין די ציוניסטן ניט געווען די איינציגע, וועלכע האָבן דעצידירט וועגן אופן ווי די אגענץ צו פאַרברייטערן, וועגן דער צוקונפטיגער פאָרם פון דער פאַרטרעטונג, וועלכע איז דורכן מאַנדאַט באַרופן געוואָרן מיטצואַרבעטן מיט דער א"י־אַדמיניסטראַציע אין די אַלע אַנגעלעגנהייטן, וואָס זיינען נוגע דעם אויפשטעלן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין א"י. די ציוניסטן האָבן זיך געמוזט רעכנען מיט דער מיינונג פון צווייטן צד, מיט זיין ווילן און שטרעבונג, אויב זיי האָבן געוואָלט, אז אין דער פאַרברייטערטער אַגענץ זאָלן אריינגעצויגן ווערן באמת אַזעלכע קרייזן, וואָס זאָלן א שטויס טאָן די אויפבוי־אַרבעט ווייט פאָראויס. דאָס האָט בלי ספק געווירקט אויפן כאַראַקטער און אויף דער געשטאַלטונג פון דער היינט עקזיסטירנדיגער פאַרברייטערטער יידישער אַגענץ.

דער קאַמף אינערהאַלב דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געפירט געוואָרן אין די ערשטע פינף יאר (1919—1924) ארום דעם צוציאונגס־ און פאַרברייטערונגס־פּראָבלעם, אָנהויבנדיג פון בראַנדייס־ווייצמאַן און ענדיגנדיג מיט גרינבוים־ווייצמאַן, איז פאָרט־געזעצט געוואָרן אויך אין צווייטן פּעריאָד. און וואָס מער מען האָט זיך דערנענטערט צום פאַרווירקלאַכן דעם פאַרברייטערונגס־געדאַנק, אַלץ שאַרפערע פאָרמען האָט דער קאַמף אָנגענומען, הגם די אָפּאָ־זיציע איז וואָס ווייטער אַלץ קלענער געוואָרן, און עס האָט זיך גע־

שאפן א סטאַבילע מערהייט פון אָנהייננגער פון דער פארברייטערונג, וועלכע איז גרייט געווען צו צאָלן פאר דעם א גרויסן פרייז. דער דאָ־זיגער קאַמף האָט אויך געלייגט זיין שטעמפל אויף דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן.

## סוף פון ערשטן טייל